STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00172

# GEZAMELTE LIDER

## Aaron Zeitlin

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Mary Ann Barrows Wark*
*in memory of*
*Sidney Barrows*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# געזאַמלטע לידער

אהרן צייטלין

# געזאַמלטע לידער

צווייטער באַנד

פאַרלאַג מתנות ניו יאָרק
1947

ארויסגעגעבן
פון פארלאג „מתנות"
ביים שלום עליכם פאלק אינסטיטוט

AARON ZEITLIN

# GEZAMLTE LIDER

COLLECTED POEMS

COPYRIGHT 1947
BY FARLAG MATONES NEW YORK, N. Y.

PUBLISHED BY
FARLAG MATONES
22 E. 17TH ST., NEW YORK 3, N. Y.

PRINTED IN THE UNITED STATES OF AMERICA
BY MARSTIN PRESS, INC., NEW YORK CITY
438

יוסף דילה־רינה

# יוסף דילה־רינה

חטא — אלופו של עולם
מסתתר בתוכו.
(דער בעש״ט).

## א

## צען אויף אַ באַרג

אַ באַרג אין מדבר.
אויפ׳ן באַרג אין מדבר —
ניין,
הויכע ניין.
עפּעס דאַרף דאָ זיין,
עפּעס ווילן דאָ די ניין —
און דער צענטער?

בראש פון אַלעמען שטייט ער.
אַלע זיינען גרייט,
דילה־רינה — גרייטער.

ס׳איז אין מדבר געוואָרן נתגלה
די תורה די כלה.
אין פייער האָט גאָט זיך געקליידט
און אין מדבר
גערעדט זיינע רייד.

ווערן מחיצות דאָ דין און דינער.
דער וועג איז דאָ נאָענט
פון ליכט צו ליכט, פון צינור צו צינור.

האָט אין אַ מדבר געבראַכט דילה־רינה
זיין עדה די קליינע.

העכער ווי די ניין די הויכע,
ווייסער ווי די ניין די ווייסע,
די הייליקע אנשי־מעשה,
שטייט ער, דער קאָפּ פון דעם מנין.
ס'איז פון אַלע ענינים דער לעצטער ענין —
דער ענין פון קץ.

שניי זיינע הענט:
אַזאַ ווייסקייט פאַרלענדט
מזיקים.
די תפילין — אַ מרכבה.
איינגעשפּאַנט אין דער מרכבה — אַ של־ראש.
דער של־ראש וויל אַ פלי־טאָן,
וויל זי אַ צי־טאָן —
און גאָרנישט.
ווי ס'וואָלט איר עמיצער באַפוילן: פּאַר נישט!

שטייט אַזוי דער וואַרטנדיקסטער פון של־ראָש'ן.
ווי ליידיקע היטלען פון בעטלערס,
וואו קיינער וואַרפט נישט אַריין קיין גראָשן,
שטייען די צען.

גאָרנישט געשען!
אין מדבר ברענט טאָג,
נאָר אין די היכלות איז פינסטער —
גאָרנישט צו זען!
ס'איז גרייט דער של־ראש דילה־רינה'ס
אַ שפּרינג־טאָן, אַ זינג־טאָן: טאָג, —
נאָר פינסטערע חצות'ן
הויערן איבער היכלות...
אורות — נאָך אַלץ פאַרשלאָסן,
עם דרעמלען עולם־מלא'ס.

געהייליקט אין סיגופים —
די גופים.
אַרויפצו געווענדט
די פּרצופים.
גואל, ברעך ווענט!
מיט יחודים
רופן אַ רוף נאָך אַ רוף אים
די נײַן,
און פון ספירה צו ספירה
פליען ווי הויכע לבנות
דילה רינה׳ס כוונות,
רירן אָן די מיטלסטע זײַל,
וואָס עס האַלט זיך אויף איר די יצירה.

ווען קאָן בײַשטיין די קראַפט
פון אַ צדיק אַזוינעם?

נאָר גאָרנישט.
עס רירן דערווײַל זיך אַ האָר נישט
די עליונים.

לענדער אויבערשטע
גיבן זיך אַ וועק, אָן אַנטפלעק,
אַ שאָקל מיט די העלע כתרים,
אַ וואונק — און אַוועק,
פאַרשוואומען ווי ווײַטע שיפן.
מצרים־הינט קומען צולויפן,
צויטיקע גרויסע מצרים־הינט.
לויפן גיהנמ׳דיק־פלאַקערדיק,
רויט־פאַקלדיק,
בילן אויס כל־הווילדקייטן.
ראַפּטום — נישטאָ! אַנטרונען!
גאָרנישט. שטילקייטן.

ס'האָט דער מדבר אָנגעטאָן אויף זיך אַ באַרג.
דער באַרג — אויף זיך אָנגעטאָן ניין מיט דילה־רינה'ן.
די טליתים וויינען.
ער קומט נישט.

זאַמדן לעבן אויף,
קריכן־צו צו זיי אויף אַלע פיר,
קוקן בעטנדיק: אויב נישט איר —
טאָ ווער?
ס'זידט זייער ברום,
קיין ענטפער קומט נישט;
קאָרטשען זיי זיך איין —
און קערן זיך אום
צום טויט־שלאָף.

עקדישן שטעלן זיך אויף,
פינקלען אויף ווי שפיגלען:
אויב נישט איר וועט אויפפּראַלן ריגלען —
טאָ ווער?
זיי פאַרקריכן ערגעץ צוריק —
משיח קומט נישט.

וואָס וועט זיין, דילה רינה?
ברענגען קאָן נאָר אַ ייד אים,
אַ ייד ווי דו,
ווי דיינע תלמידים.
ווען־זשע איז גאָט ממלא
פון זיינע וועלטן דעם חסרון?

מיטאַמאָל — אַן אשה!
ווי הויך אויף איר קעמל אַ כלה —
קומט לילית אָן צופאָרן.

ב

# לילית אַקעגנאיבער

אַ באַרג האָט לילית זיך אויפגעשטעלט
קעגנאיבער דעם באַרג פון די צען,
דעם באַרג פון אירע פאַרלאַנגען.
איר באַרג זעט ווי אַ קעמל אויס,
מיט דמשק׳ם טעפּיכער באַהאַנגען.
אַ באַרג, וואָס רוקט זיך צו,
אַ באַרג, וואָס רוקט זיך אָפּ —
אַ באַרג אַ פּאָרער.

אין נאַקעטקייט קלאָרער
שטייט זי אויפ׳ן באַרג,
בלענדט מיט אירע גרויסע פּיס
און מאַכט פאַמעלעך שאָקלען
אירע בריסט —
לענגליכע, שמאָלהאַלזיקע לאָגלען.

באַקן זיינען אירע היפטן,
קיילעכיקע, געוואַשענע.
אירע היפטן זיינען קיל ווי קוואַלן.
שוואַרץ וואַקסן די קשאַקעס פון אירע האָר —
אירע האָר האָבן מיילער.
זיי זידן ווי גיפטן.
וואָס הייסער זיי זידן —
קילער די היפטן,
קילער די בריסט.

מיט פינגער גרינגע
גיט לילית אַ פּאַך —
פייער, דם-נידה, רויש און קאָך!
בריל פון עריות
ווי בריל פון חיות!

און אויפֿאַמאָל —
קלאַנג דינער, דינסטער
פֿון וואַסערן,
וואָס זינגען אין דער פֿינסטער.

דילה־רינה — ווי שטייף, ווי גלייך!
צום באַרג געשמידט די פֿיס.
ער איז —
געפֿענגעניש, געפֿאַנגענער און קייטן צוגלייך.

אָפּגעקערט, אַרויפֿגעשרויפֿט — זיין קאָפּ.
ער גיט זיך קיין ריר נישט.
ער איז באַרג אויף אַ באַרג.
ס'גיבן זיך קיין ריר נישט
די תּפֿילין־באַפֿאַנצערטע ניין.
זיי שטייען דאָ אונטן,
נאָר אָט־אָט און זיי עפֿענען שפּונטן
פֿון הויכע פֿאַרבאַרגענע פֿעסער וויין.
עס פֿלאַטערן אותיות; עס שטעקן זיך אַריין
אין כּתרים די שפּיזן פֿון יחודים.
צירופֿים פֿון שם
גיבן ביי הענט זיך אַ נעם,
טאַנצן אויס ריקודים.
גלגלים
קוילערן זיך הויך איבער אַלעם.

אַ בשורה־טובֿה איז מען מכריז
באַלד, אָט באַלד,
אין אַלע וועלטן דעם בורא'ס.
דער סיטרא־אַחרא'ס
תּנינים, וואָס שלאָפֿן אין שוואַרצע יאָורות,
וועקן באַלד זיך איבער,

שרעקן זיך איבער,
גלאַצן: וואָס קומט דאָ פֿאָר?

וואויל דעם דור!
אַט באַלד! אַט-אַט!

נאָר לילית׳עם פּנים —
האַלב בענקשאַפֿט, האַלב שפּאַט.
אַ טאַנץ גיט אין אויער איר רונג,
זי גיט אַ זונג:
„מיין מאַן, דילה-רינה, זיי!
מיין בלוט, מיין טרייפֿקייט, מיין נידה
באַצווינג, דילה-רינה —
און איך ווער אַ ריינע!
האַר,
מיין ווידוי
הער!
ווער
קאָן פֿעלן מיר אַזוי ווי דו?
וואו
זאָל טומאה גיין, אַז נישט צו קדושה?״

(די ניין — אין זיך אריין: חצופה!
מויל אָן בושה!)

„יוסף, דעם עיקר פֿאַרגעסטו:
מיך, די טומאה, פֿאַרגעסטו.
ביסטו נישט מיין האָפֿענונג די גרעסטע?
דו, אַזוי הייליק —
ביזטו נישט מיין היילונג?
די טראַכט פֿון קליפּות
באַגערט פֿון אייביק אָן
צו הייליקע טיפּות.״

דילה־רינה׳ס חופּה־השדרה־בוים
גיט זיך אַ וואַקל ביים קלאַנג פון איר שירה.
באַפעלט פון אויבן דער של־ראש:
גלייך!
גלייכט זיך אוים, פול מיט יראה,
דער בוים.

שאַ! אַ כוס מיט וואַסער פון יצירה!
אין גרויסן גלאָז,
פול יצירה־וואַסער בלאָ׳ס
און בליצן ווי די קרומע שווערדן,
זיצט אַן עובר׳ל אַ נאָס־צעוווירנס,
אַ קינד אַ נישט־געבוירנס.

אונטער די וואָלקנס שווימט דער כוס
ווי אַ שיפעלע, ווי אַ פישעלע,
און ס׳ציט דילה־רינה די אָרעמס אוים,
ווי אונטערצוטראָגן אַ קישעלע
דעם נישט־געפורעמטן קינדעלע.

שטראַלנדיק קוקן זיך איין
די הויכע ניין:
משיח — משיח!

ג

## משיח דער נישט־געבוירענער

צוויי בערג: אויף איינעם — די צען,
אויפ׳ן צווייטן אַנטקעגן — די לילית,
און אונטער די וואָלקנס — דאָס קינד אין יצירה־כוס,
אין בליציקן כוס.

ס׳וועט געשען באַלד דער אות!
אין וואַסער צווישן די בליצן

טוט ס'עובר'ל זיצן —
און בליץ צום צווייטן רעדט אויף גיך:
ס'וועט געשען דער אות!

זאָגט דילה־רינה: ס'איז פרייד צו מיר!
אָט גייט צו מיר,
אָט גייט צו אונדז משיח!
גילוי איבער גילויים!
דאָס קינד פון אַלעמען'ס פרייד,
דער ילד שעשועים,
קומט נישט געבוירענערהייט!
מיר, הייליקסטער פון מנינים,
מיר'ן פאַרשטאַרקן די צירופים
און געבן אים אַ פּנים —
קומט ער פון יצירה־גלאָז
אין פורעם און געשטאַלט.

און ס'ענטפערן די תלמידים:
אין פורעם און געשטאַלט!
שטאַרקער, שטאַרקער די צירופים —
באַלד
קריגט ער דעם לויטערסטן פון גופים,
דעם ליכטיקסטן פון שיעור־קומה'ס.

רופט זיך לילית אָן: חלומות!

זאָגט דילה־רינה: תלמידים,
איר אויסדערוויילטע יחידים!
סיי די עשר ספירות דברודים,
סיי די עשר ספירות דנקודים,
ווען מיר געבן אַ ריר
מיט הייליקע יחודים,

און מיט'ן קינד דערפרייען
סיי אונטערשטן צלמות,
סיי אויבערשטע מרכבות.
אַרויסקריגן וועלן מיר דאָס קינד
אָן דער טראַכט פון אַן אשה,
אָן טמא בלוט פון אַן אשה,
אָן זוימען, אָן זינד, —
אָן סיטרא־בישא!
נחש'דיק איז דעם מאַנ'ס פאַרלאַנג,
טראַכט איז — שלאַנג!
דער נחש איז אין חוה'ן גופא.
קען דאָס, וואָס איז בייז און קראַנק,
געבוירן דעם גואל, די לעצטע תרופה?
משיח, דו דאַרפסט נישט געבוירן זיין:
מיר פורעמען דיך און באַפרייען דיך
מיט צירופים, הלבשות, תפילות,
אָן גלגול־מחילות
פון בלוט און טראַכט" — —

דאָס אַלץ הערט לילית —
און לאַכט.

ד

## משיח דאַרף אַ מאַמע האָבן

לילית דערלאַנגט אַ שפרונג,
איר באַרג דערלאַנגט זיך אַ רוק,
איר שפריצן די אויגן פונק נאָך פונק:
זי פאָרט צו דילה־רינה'ן.

הויבט דילה־רינה די הענט,
טריפט אוים מיט די פינגער,
ווי פון אַ קריגל,

טראָפּ נאָך טראָפּ, נ ק ו ד ו ת ׳ ו ו י י ז,
די לענדן פון אַן עיגול
אַרום זיין באַרג.
אַ לויף גיט דאָס הייליקע ראָד,
מוז לילית פאָרן אויף צוריק,
מוז ווידער שטיין אַנטקעגן,
עלנט ווי אַ זונה אַ פאַרטריבענע פון שטאָט.

דער עיגול איז דאָס הארץ דער וועלט׳ס,
דילה־רינה — אין מיטן הארץ.
ער און תלמידים — אינמיטן הארץ.

לילית זינגט: אַ הארץ דאַרף בלוט;
אַ הארץ מוז אָפּשטאַרבן אָן בלוט —
און איך בין בלוט.

לילית זינגט: געבורט דאַרף בלוט,
משיח מוז געבוירן זיין!
איך — דאָס שענסטע ווייב, מיין יוסף,
דו — פון מאַנסבילן דער ריינסטער:
ס׳קינד מוז אונדזער ביידנ׳ס זיין.
אָן אונדזער יחוד, יוסף מיין,
ווי קען דאָס קינד געבוירן זיין?
קומט עס אפשר פון מיין זיווג
מיט׳ן אַלטן אַשמדאי?
מיינסט געווים: פאַרפירן וויל איך.
מיינסט: דאָס שפּיל איך —
ניין!
דיך באַגער איך, דיר געהער איך,
דיר!
אָן דיר מיט מיר
איז אַלץ געוועגדט... וואָס גיסטו
דיין ליבט מיר נישט?

זאָגט דילה־רינה (און קוקט נישט אויף איר
בעת׳ן ריידן): דו בלינדע, דו וויסטע!
זעסט נישט גאָט׳ס וואונדער — דאָס קינד איז שוין דאָ.
די רייד דיינע זיינען אומזיסטע.
מיר וועלן דעם כוס צו זיך צוציען,
דאָס קינד משיח אַרויסציען,
און דאָס קינד וועט מאַן ווערן,
מאַן ווערן און גואל־זיין —
מיר וועלן פועל־זיין!

מאַכט לילית: ס׳אַ הימלישער קאַטאַוועס!
וואָס ליגט אַזוינס אין גלאָז?
אַ רמז אויף אַ פּרעשל!
ס׳פאַרשווינדט ווי אַ ווינט׳ס אַ בלאָז,
דאָס נישט־געבוירענע יש׳ל.
משיח דאַרף אַ מאַמע האָבן —
מאַך מיך פאַר משיח׳ס מאַמע!
אויפ׳ן פאָטער זיינעם וואַרט איך,
ער זאָל אויפריגלען דעם ריגל
פון מיין טראַכט,
פון מיין נאַכט.
נעם זשע צו דעם עיגול, יוסף,
נעם אַוועק דעם עיגול!

ח

## דער עיגול

אונטער די וואָלקנס שווימט עס אַלץ,
דאָס יצירה־גלאָז מיט די בליצן.
ווי לאַנג וועט ס׳עובר׳ל דאָרט זיצן?

באַפעלט דילה־רינה: דאַוונט!
זיי דאַווענען. דער עיגול לויפט.

פאָרט לילית צו צום עיגול׳ס שוועל,
קאָן נישט אַריבער און פאָרט צוריק.
פון טרויער ווערן די היפטן געל,
עס טונקלט דאָס קלאָרע געניק.
שטאַרבנדיקע פייגל — אירע ברוסטן —
הענגען קאָפּ־אַרונטער.
די גרויסע פינקלדיקע פּיס, די גלאַטע,
ווערן מאַט:
פּיס צאַנקענדיק־מאַטע
ווי איינגעדרייטע לאָמפּן.

דאָס גלאָז שווימט, דאַכט זיך, צו די צען —
און גאָרנישט:
פונדערווייטנס בלויז צו זען.
נענטער ווערט עס אויף אַ האָר נישט.
זיי זיינען שוין גאָרנישט מבשר,
די בליצן: אויך זיי זיינען בלינד,
ווי ס׳נישט־געבוירענע קינד,
וואָס ליגט געקנוילט אין וואַסער.

דער עיגול אָבער טרייסט.
ער לויפט קלוג־קיילעכדיק
און רעדט ברייט־מיילעכדיק:
„לערנט פון מיר, יהודים טייערע,
וועט איר משיח׳ן
אויס׳משיח׳ן.
גיט אַ קוק: איך בין מיר איך.
מיין אָנהייב איז סוף, מיין סוף איז אָנהייב.
קיילעכדיק בין־איך ווי דער פליך
אויפ׳ן קאָפּ פון עלטסטער חכמה.
כ׳לויף — און לויף נישט אין ערגעץ אַריין,
לויף — און לויף נישט אַרויס פון זיך.
איך רו אַזוי טיף, כאָטש איך לויף אַזוי גיך.

איילט משיח׳ן אויסצו׳משיח׳ן
איידער ס׳גייט די צייט פאַרביי,
נאָר איילן זאָלט איר פּונקט ווי איך:
מיט קלוגער שטילער לויפעריי
פון זיך צו זיך, פון זיך צו זיך.
זאָל אייער איילעניש פול זיין מיט רו,
לאָזט איבער אויף יענער־זייט די יסורים,
און גאָרנישט, גאָרנישט לאָזט צו זיך צו,
ווייל דער מינדסטער פון הרהורים
מאַכט אַ תל פון גאַנצן בנין.

„צענמאָל געוואָרנטער — דו,
דו, דילה־רינה,
קאָפּ פון דעם מנין,
וואָס צו דיר גלוסט לילית די שרעקליך שיינע!
אייטל ליגן רעדט זי, די סוטה,
וויל דיך מאַכן פאַר אַ חוטא.
ווי קען זי משיח׳ס מאַמע זיין?
זי וויל דיך נאָר מטמא זיין.
איר נעץ איז געשטריקט
פון חניפה־רייד דינע:
ליבשאַפט זינגט זי, נאָר אין איר איז שנאה.
וואָס דאַרף חושך ביים באַגינען?
וואָס קען באַגין ביי נאַכט געפינען?
זים זינגט זי, נאָר סם איז איר וויין״ —

דאַ רופט דילה־רינה זיך אָן צו די ניין:
וועלכע לילית
און וואָסערע דלילה׳ס
זיינען בכוח מיך צו פאַרקנעכטן?
תלמידים, איר קענט דאָך מיך
נישט פון נעכטן!

ענטפערן זיי:
זי מעג טאָג-און-נאַכט זינגען,
אויב זי וויל עס, —
נאָר ס'קען נישט אַ לילית
דילה-רינה'ן באַצווינגען.
יוסף רבנו,
איר באַגער איז אַ חיצון
און זי אַליין
פאַרגייט ווי די בליצן,
קערט זיך אום צום נישט,
וואָס פון אים טוט זי שטאַמען, —
דו אָבער וועסט
מיט אונדז צוזאַמען
זיך פרייען אין ליכט
פון דעם גואל'ס געזיכט!

ו

## טענה'ט לילית

זאָגט לילית די נישט-פאַרשטאַנענע,
לילית די נישט פאַרנומענע,
די אומגעבעטן געקומענע,
און דאָס קול אירס טרערט:

אַ באַפעל האָב איך געהערט:
גיי! — און כ'בין געקומען.
שטויסטו מיך אַוועק,
דו מיט דיינע פרומע!

טומאה! —
רופט דילה רינה פון הינטער'ן טלית.

זאָגט לילית: טומאה איז פינסטער —
וואָס זשע באַהאַלסטו זיך הינטער'ן טלית?
באַשטראַל עס
מיט דיין פּנים דעם צושטראַלטן!
כ'האָב מיין אַשמדאי דעם אַלטן
מיט אַלע שדים אָפּגענאַרט,
אויסגעזינדיקט
מיט וועמען ס'האָט זיך נאָר געלאָזט, —
און נישט אויסגעהיילט מיין תאוה.
וואָס מער איך האָב געזינדיקט, יוסף,
מער געאייטערט האָט מיין תאוה,
וואָס מער מיין תאוה האָט געאייטערט —
קנאַפּער האָט מיך לייב געזעטיקט,
וואָס קנאַפּער ס'האָט מיך לייב געזעטיקט —
מער האָב איך באַגערט
צום מאַן דעם ריינסטן אויף דער ערד.
וואונד און אָפּגרונט בין איך —
וואָס היילסטו נישט מיין וואונד,
מיין אָפּגרונט וואָס פאַרשיטסטו נישט?
די הענט באַהאַלטסטו,
די הענט, וואָס דאַרפן היילן!
אין טליתים, ווי אין היילן,
פאַרקריכט איר!
הייליק זייט איר דאָך —
וואָס באַהאַלט איר די געזיבעטער?
ביסט דאָך הייליק —
וואָס-זשע האָסטו מורא, דילה-רינה?
דאַרף פאַר אומריין ציטערן דאָס ריינע?
ס'קינד משיח! לאַנג שוין, לאַנג,
וואַרט איך, לילית, אויפ'ן קינד
און — אויף מיין פאַרשווינדן.

ווילאַנג איך האָב דאָס קינד נאָך נישט —
פאַרשווינד איך נישט,
קאָן איך נישט פאַרשווינדן!"

איר רעכטע ברוסט
נעמט זי אין איר רעכטער האַנט.
ווי אַ קינד'ס אַ קעפּל,
ווי אַ יתומל'ס אַ קעפּל,
איז די ברוסט ביי איר אין האַנט.
קוקט זי
אומעטיקערהייט,
רעדט זי
אַזעלכע שטילע רייד:

באַגערטער מיין, באַשערטער מיין!
וואָס קוקסטו נישט? וואָס זעסטו נישט?
פון מיר וויל ס'קינד געבוירן זיין,
דו יוסף מיין!
נישט א י ך בין דיין נסיון,
נאָר דאָס גאָרנישטל אין גלאָז.
כ'ווייס, דו ועסט נישט גלויבן,
נאָר ס'קול, וואָס האָט געזאָגט מיר: ג י י!
איז געווען פון אויבן.
איך בין געשיקט פון אויבן. ——

פון טלית שטעקט דעם קאָפּ אַפיר
דילה־רינה, טוט אַ פיר —
האַלב מיט ביטול, האַלב פאַרגאַפט —
מיט די אויגן איבער איר.

און די ניין, די שטרענגע ניין,
שטעקן קעפּ אַרויס און הויבן
צאָרנדיק די הענט:

„דו — פון אויבן ?
שפחה חרופה, חצופה, שווייג !”

שטיל ענטפערט לילית: אויב איך לייג,
זאָל מיך טויטן גאָט דער האַר...
טרערן בליצן אויף אירע וויעס.
תפילה׳דיק פאַלט זי אויף די קניעס
און מורמלט: שכינה, זע מיין צער !

ז

## איינזאַמער אשמדאי

אַוועק איז אַשמדאי צו אַלטע שדיכ׳עם
מיט מיילער איינגעפאַלענע און איינגעדאַרטע קינען,
מיט אייגעלעך וואָס גרינען
ווי אַגרעסן ווילדע.
ער זינדיקט מיט זיי זינד, וואָס זיינען אים דערעסן,
גרעבצט אָפּ ווי נאָך אַן עסן,
קלאַפּט אוים דאָס ווייסע בערדל אויפ׳ן ווינט,
ווי אַ שטיקל בלעך, —
עך, עך,
וואו נעמט מען אַמאָליקע כוחות, —
און זידלט זיך אַליין משוגעוואַטע:
„דו שמאַטע !
ווי אַ רויך איז
אַוועק דיין לילית, עובר-בטל׳דיקער תרח.
זי האָט דיך טיף אין דער אדמה,
דו שרץ-טמא, —
האָט זיך פאַרנומען אויף אַ נייעם דרך.
אַוועק איז זי צום תפילה-באַרג,
אַוועק צו חברה תפילהוואַרג,
און קומט נישט צוריק, כאָטש צעריים זיך אויף שטיקער !”

ווען ער איז שכור,
כאַפּט ער אין פאַרביילויף אָן אַ ציג,

טייטלט אין די גלאנציק־נארישע
אייגעלעך אריין: צוריק!
און שליידערט זי אויף הינטערווייעלכץ בייז אוועק,
ווי שמשון — די אייזלשע באק.

אין זיין הייל דער שטיין־פארחתמעטער פארקריכט ער,
ווען ער איז ניכטער,
ליגט ווי א רעגנוואָרעם, קנוידערט זיך צונויף,
פארמאכט די אויגן און גיט א לויף
מיט'ן זכרון
צו לילית'ן און צו איר לייב דעם קלארן.

ווער האט געקאָנט זיך ריכטן?
געקומען עפעס א ייד,
וויל ברענגען ס'ליכט פון ליכטן!
אויסטערלישע געשיכטן — — — — —
און אין דער מיט —
זיין לילית!

גיין צו איר? רופן זי צוריק?
חלילה וחס!
חלילה איבער חלילה'ס!
אפשר שפעטער...
אז עס שפארט איר אָן דאס משוגעת,
העלפן נישט קיין בקשות, קיין תחנונים, קיין תפילות.

לעבציק ליגט ער, פרעפלט: „לי — לי — לילית'ל!
קום, כ'האב אָנגעגרייט פאר דיר א ניי רכילות'ל —
האסט דאך ליב געהאט רכילות..."

שווארץ איז ארום אים און שטיל איז.
אין דער שטילקייט פרעגט די הייל:
וואו ביסטו, לילית?...

שטיל איז.

ח

## דערוואַרטונג

די וואָלקנס איבער'ן באַרג
שאָקלען זיך ווי זיפּן.
עס טוט דורך זיי זיך זיפּן
אַ בשורה.

ווינטן מיט פרישע ליפּן,
מיט ווייך־צעפלאָשעטע בערד,
קומען פון הימל אויף דר'ערד
ווי קעניגלעכע לויפערס.
זיי לויפן אַרום דעם באַרג
מיט ליפּן ווי פייפלען.

די שעה פון רצון גייט —
צו וועמען גייט זי ?

לילית זאָגט : צו מיר.
דילה־רינה זאָגט : צו אונדז.
פרומע דערפרייט זי.

אָט עפנט זיך, — שטראַלט ער, — דער שער נון,
ווי דער מזרח, ווען ער לאָזט אַרוים די זון.
נישט אומזיסט אויפ'ן באַרג געשטאַנען !
תנין שטאַרבט נאָך תנין
אין זיין פינצטערן מצרים'שן יאור —
און איבעראַניים ווערט באַפוילן :
יהי אור !

און ס'זאָגן אים נאָך די ניין :
אַזוי וועט זיין ! אַזוי וועט זיין !
נישט אומזיסט אויפ'ן באַרג געשטאַנען !

תנין שטאַרבט נאָך תנין
אין זיין פינצטערן מצרים'שן יאור —
און איבעראַניים ווערט באַפוילן:
יהי אור!

זאָגט לילית: אַ וואונדער, —
נישט דאָס וואונדער, וואָס איר מיינט!
איך האָב געוויינט,
איך האָב צו איר געבעטן.
זאָל ז י מיין עדות זיין,
זאָל ז י דיר זאָגן, יוסף.
מיין פיין איז פאַר איר געקומען,
מיין תפילה איז פאַרנומען.
די ווינטן זאָגן איר אָנקום אָן,
שמעקן פריש ווי היי אויף לאָנקעס.
קומען וועסטו באַלד צו מיר
פון די וועגן, וואו דו בלאָנקעסט.

ט

## מ ט ר ו נ י ת א

שיינען וואָלקנס מיט נייער שיין.
עפּעס שניידט זיך אין זיי אַריין,
שווימט, שווימט —
און פייערט אַרויס,
זייערט אַרויס ווי וויין.

ליכט!
ליכט-טראָפּנס גרויסע, בלאַנקע, זיסע.
זעסט?
די מטרוניתא!
אויף אַ וואָלקן-ראַנד האָט זי וויים
זיך געטאָן אַ וויַיז.

עס ווייט
פון איר קלייד
מיט'ן ריח דעם בשמים'דיק-פרישן
פון די אויבערשטע עפּל,
די תפּוחין קדישין.

צען גרויסע רעדער שיין
רינגלען זי אַרום,
רעדערן זי איין,
זינגען שירה
מיט שטראַליקער הכנעה:
שבירירי, ברירי,
רירי, רי —
ס'איז זי, ס'איז זי,
שכינתא תתאה!

ווי עס זינגען אַזוי די רעדער,
די גרויסע רעדער שיין,
פאַלט אויפ'ן פּנים דילה-רינה,
פאַלן אויפ'ן פּנים די ניין.

ווי אַ לבנה, גרייט צו שטעלן
חופּה מיט'ן ים דעם העלן,
שטראַלט לילית:
אינגאַנצן גלאַנץ איז זי און שפּיגל.

קוקט די מטרוניתא:
פון דעם מנין — אויפ'ן עיגול,
פון עיגול — אויפ'ן עובר'ל אין גלאָז,
פון אים — אויף לילית'ן.

אצילות'ן —
הויך איבער העכערס —

הויבן זיך איבער איר
ווי צעעפנטע פעכערס.

זי זאָגט: ווערסטו ווערט זיין —
ווערסטו דערהערט זיין!
שטיי אויף!
שטייט אויף!

שטעלט דילה־רינה זיך אויף,
נאָך אים די גיין.
ער זאָגט: איך הער!

די מטרוניתא גיט אַ וואָרף
אַ ראָד אַהין, אַ ראָד אַהער,
לייגן זיך די רעדער אוים צופוסנס,
צען שעפער־הינט געטרייע.
די הענט אירע, געהויבענע,
פאַרשטעלן ס׳פנים איר,
ווי זי וואָלט שבת־ליכט געבענטשט,
און צו דעם מענטש,
וואָס וויל משיח׳ן און שטייט שוין גרייט,
גייט
איר וואָרט אַזוי:

— ביסטו הייליק —
גיי מאַך הייליק שלאַנגען!
און הער נאָר, הער:
— נישט איך בין, מענטש, אין גלות —

— טאָ ווער?
ווער?

— לילית איז אין גלות!
ווילסט משיח׳ן —

מוזטו אויסלייזן
נישט מיך, נאָר זי!

— אָט־די?
און וואָס איז מיט׳ן קינד אין גלאָז?

— נישט ווערט די מי!
וואַסער איז נישט בלוט!
וואָר האָט זי גערעדט — — —
איז דעם הימל ליב,
דאַרף ד י ר זיין ניחא!
געבויר מיט איר דאָס קינד,
נעם־איין יריחו!

שכור פלאָנטערט זיך
דאָס גלאָז אונטער די וואָלקנס,
ווי צום אויסגליטש גרייט.
די בליצן לאַכן־אויף מיט קרומע ציין,
ווי זיי וואָלטן געחוזק׳ט פון זיך אַליין,
דאָס יצירה־וואַסער שמייכלט
דורך געוויין —
און קלענער ווי אַ טרער
ווערט ס׳משיח׳ל.

די אצילות׳ן —
הויך איבער העכערס —
פאַרמאַכן די פעבערס.

זי גיט די אַקסלען אירע דעםווינט.
וואָלקנס טוען זיך אָן עפן.
די רעדער, די געטרייע הינט,
לויפן איר נאָך: זיי בילן ליכט,
זיי וואַרפן פאַרב,
און פאַרשווינדן הינטער איר.

נאָך זיי
שלעפּט זיך, ווי אַ לאָמער פֿויגל,
דאָס יצירה־גלאָז אַוועק.

פֿאַרשלאָסן ווערן וואָלקנס.
דער באַרג פֿון צען — פֿאַרלאָשן.
בלויז לילית ברענט,
ווי אַ פֿענסטער אָוונט־צייט,
צו דילה־רינה'ן געווענדט.
גלוסטיק וואַרטן אירע חנ'ען,
נאָר זי זעט דילה־רינה'ן
זיך בויגן צו דער ערד.

די ניין
בלייכן זיך ווי ליין.
איז אַלץ פֿאַרפֿאַלן?

דעם טלית לאָזט
דילה־רינה פֿאַלן,
און צו די הימלען רעדט ער
היים און שווער,
וואַרפֿט ווערטער
ווי אַ בוים די לעצטע בלעטער,
איטלעך וואָרט — אַ טרער:
„אַ קלעטער נאָך אַ קלעטער
האָב איך געקלעטערט אַרויפֿצו —
הייסט מען מיך צו שלאַנגען גיין!
כ'קען נישט הייליק מאַכן טומאה!
ניין!
שטייגן קען איך — אָדער פֿאַלן!
לאָזט מיך שטייגן!
לאָזט!"

פון העכסטן שווייגן
פון אייזערנע הויכקייטן, אויבערשטן פראַסט —
אַ קול:
„אויב אַזוי —
פאַל!"

## די נפילה

וואַרפט דילה-רינה די תפילין אַראָפּ,
רייסט דילה-רינה דעם טלית פון זיך,
רייסט דילה-רינה דאָס בגד אויף זיך.

אויף גיך
ציט דער עיגול צעניויף די פּאַלעס,
הויבט זיך אויף און שפּאַנט אַוועק.

גאָרנישט זאָגן די תלמידים. זאָל עס
זיין פון שטוינונג צי פון שרעק?

דער פאַרנאַכט לייגט זיך ברוין
איבער'ן מדבר.
לילית מיין קרוין, —
זאָגט דילה-רינה, —
אַט טו איך זיך אויס,
אַט וואַלגער איך זיך ביי דיינע פיס.
קום,
נעם אַרום,
שטעך אַדורך ווי אַ שפּיז!
איך האָב נישט קיין ברירה,
אַחוץ עבירה.
ווי קען איך צו קדושה דיך הויבן, אַז גאָט
האָט דיך באַשאַפן טמא צו זיין?

כ׳קען טמא נאָר ווערן ווי דו — נישט מער!
אויפגעהערט האָב איך נשמה צו זיין:
גוף בין איך, נאַקעטקייט, מיסט...
אומזיסט די סיגופים, די תפילות אומזיסט —
קלענער ווי קליין בין איך, קלענער ווי קליין.
צום זיווג שטיי איך גרייט. נישט וויין!
האָסט דאָך געוואָלט, איך זאָל זיין דיין מאַן.
אונטנסטע אונטנקייט איז מיר געבליבן.
הויכקייטן האָבן געזאָגט: עד כאן!
הויכקייטן האָבן מיך אויסגעלאַכט,
משיח האָט זיך מיר אויסגעדאַכט.
די הויכקייטן לאָזן נישט ווייטער גיין, —
צינד, לילית, מיר דיין שייטער אָן,
וועל איך אויפ׳ן שייטער גיין.
פרעס מיין באָרד, דאָס לייב מיינס זויף!
אויף די הוילע קוילן פון דיינע קני
זעץ מיך אַרויף —
און ברי!
מיט האָר פאַרדעק,
און פגר איך אַוועק —
צום לעבן נישט וועק!
ערוה! עבירה!
ערוה!

שווידערן די ניין.
רעדט דער עלטסטער צו דילה-רינה׳ן:
זאָל זיין ווי דער שופר פון חרם מיין מויל!
זאָל מיין זאָג דיך פאַרשטיינען!
אויסגעמעקט ווער פון גאָט׳ס בוך!
פון דיינע כפירה-רייד גייט אַ געריך
ווי פון אַ נבלה — —
פאַראומריינטע כלי,
מיר גייען אַוועק!

פון צעפּלאָמטן פּנים רינט דער שוויים אים.
ער לאָזט זיך גיין. די רעשט גייט נאָך.
די שאָטנס פון זייערע לאַנגע טליתים
ציטערן איבערן זאַמד ווי די שפּיזן.

שפּעט דילה-רינה: „אַ גבורה געוויזן!
פאַרשטיינט!
צדיקים, ס׳בלייבט לילית מיר נאָך״ —

אָבער לילית וויינט.

יא

## דילה־רינה׳ס טויט

„לילית, וואָס וויינסטו?
וואָס שטייסטו אַליין אויף דיין באַרג,
וואָס קומסטו נישט צו,
וואָס וואַלקענען זיך דיינע בריסט,
וואָס ברעכסטו די הענט?״

אַזוי פרעגט דילה-רינה —
און זי ענטפערט: „אומזיסט
פאַרביטן אויף דיר מיין נאַרישן שד!
מיט וויפיל לייבער האָט לילית געזינדיקט?
וואָס גיסטו מיר? חטא?
משיח׳ן וועל׳מיר נישט געבוירן!
אונדזער קינד וואָלט געווען אַ שרעטל,
וואָלט געווען אַ טכוירל!

„נישט בעטל!
מיין אָפּגרונט ווערסטו נישט פאַרשיטן,
מיין וואונד — נישט היילן.

אויפהייבן קענסטו מיך נישט —
ווילסט כ'זאָל מיין תהום מיט דיר טיילן.
כ'האָב געהאַט אַזאַ מין גאַרונג
און האָב זי אָנגעוואוירן —
משיח'ן וועל'מיר נישט געבוירן!

צו וועמען זאָל איך גיין?
צו אשמדאי'ן, דעם אַלטן בעל־עבירה,
וואָס אייביק איז ער מעלה־גרה
זיין ביסל זינדעכץ?
צו בעלי־קרי?
צו קליינעם שרעטלשן געהינטעכץ?
דו!
וואָס נעמסטו דיר די אויגן נישט אַרויס?
אומזיסט געהאָפט, אומזיסט געהאַרט —
האָסט גענאַרט.
מיין ליבשאַפט ווערט ווי שנאה האַרב.
פאַר מיינע פיינען נאָ דיר טויט —
שטאַרב!"

זי גיט אַ שפרונג און אַ באַפאַל אים,
ווערגט מיט הענט, מיט פיס, מיט האָר.
דער לבנה'ס קאַלטער באַלעם
קוקט ווי ס'ראַנגלט זיך די פאָר.

— ער כאַרכלט אויס אַ „שמע"
און שאַ.
אָן אַ ריר ליגט דילה־רינה.

יב

# הונט בלאָדן

באַגיניק צעפלאַמטע ווייטעניש
שניידט פאַסן פון דער פינסטערניש.

פייערט ס׳זאַמד פון דער וויסטעניש,
און עקלעך שאָקלט שדימוואַרג,
טאַנצט אַרום דעם תפילה־באַרג:
וואויל! וואויל! וואויל!
לילית האָט אים שטום געמאַכט.
טויט! טויט! טויט!
לילית האָט אים אומגעבראַכט.
וואויל! וואויל! וואויל!

שטיל! שטיל! שטיל! —
צעבייזערט זיך מיט אַ ביל
בלאָדן, הונט פון הינט. —
שטיל! שטיל! שטיל!
וואָס טאַנצט איר, שוטים, וואָס פרייט איר זיך?
אַ גדולה אויף זייערע עקלעך!
אמת, זי האָט געטויט אים,
נאָר נישט פון שנאה, שוטים,
נייערט פון ליבשאַפט! הערט זשע אויף —
שאַ, שאַ, שאַ!

פון ליבשאַפט גאָר? אַזוי?
ווערן אַנטשטומט געזאַנגען.
עס גיבן זיך די שדים
אַ שליידער ווי די שלאַנגען —
באַץ אַריין אין זאַמדן!

בלאָדן לויפט־צו צו לילית׳ן:
וואָס איז עס פאַר אַ שטייגער?
וואָס היטסטו אַ טויטן לייב?
וואָס זיצסטו איבער זיין פגר?
איך, לעבעדיקער הונט,
איך וואָלט געוואָלט פאַרשטיין עס:
וואָס טויגן דיר, — האַוו־האַוו, —
געפגר׳טע דילה־רינה׳ס?

קום, רייט אויף מיר, דעם הונט,
צו דעם, וואָס נישט דו קענסט׳ן
און נישט עס קען אים די וועלט:
צום שטן צו דעם שענסטן.
ער וועט דיין מאַן, דיין מאַן זיין!
איך איינער קען זיין וואוין.
די אויגן פון מלכי־אדום —
איינגעפּאַסט אין זיין קרוין.
עס פירן צו אים געשאַנקען
דער טומאה׳ס גרעסטע שרים
און קניען פאַר אים, דעם קייסער
פון תהומ׳ישע קייסאָרים.
צו אים איז עולה־רגל
די אַלטע קליפּת־קין.
דאָס וואַסער פון גרויסן אָפּגרונט
טוט זיין לייב באַנייען.
זיין יונגשאַפט ווערט נישט עלטער,
ער איז דער מאַן פון מאַנען!
שטאַרק איז ער ווי שטורעמס
און פריש ווי אָקעאַנען.
צו א י ם וועל איך דיך ברענגען!
זעץ דיך אויף מיר — איך לויף — — —
וואָס גאַפסטו אויפ׳ן פּגר?
קומט דיר ביי אים אַ חוב?
צאָלן דען מתים חובות?
ביסטו דעם פּגר׳ס שקלאַף?
איך ביל דאָך צו דיר — וואָס שווייגסטו?
הב־הב! הב־הב!
האַוו־האַוו!

זי גליווערט איבער׳ן טויטן.
קיין וואָרט איז נישט צו הערן.

די ליפּן אירע פאַרזיגלט
און אָפן אירע טרערן.
איינע אַ טרער, — אַ הייסע
ווי די תשובה פון חוטאים, —
גיט אויף דער פעל בלאַדנ׳ס
אַ שפּריץ — און בריט צום טויט אים.

הוילן טוט ער: אַ שרפה!
תהום, מיין ביל דערהער —
אַהער, אַהער, אַהער!
קום און לעש! ס׳פאַרברענט מיך
לילית׳עם אַ טרער — —

ער לאָזט זיך מיט בהלה
לויפן — ווי אַ קללה
הילכט זיין בילעריי.

מיט אַ מחנה שטויבן
יאָגט אים נאָך די וויסטעניש.
ס׳דעקט אים צו די וייטעניש.
שאַ. פאַרביי.

יג

## דער סוף

נישט געקאַנט דעם צער מער האַלטן
האָט ס׳האַרץ פון אשמדאי דעם אַלטן.
אפשר וועט לילית זיך פאַרט באַקלערן,
אפשר וועט זי אים פאַרט דערהערן.
אפשר וועט זי אים געדענקען
דעם חסד פון יונגע זינד —
ווילאַנג איז דער שיעור צו בענקען?

איז ער זוכן זי אװעק.
נישט לײכט געװען דער גאַנג, נישט לײכט:
זיך געשלעפּט װאו די װעלט האָט אַן עק,
געאָכצעט, געגאַװערט, געפּרײכט,
זיך געכאַפּט בײ דער ברוסט,
געהוסט, —
און סוף־כּל־סוף, מיט װײטיק אין די קנאָכן,
דערקראָכן.

דערזעען זײן לילית װײנען
איבער דעם טױטן דילה־רינה׳ן,
און — אַן שטעקן געלענט
מיט פאַרחלשטע הענט —
אַ פרעג געטאָן נכנע׳דיק:
לילית, װאָס װײנסטו?

װיל זי נישט קוקן.
ער זעט נאָך איר רוקן.
גלאַנצט איר רוקן — אין האַרץ אים אַ מעסער,
אַ מעסער פון מעסערס!

— האָסט בעסערס?
קום צוריק — כ׳בין דיר מוחל דײן גרײזן!
כ׳װער אײזן,
אויב װידער װערסטו מײן לילית!
איך פיל עס — —
װער װידער מײן װײב!

האָסטיק דרײט זי אויס דעם קאָפּ
און מיט האַרבן טראָפּ
גיט זי אַ שנײד: איך בלײב!

אויף זײן פּנים — יסורים פון גסיסה.

פון אַ וואָלקן שיקט אַפער
איר האַנט די מטרוניתא.
איר פּנים זעט מען שוין נישט מער.
פינף זילבערנע פייגל
גיבן לילית'עס נאַקן אַ גלעט;
אַ מוטער־קול רעדט:

„טאָכטער, איך ווייס,
אַז דיין בלוט ברילט ווילד,
איך קען
די ווייען פון דיין לענד.
אַ דילה־רינה אַ צווייטער,
אַ דילה־רינה אַ שטאַרקער,
קומט אין טעג פון דער ענד,
און ער, ערשט ער,
טוט דיר דיין באַגער
און טויט דיך דורך באַהעפטונג.
ס'מוז זיין דעם גואל'ס טאַטע
אַזוי שטאַרק ווי דו מאָלסט זיך אים, טאָכטער!
זיין זון, אויף צו ברענגען גאולה
דער וועלט דער פאַריאָכטער,
איר געבן תיקון און תקומה,
מוז קריגן בירושה
זיין טאַטנ'ס עזות דקדושה
און זיין מאַמע'ס קענען די טומאה,
איר מיד־זיין פון טומאה.
און קומען וועט ער, דיין מאַן,
און ס'קינד געבוירסטו אים, טאָכטער —
און ווערסט דערלייזט —
און פאַרגייסט —"

— גייסט?
פּרוואווט אשמדאי צום לעצטן מאָל.

לילית זעצט זיך אין אלמנה׳שאַפט.
איר וואָרט איז שטאָל:

אויפ׳ן מאַן דעם רעכטן,
וואָס זיין קדושה וועט מאַכט זיין;
וואָס זיין ליכט וועט שטאַרקער
פון מיין גאָרער נאַכט זיין;
וואָס וועט דעם זון פון מיר אַרויסקריגן
און וועט פון גאָר מיין נאַכט אַ תל מאַכן;
וואָס וועט מיין טויט מיר העל מאַכן; —
אויף אים, דעם האַר איבער האַרן,
אויף זיין פאַטערשן זוימען,
וועל איך דורות אויף דורות האַרן,
און מעג ער זיך זוימען —
איך וואַרט!

דאָס קול דער מטרוניתא׳ס
פאַרענדיקט צאַרט
ערגעץ אין די רוימען:
און כאָטש ער טוט זיך זוימען —
ער קומט!

ערשטע ווערסיע: 1926

# נאָך פּאָעמעס גרעסערע און קלענערע

# חירם דער גאָט

## אַן אַלט־יידישע לעגענדע

### א

זיבן הימלען טיף אין ים אוקינוס
האָט געלאָזט זיך מאַכן
חירם, האַר פון צור.
געזאָגט האָט חירם, האַר פון צור:
וואָס איז צור? די וועלט!
איך — פון צור דער גאָט!
נו, בין איך, חירם, נייער וועלט־גאָט.
ס'האָט דער גאָט דער אַלטער
זיבן הימלען אויבן —
איך, נייער, האָב זיי אונטן,
און שענער זענען מ י י נ ע!
אָ, מיין גלאָז, מיין בליי, מיין אייזן!
אָ, מיין קופּער און מיין שטאָל!
אָ, מיין גאָלד און זילבער!
ז י י ן גאָלד קען איך דאָך:
וואָלקן־גאָלד אַביסל,
ווען די זון גייט אונטער,
וואָלקן־גאָלד אַביסל,
ווען די זון גייט אויף.
און לבנה־זילבער האָט ער
מיט אַביסל שטערן־זילבער.
בליצוואַרג, דונערוואַרג — אַ צוגאָב!
מ י י נ ע בליצן
בליצן בעסער,
מ י י נ ע דונערן
דונערן בעסער —
איך בין שטאַרקער, איך בין גרעסער!

מיין ערשטער הימל איז
פון צור'ער גלאָז געגאָסן —
אַ ריזיקער גלעזערנער פיש!
גלאַנציקע גלעזערנע פלאָסן!

דער צווייטער הימל — אייזן!
אַ פויסט אַן אייזערנע, גרייט צום שלאָג!
ציטער, וועלט, און קלאָג!
אָט וועל איך דיר באַווייזן!

מיין דריטער הימל — שטאָל!
שטאָל איז ער אינגאַנצן!
ס'ארא לענג און ס'ארא ברייט!
כ'פאַרבעט די שטורעמס טאַנצן.

אַ בלייערנער איז דער פערטער!
ער זינגט מיר אויס אַ ליד פון בליי,
אַ בלייערן ליד אָן ווערטער.

דער פינפטער איז אַ קופערנער!
אַ הימל ווי אַ קופער־שלאַנג!
קופער־קלאַנג ווי גלעקער־קלאַנג —
ס'הילכט פון אַלע זייטן.

דער זעקסטער איז פון זילבער.
איבער די וואַסערן הענגט ער
ווי אַ בילד פון בילדער.

דער זיבעטער איז דער שענסטער!
פון אַלע גאָלדן — גאָלדיקער!
און פון אַלע, און פון אַלע
גוואַלדיקייטן — גוואַלדיקער!

אויפ'ן זיבעטן וועך זיצט?
איך, חירם, גאָט פון צור,
איך, גאָט פון גאָר דער וועלט!
דאָ זיץ איך מיר אין גאָלד,
זעקס הימלען מיר צופוסנס,
מיין גאַרטל — דער אוקינוס.
טו איך וואָס איך וויל!
הײם איך קוילערן שטיינער
איבער מיין קופּער־הימל, — דונערט!
פאַלן בוימער אויף דער טריקעניש,
טויט איך מענטש און פי!
און צינד איך אָן מיין גאָלד־הימל —
שלאָג איך אַלץ מיט בלענדעניש!
וויים מען: חירם בליצט!
חירם הערשט פון איצט,
הערשט פון איצט ביז אייביק!

ב

אין הימל אין דעם זיבעטן,
דעם זיבעטן, דעם גאָלדענעם,
זיצט חירם מלך־צור.

אַרום זיין טראָן־שטול פלאַטערן
אין גאָלד־געווענדער וואונדערלעך
די אַלערשענסטע יונגפרויען,
די יונגפרויען פון צור.

זיי פעכערן דאָס פנים אים,
באַפאַלן אים מיט קושונגען
און זינגען אוים זיין רום.

און הארף שפּילט וויים־אַרום
דער ברומיקער אוקינוס.

און ליכטיק ווי לבנות
פלאַטערן די יונגפרויען,
און יעדע נאַכט געהערט צו אים
אַן אַנדערע, אַן אַנדערע.

מען ברענגט זיי אים אין ים אַראָפּ,
מען פירט זיי אים פון צור אַראָפּ —
און חירם שרייט, אַ שכורער
פון ווייַנען און פון יונגפרויען:
„איך מענטש, דער נייער גאָט,
איך האַר, ביי וועמען פרעג איך?
אַלץ וויל איך און אַלץ מעג איך!"

## ג

אָט דער הויכער ייִד
מיט דערווילדער באָרד,
ווי ים־געוויקס פאַרפלאָנטערט;
אָט דער הויכער ייִד
מיט שרייענדיקע אויגן,
אָט דער הויכער ייִד —
ווער האָט אים דאָ אַריינגעלאָזט?

און ס'איז געווען, — הויבט אויף דער ייִד
אַ האַנט אַ פּאָכיקע,
אַ לאַנגע און אַ קנאָכיקע, —
און ס'איז געווען דער זאָג פון גאָט:
גיי אין ים, צום האַר פון צור,
און ריידן זאָלסטו
אין זיינע אויערן — לאמור:
גרויסקייט האָסטו מיין זעל
און אַ פרעך האַרץ איז מיר דערווידער.

צו חירמ׳ס הימלען נידער —
און זאָג אים אָן זיין בראָך!

— ווער האָט אריינגעלאָזט? —
שרייט חירם מלך-צור. —
ווער האָט אריינגעלאָזט?
וואו זענען מיינע וועכטער?

טרייסלט זיך דער גאָלד-הימל אינגאַנצן,
דאָס גאָלד הערט אויף צו גלאַנצן,
די יונגפרויען
הערן צו פלאַטערן אויף און צו פעכערן.

טוט דאָס קול זיך נאָכמער העכערן:
אַרויס, — זאָגט גאָט, מיין גאָט, —
פון די ריינע וואַסערן מיינע!

— זיינע?
זאָג אים: חירם האָט קיין פאָרכט נישט —
און געהאָרכט נישט!
שענער האָב איך דאָס געמאַכט —
פון איצט אָן בין איך דער האַר!
איך, דער מענטש, האָב אַלץ אין האַנט:
אַז איך דונער — טויט איך!
בליץ איך — מאַך איך בלינד!

כ׳טויט אַ קינד
און זויף מיר וויין!
אַלע לעבנס, אַלע לייבער —
מיין!
וואָס איז זינד?
אייטל שפּיל!

ווייל איך, וואָס מען מעג נישט!
מעג איך, וואָס איך וויל!
און קיין חשבון — פרעג נישט!

זאָל זיך נישט דערוועגן
אַ חשבון ביי מיר פרעגן
דער גאָט דיינער, דו נאַר!

דער הויכער
בלייבט אַ רגע שטאַר.
כיטרע קוקט אים חירם אָן.

— נביא דו פון אַלטן גאָט,
איך בין גאָט דער נייער —
און אַ נביא וויל איך ק ו י פ ן — — — —
זאָג: ווי טייער?
וויפיל ווילסטו? זילבער קריגסטו!
גאָלד באַקומסטו! פון די יונגפרויען
אַרום מיר
קלייב איך דיר אַ ווייב אויס...

חירם צאָרנט שוין ניט מער.
חירם שמייכלט.
חירם וואַרט דעם ענטפער אָפּ.

שמייכלט חירמ׳ס הימל —
כיטרע שמייכלט חירמ׳ס הימל.
שמייכלען צאַרט די יונגפרויען
אין גאָלדענעם געוואַנד.

נאַר פינסטער ווי אַ וואָלקן הענגט דעם נביא׳ס האַנט.
פון דער שרפה נאַר אין זיינע אויגן
גיסט זיך פייער
איבער חירמ׳ס גאָלד.

— איך, יחזקאל, זון פון בוזי,
וועל דעם קאָפּ פאַר דיר נישט בויגן!
הער דאָס וואָרט פון גאָט׳ס געזעצן:
ווען דער מענטש וויל ווערן ג אָ ט —
ווערט ער ח י ה!
אין אַ שטייג וועל איך דיך זעצן!

— טויטן אים! — שפּרינגט חירם אויף,
מיט די פויסטן טוט ער זעצן.

— טויטן אים! — שרייט־נאָך
ס׳גאַנצע גאָלד פון גאָרן הימל.

זעקס הימלען אונטן טוען זיך אַ צינד,
וואַרפן זיך ווי הינט:
— טויטן!

די יונגפרויען אין גאָלד־געוואַנד
רופן הילפלאָז: טויטן!

נאָר דער נביא איז נישטאָ מער.
ווי אַריין — אַזוי אַרויס.
האָט געזאָגט — און איז נישטאָ מער.

ד

פון ים־אוקינוס שיקט שטאַפּעטן חירם,
זיי זאָלן אים דעם יידן־נביא זוכן,
ברענגען גיכער נאָך ווי גיך אים.
אויף אַלע וועגן זוכן אים די שליחים —
נישט מען הערט און נישט מען זעט!
ס׳איז אים צ ב א ו ת שוץ און שירעם!

באַלד פלאַצט דיין מלכות, חירם.

ה

און ס'איז געווען נאָך אַלדי זאַכן
און צ ב א ו ת האָט געשיקט
פון פאַר זיין אַנגעזיכט אַ שטורעם —
און איינגעוואָרפן האָט דער שטורעם
די הימלען, וואָס צו חירמ'ען.

און אויסגעשפּיגן האָט דער ים
דעם האַר פון צור מיט אַלדי זייניקע.

און נבוכדנאצר איז געקומען,
באַלאַגערט צור, די מלוכה־שטאָט,
פאַרטיליקט צור, די מלוכה־שטאָט,
און אין געפאַנגנשאַפט גענומען
דעם האַר פון צור, דעם מענטשן־גאָט,
און אויפ'ן שטייגער פון די זיגער
אים אין אַ שטייג אַריינגעזעצט,
אין אַ גרויסער שטייג פון אייזן,
דעם בבל־פאָלק צו ווייזן.

טרייבט שפּאָט דאָס פאָלק און ס'לאַכן קינדער:
„דיין טראָן, דיין הימלען־טראָן באַשטייג!"
ס'האָט פון חירמ'ס אַלע הימלען
זיך אויסגעלאָזט אַ שטייג.

.1936

## דער צאַר און דער „תניא"

א

אין פעטער־פּאַוועל־פעסטונג, אין דער תפיסה פון די צאַרן,
רויכערט זיך אַ פינסטער לעמפּל אויף אַ נאַסער וואַנט.
שאָטנס קוקן קרום מיט שפּיצל־אויגן פון זשאַנדאַרן.
אויף דער הוילער ערד — אַ ייד אַן אַרעסטאַנט.

ס׳איז שניאור־זלמן פון ליאדי. מסירה האָט אין קייטן אים געשמידט.
מתנגדות האָט אהער אריינגעוואָרפן אים, דעם תלמיד פון דעם מגיד*).
אָט בליצט עס נאָך אין ווינקל דאָרט, דאָס אויג פון פינסקער מסור,
דעם מתנגד.
נאָר גאָרנישט שטערט די גאָט־פאַרהאָרכטע רו פון זיין געמיט.

פאַרטיפן טוט ער זיך אין גאָט, אָט ווי די פעלדער פון דעם ווייסן,
שטיל־וואָלקנדיקן, שטרענג־פאַרטראַכטן רייסן.
זאָל פילדערן דער שטן און זאָל עשו זיין אַ כעסן...
וואויל דעם, וואָס האָט קיין צאָרן און קיין עצבות נישט געהאַט!
וואויל דעם, וואָס לעבט אין חכמה־דעת־בינה!
דער עיקר איז מחשבה ווייסע, דינע,
דער עיקר איז חב״ד.

ב

שלעפּט זיך אַ שכור׳ער פּאַוועל דער צאַר,
פּאַוועל דער צאַר.
פינסטער און דאַר
שלעפּט זיך אים נאָך אַ משוגענער צער,
טייטלט מיט פינסטערע פינגער אויף אים:
משוגענער צאַר!
גאָרנישט הערט פּאַוועל אין ווינטן קאָשמאַר.
שלעפּט זיך אַ שכור׳ער פּאַוועל דער נאַר,
פּאַוועל דער צאַר.
— בראָנפן און ווייבער־לייב! האַר בין איך, האַר! —
שרייט פּאַוועל דער צאַר.

ג

נאָר ווער, צום טייוול, קאָן דען אויסהאַלטן אַ נאַכט ווי ד י?
דאָס קאָן שוין נישט אַפילו פּאַוועל... טשאָרט וואָזמי,
וואָס איז עם פאַר אַ נאַכט?

*) ר׳ בער פון מעזעריטש.

קריכט ווי אַ מויז אַ גרויסע, קריכט—און ס'וויל נישט ווערן פרי.
דער שאַרבן קראַכט, און זי — זי קריכט.
ער קראַכט, זי קריכט —
און נישט צו וויסן וואָס און ווי!

עך, טשאָרט וואָזמי!
ער וואָלט אַ נאַכט אַזאַ אַ הינטישע געכאַפּט,
צעקלאַפּט,
צעשמיסן,
און פאַרשיקט זי, די קאַנאַליע, אויף סיביר —
און זאָל זי וויסן!

מען זאָגט: אין פעסטונג זיצט אַ רב.
אַ כישוף־מאַכער מוז ער זיין אַ גרויסער —
זיין אַרבעט מוז עס זיין — יעי באָהו!
שטר — ראָף!
גענומען און געבראַכט
אויף זיין קאָפּ דעם צאַרישן אַזאַ מין נאַכט.
המ... קרעציג פּי!
ער וועט אים שוין! ער וועט אים! טשאָרט וואָזמי!

ד

און אפשר זיך ניט אָנהויבן מיט אים? ווער ווייס אים?
יידן!
שרעקלעכער ווי שדים! פאַרכטיקער ווי מתים!
דאָך... פאָרט...
ס'ציט...
עפּעס ווילט זיך אָנקוקן דעם ייד...
עך, טי!
טשאָרט!

ה

אַ שווערער שלאָף באַפאַלט דעם צאַר:
אַ זעץ אין קאָפּ ווי מיט אַ האַק,

א וואָרף אַריין צו זיך אין זאַק,
און אַ פאַרשלעפּ, און אַ פאַרטראָג.

און צומאָרגנס ערשט בייטאָג,
יאָ, בייטאָג אַ זייגער צוויי
שטייט ער אויף און קוקט זיך אום.
— אַלץ זיין כישוף! כישוף... הום...
אַ, דער רב! דער ייד! איך גיי!

ו

וואַקלט זיך אַריין צאַר פּאַוועל אין דער טיר.
דאַכט זיך: אָט — און ער וועט נעמען גיין אויף אַלע פיר
ווי אַמאָל נבוכדנאצר.

—זעלמאַן ברוכאָוויטש... זעלמאַן...—רעדט ער אָן אַ זייט.—
אין די פּאַפּירן שטייט, אַז דיינע לייט
האַלטן פאַר אַ מאַן אַ געטלעכן דיך, זעלמאַן...
ווייס איך: ביזט אַ שווינדלער און אַ כישוף-מאַכער! וואָט!
נאָר ביזטו יאָ אַ מאַן פון גאָט —
זאָג מיר דו, אַ שטייגער, אַ ן אַ זייגער,
זאָג אָקאָרשט, ווי שפּעט ס'איז... דאַרפסט דאָך וויסן...
ווייסטו נישט, דו הונט, — דו ווערסט געשמיסן
און אָפּגעגעבן פאַר סאָלדאַט!

שניאור-זלמן קוקט אָן פאַרכט. נאָר רוסלאַנד'ס צאַר
קוקט מיט טויט-אַנגסט און מיט חשד.

ז

—דאָ איז נאַכט, — זאָגט שניאור-זלמן. — נאָר איך ווייס:
ס'איז טאָג.

און צוויי אַ זייגער איז מיט כך-וכך מינוטן.
—פאַרשווערער איינער... זעלמאַן... האָסט ביי זיך אַ זייגער!
כ'וועל שמייסן... בלוט וועט גיין! גיב אָפּ מיט גוטן!

—מיין זייגער איז אין מיר... פון אינעווייניק ווייס איך...
—ליגנער איינער! זעלמאַן! דו פאַרפירער!
דעם זייגער ווייזן, סוואָלאַטש! הענגען הייס איך!

—ס'איז אין מיר מיין זייגער... ס'איז אין מ י ר ער...

אַז כ'וועל דיר זאָגן — וועסטו דען פאַרשטיין?
צירופים צוועלף פון שם-הויה לייכטן מיר ביי טאָג,
און ס'לייכטן מיר צירופים צוועלף פון אַדוישעם*)
ביינאַכט... און ווערליג די צירופים ווייס איך און איך זאָג
די שעה'ן און מינוטן... און געלויבט השם —
כ'קאָן וויסן אויך דעם טאָג, ווען מיינע קייטן פאַלן...
ווי ראָסע וועט אויף רייסן זיך אַראָפּלאָזן מיין וואָרט...
און כ'קאָן דיר זאָגן, אויב דו ביזט אַ בעלן,
ווען ס'פאַלט דיין קאָפּ...
— מאָרד! מאָרד! —
שרייט אוים דער צאַר. — ווער וועט מיך טויטן?
— ז י י!
די לייט דיינע, די מקורבים!
— אַ געשריי —
און דער משוגענער, דער שרפה'דיקער קאָפּ פון צאַר,
ווי צוגעקוועטשט מיט בלייערנע געוויכטער,
לאָזט זיך אַראָפּ... און זע: פאַר שרעק פאַרקריכט ער
צווישן די אַקסלען — און בלייבט ליגן שטאַר.
צום בראָנפן-ריח מישט זיך צו אַ הארבער ריח פון בית-עלמין.
פאַוועל גייט אַרוים —
און ס'שאָקלט מיט'ן קאָפּ נאָך אים רב שניאור-זלמן.

ח

ווערט ווידער שטיל — און רעדלעך פון צירופים
דרייען זיך אין אים ווי שרייפלעך זייגערדיקע.

*) שם-הויה און אַדוישעם — יוד-קיי-וואָוו-קיי און אדני.

דרייט זיך אַן אַ זייט אַ רעדל, שטילער, בלויער
ווי אַלע, קוקט אים אָן מיט בליקן העלע און סניגור׳דיקע.
דער צירוף לייגט זיך ליכטיק אויס און גלאַט:
— יוד־טית כסלו, תקנ״ט.

ער ווייס, אַז דעמאָלט עפנט זיך אים אויף די תפיסה,
עס וועט זיין זון זיך אַנגורטן מיט שיין, —
און דאָס וועט זיין
נאָך פּאַוועל׳ס בייזער מיתה.

# דער רבי רב נחמן

## א

אין אומאַן, פאַר׳ן פענסטער פון אַ הויז,
וואָס גייט אַרויס צום בית־הקברות,
שטייט אַ יונגער הויכער ייד
מיט אַ בערדל אַ שאַרפס, אַ שמאָלס, אַ שוואַרצס,
און אַ הויך־געוועלבטן שטערן —
אַ הימל
מיט צוויי צאַנקענדיקע שטערן.

נחמן בראַסלעווער איז געקומען
און זיך באַזעצט קעגנאיבער׳ן בית־עולם אין אומאַן,
מתקן צו זיין נשמות.
ער קוקט אַרויס און מורמלט:
לא אמות כי אחיה — לא אחיה כי אמות.
ס׳איז דיזעלבע זאַך.
טויט און לעבן — היינו־הך.

איבער די מצבות
שוועבן ציטערדיקע שיינען.
אַלע מיתות לעבן.
דורות טענה׳ן.

פון הינטער די מצבה־שטיינער
ציען זיך הענט:
צדיק האמת,
אונדזער געבעט — פֿאַרנעם עס,
לייז אויס אויף אַן אמת!
לייז אויס!

איבער׳ן בית־עולם־גראָז דעם גלאַנציקן, דעם הויכן,
קוילערן זיך אויגן.
זיי זוכן אַ קאָפּ.
ס׳ווײַנט דער ווײַסער צאָפּ
פֿון אַ בתולה אַ פֿאַרגעסענער, אַ פֿאַרזעסענער.
בוגרות׳ן אין איין העמד
לויפֿן מיט נאַקעטע הענט,
טרינקען דעם ווינט׳ס אָטעם דעם ווײַניקן —
נעבעך!
הרהורי־עבֿירה פּייניקן,
תאוות שטיקן —
זיי דאַרפֿן תיקון.

בעטלער לויפֿן באָרוועס
מיט געלע גרויסע פֿאַרלאַטעטע טאָרבעס,
שטעלן הענט אויס נאָך נדבֿות —
ס׳האָט נישט געקאָנט זיי מאַכן פֿאַר אויס אָרעמלייט
דער מלאך־המוות.
שנאָרן זיי — פֿרעג ביי ווּעמען —
מחמת רגילות.

אַ ייד אַ חזן
זינגט אויס ימים־נוראים׳דיקע תּפֿילות.
ער קוקט זיך אום:
וואו זיינען די משוררימלעך?
וואו די שול?

מיט טרערן ווערט דער האַלז אים פול —
ס׳געזאַנג ווערט פאַרשניטן
אין מיטן.
דערמאָנט זיך אַ שוסטערל,
וואָס קלאַפּט טשוועקעס אין זויל,
און נעמט זינגען מיט אַן אומעטיק מויל:
„חטאינו הוא ימ־חול —
זרענו וכספּנו
ירבה כ — חול״ —
און האַקט פּלוצלינג אָפּ,
ווען אַ מלמד׳ל זעצט זיך אויף אַ שטיין
מיט אַ געוויין:
ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט דער זמן —
און קיין געלט איז נישט פאַראַן —
מיט וואָס פאָרט אַהיים צו ווייב און קינד
אַ ייד אַן אביון, אַן אָרעמאַן?

ער ווישט זיך די טרערן מיט אַ רויטער פאַטשיילע.
אַ מגיד קומט אָן, שטעלט אַוועק אַ קערה.
אָט שטייט ער אויף אַ שאָטנדיקער בימה,
שטעלט אָן די אויגן די שטאַרע,
עפּעס איז אים קשה —
האָט פאַרגעסן די דרשה.

אַ ליכטל ברענט אין מיטן טאָג.
ס׳שאָקלט זיך אַ מתמיד׳ל ביים שטענדער.
אַ קליין ווייס געזיכטל.
אַ דערשראָקן ליכטל.
פון וויטע לענדער
קומט אַ שד״ר,
אַ הויכער, אַ ברוינער, אַ ייד אַ גבר —
רעדט לשון־קודש — —
אַ וואָרע מאַכט! עס גייט דער פרנס־חודש —

דער שד״ר האָט פאַרגעסן ווער ס׳האָט אים געשיקט.
דער פּרנס-חודש וויל גיין אין קהל-שטוב —
נישטאָ די קהל-שטוב.

שאַט!
ס׳רירן מיט פאַרבלוטיקטע גלידער
קדושים פון ת״ח און ת״ט,
גיבן זיך אַ שליידער ביז עק פעלד
צעשניטענערהייט,
אַלטע, יונגע, קינד און קייט —
מצבות וואַרפן זיך פון זייט אויף זייט —
די זון — אַ לאָגל מיט בלוט,
דער ווינט שרייט.

דער מענטש ביים פענסטער
איז מיחד יחודים און מכוון כוונות.
אין די אויגן שפיגלען זיך אים לבנות.
די ווינקלען ליפּן
פלאַטערן פון רחמנות.

ב

די בעטלער די זעקס,
פון דער מעשה מיט די זיבן,
שוואַרצן די גרענעץ פון וועלטן:
די שטעקנס לויפן, די בערד —
רויטע בלעטער, פון ווינט געטריבן.
זיי שניידן זיך אַריין צווישן מצבות,
שטעלן זיך אָפּ מיטאַמאָל,
קאָפּ און טאָרבע — אויף אַהינטער פאַרוואָרפן,
און פרעגן זעקס מאָל
אויף לשון-יידיש׳דיקן לשון-קודש:

את הבעטלער השביעי —
דעם זיבעטן אָרעמאַן —
ווי נעמט מען אים אַהער?
איך לוקחים אותו בכאן?
הבעטלער האחרון —
דער בעטלער דער לעצטער —
ווען מאַכט ער, אַז דער קץ
זאָל זיין אַ געקצ'טער?
ר' נחמנ'קע, דו ווייסט!
טרייסט אונדז אַ טרייסט!

ביים בית-עולמ'שן פּלויט
וואַלגערט זיך דער חכם,
באַוויינט זיינע קלוגע דרכים —
און ס'גייט אים נישט איין דער טויט.
קומט אָן דער ברודער זיינער, דער תם,
אין בלאַנקע בגדים פון אַ מיניסטער,
און דער חכם דער וויסטער
שרייט צום תם דעם מיניסטער:
הויב אויף, ברודער-לעב, האָב רחמנות —
איך קען מיך נישט אויפהויבן פון גרויס חכמ'ערייַ —
כ'וואַלגער מיך אַרום סכנות —
אַ חכם צו זיין איז נישט כדאי.
אַ חכם צו זיין איז אַ גרויס געפאַר,
דער נאַר איז אַ חכם, דער חכם אַ נאַר.

דער תם, דער מיניסטער,
אַ טרער איבער'ן ברודער פאַרגיסט ער,
און ער זאָגט: כ'קען דיר געבן די האַנט,
נאָר אסור, אויב ס'וועט העלפן, ברודער חכם!
זיך אַליין מוזסטו געבן די האַנט,
דו מוזסט גלויבן אין דעם מלך מלכי המלכים.

אַך און וויי, נעבעך, צו די חכמי אתונא!
צוערשט מוז מען האָבן ס׳ביסעלע אמונה,
ווערט מען אַ שטיקל כלי —
און די חכמה קומט שוין ממילא.

שטרעקט דער אָרעמער חכם
צו רב נחמנ׳ען די הענט:
כ׳האָב דיך דערקענט.
ביזט דאָך דער צדיק רב נחמן,
דער גרויסער רחמן.
אמונה קומט דורך אמונה,
ס׳איז צבת בצבת עשויה —
גיב זשע מיר אַ ישועה,
שטעל אונטער אַ פּלייצע!
כ׳קאָן מיר נישט געבן קיין עצה.
אויב נישט די הילף דיינע,
צדיק יסוד עולם,
וועל איך אייביק זיך וואַלגערן
ביים פּלויט פון בית־עולם.

ג

די אויגן מינוטנלאַנג פאַרגלייזט
איז רב נחמן אַריין און אַרוים,
איז רב נחמן אַראָפּ און אַרויף
(דער סוד פון רצוא ושוב!) —
און אַלעמען האָט ער געטרייסט.

איז מיט געזאַנגען
זיך צעגאַנגען
דער גאַנצער עולם.

די זון אויפ׳ן בית־עולם —
אַ ליכטיקער גלגל.

אין גלגל גייט אויף
ס׳פּנים פון דעם עלטער-זיידן, דעם בעל־שם.
נחמנ׳קע, — רעדט ס׳פּנים, — פאַרגעם!
כ׳בין געקומען דיר אָנזאָגן אַ בשורה,
אַז דיינע מעשיות האָבן אַ גבורה —
פליגלען האָבן זיי באַקומען
און רוישן אין די עליונים.
ס׳האָט זיך דאָ קיינער נישט געריכט
אויף אַ כח אַזוינעם.
היכלות פרייען זיך אַ פרייד.
וואו מע גייט און וואו מע שטייט —
רוישט מיין נחמנ׳קעס אַ מעשה!
זאָג איך דיר אַ יישר כח
פאַר׳ן כח!
לך בכוחך זה —
קלאַפּ אָן אין דער העכסטער טיר!
גיי אַלץ העכער, מיין קינד, און דערפיר
מיין אַרבעט ביז צום סוף.

דעם עלטער-זיידנ׳ס פּנים
איז אינגאַנצן גנאָד.
דעם עלטער-זיידנ׳ס פּנים
גייט שמייכלענדיק צוריק אַריין אין ראָד.

דער מענטש טרעט אָפּ פון פענסטער.
אין מיטן חדר שטייט ער
אַ הויכער, אַ צעשטראַלטער,
און רעדט אַ דערפרייטער:
ער אַליין, דער אַלטער,
ער, זכותו יגן,
איז מיר געקומען זאָגן,
אַז מיינע מעשיות טוען זיך
אין אַלע עולמות טראָגן.

ס׳ווייסן אַלע שרים
ווער עס איז רב נחמן.
דער שומר פון די שליסלען איז ער
און דעם הימל׳ס וואַכמאַן.
די תפילות זיינע גליען.
די מעשיות זיינע פליען.
דאָס פייער זיינס וועט טליען
ביז משיח׳ס קומען.

ד

פלוצלינג ווערט ער שטיל,
ווערט אויפאַמאָל שוואַרץ־מראה׳דיק,
מרה־שחורה׳דיק־כמאַרעדיק.
ער הויקערט זיך, ווערט נידעריק,
און טענהט מיט די הענט מיט ביידע:
אויף וועמען קריגסטו, שפּאָלער זיידע?
אויף וועמען קריגט איר אַלע?
אויף אַ מענטש, וואָס איז נישט איך!
ווער איז אייך מיך מגלה?
איר קענט מיך נישט, איר ווייסט נישט —
סתם זיך אויסגעטראַכט אַ מענטש,
און מיט דעם אויסגעטראַכטן מענטש
פירט איר מחלוקת,
דערגייט אים די יאָרן.
וואָס ווייסט איר פון די לוחות,
וואָס ליגן אין מיין אָרון?

נאָך נידעריקער בויגט ער זיך,
גייט ביי־דער־ערדיק,
וויל פון זיך גופא אַנטגיין.
ס׳זיינען ביטערער ווי די מחלוקת׳ן פון דרויסן
די מחלוקת׳ן אין אים אַליין.

עס ברענען אין אים סתירות.
מחמת ער האָט זוכה געווען צו שמחה,
אַ שמחה, וואָס רירט אַזש אָן די ספירות,
מוז ער דורך די נעכט און דורך די טעג
מיט די קליפות פון עצבות
פירן אַ געשלעג.
מחמת ער איז דער גרעסטער,
מוז ער זיין דער קלענסטער.
ער מוז זיין דער מיאוסטער
מחמת ער איז דער שענסטער.
די מעשיות זיינע —
פליגלען האָבן זיי באַקומען!
נאָר די פליגלען קאָסטן אים
טויזנט באַהאַלטענע מום'ען.
יאָ, ער איז דער טייך,
וואָס שווענקט אַרונטער אַלע פגם'ען,
נאָר כדי דער טייך צו זיין, וואָס פלייצט
אַלעמענ'ס פלעקן אַוועק,
מוז ער אויף זיין דעק
טראָגן יעדן פגם און יעדן פלעק.
יאָ, ער איז דער קלוגער תם,
וואָס איז געפּאַנצערט אין אמונה,
נאָר כדי דער תם צו זיין —
מוז אויסזויגן דעם דם־תמצית זיין
דעם חכמ'ס איטלעכע מידה־מגונה.
ער מוז כסדר דער נאַרישער חכם זיין,
כדי דער קלוגער תם צו זיין.
כדי גאָט'ס פלאַם צו זיין,
מוז ער נאַכט־ווערן כסדר.
שאָטנדיק שאַרט ער זיך איבער'ן חדר.
ביטער, ביטער.
די חכמה ברילט אין אים ווי אַ געוויטער,

און ס׳הערט דער חכם זיך נישט אויף צו מישן
אין דעם תמ׳ס עסקים.

ער, וואָס איז געווען אַט־ערשט
אַ תומך בגאותו שחקים —
איינער, וואָס האַלט די הימלען אונטער;
ער, וואָס האָט אָט ערשט געוואוסט,
מיט איטליכן טראָפּן בלוט געוואוסט,
אַז אין אַלע וועלטן זונט ער, —
מיט צוקנדיקע אַקסלען
פאַלט ער אַנידער אויף דער ערד,
און נישט ער זעט און נישט ער הערט,
ווען ר׳ נתן, זיין תלמיד,
לענט־אויף מיט אַ פּאַרזיכטיקער האַנט
די טיר צום רבינ׳ס חדר,
וואָס זיין איינציק פענסטער שטייט אין וואַנט
ווי פון אויבערשטן אויג דער אַפּגלאַנץ.
ר׳ נתן זעט:
דער רבי וואַלגערט זיך אין שטויב,
דער רבי רייסט זיך די האָר פון קאָפּ.

ס׳בית־הקברות קעגנאיבער
ציט זיך מיט אַן איבערדעק אַ שוואַרצן איבער,
זעט אוים ווי אַן עגלה.
די עגלה
באַגלייטן ווינטן מיט אַ יללה.
שרים אויבן ציטערן.
תיקונים באַהאַלטן זיך.
יחודים שפּאַלטן זיך.
קללות
דונערן איבער היכלות.

רוקט זיך ר׳ נתן אַרוים אויף שפּיץ פינגער
און מיט צעטרייסלטע באָרד־און־פּיאות

פאַלט ער אַריין אין בית־מדרש,
פאַררוקט זיך אין אַ ווינקל,
כאַפּט אַרויס אַ פּאַפּיר מיט אַ בלייער
און פאַרשרייבט:
„סע ברענט אַ פייער!
דער רבי ליגט אויף דר׳ערד און וויינט.
מיט זיינע בכיות איז ער מטהר
דעם פינסטערן אויר פון דער וועלט,
און אויפשטיין וועט ער, אם ירצה השם,
מיט אַ מעשה גאָר אַ נייער.
קען זיין, דער דור וועט זוכה זיין
צו אַ תיקון גאָר אַ הויכן
און דער רבי וועט זיך אויפהויבן
מיט אַזאַ מין גדלות־דמוחין,
אַז ממש אַלע קליפות
וועלן ווערן צעריבן,
און אין אונדזערע יאָרן — בימינו,
מיט די אייגענע אויערן — באזנינו,
הערן מיר דעם סוף פון דער מעשה מיט די זיבן,
וואָס איך האָב זי עד־גמירא נישט פאַרשריבן.
דענסטמאָל וועל אויך איך,
הקטן נתן מנעמיראָוו,
אפשר משיג זיין אויף אַן אמת —
און נישט בדרך רמז —
ווי מע האָט זיך געפרייט
אויף יענער התונה דער שיינער,
וואָס פון די לעבעדיקע
איז געווען דאָרט איינער:
מורנו ורבנו רב נחמן.
אפשר וועלן מיר, אין זכות פון דעם סוף,
אַליין אויף יענער חתונה ווערן די שושבינים.
טאַנצן וועלן מיר מיט ליכט אין די הענט,
ווען ס׳וועלן חסדים ברעכן די דינים,

און דער נמשל פון דעם רבינ׳ס הייליקע מעשיות
וועט אונדז בפועל ממש פאַר די אויגן שטיין,
און אפשר וועלן טאַקע מיר אַליין
זוכה זיין דער נמשל צו ווערן!
ווער קאָן וויסן וואָס פאַר אַ תיקונים עס גרייטן זיך,
ווען דער רבי רב נחמן אַליין
ליגט אויסגעצויגן אויף דער ערד
און וויינט אַ געוויין?״...

## ח

צומאַרגנס. אַט זון, אַט כמאַרע.
אַט וויינט מען אין דער הויך, אַט לאַכט מען:
רב נחמן ווי דער טאָג,
דער טאָג ווי רב נחמן.

דאָס עסק פון דעם עלנטן בן־אדם, —
זאָגט רב נחמן מיט אַ זיפץ, —
דאָס עסק פון דעם מענטש, דעם בידנעם פרא־אדם,
אויף אָט דעם עולם — איז אַ טיפס, אַ טיפס.

עפּעס וויינט ער אָן טרערן; דערנאָך טראַכט ער,
און פּלוצלינג לאַכט ער:
נתן, היים דעם עולם גיין, — דו בלייב!
מיר׳ן זיך נאַריש מאַכן ביידע.
דורך מעשי־נערות,
היינו, דורך דעם, וואָס אַ מענטש מאַכט זיך נאַריש,
געפינט ער זיין נשמה, די אבדה.
נשמה, זאָלסטו וויסן, איז אַ זאַך,
וואָס מע האַלט אין איין געפינען און פאַרלירן,
און אַז מע פאַרלירט — קומט דער חומר צו־נוץ:
ער ווערט אַ מגלה־טמירין.

מע צעטרייסלט אים, דעם חומר, מיט שטיק אַלערליי,
מע גיט זיך אַ יאָג און אַ טראָג און אַ דריי,
מע גיט זיך אַ פֿאַרשטעל — אַ דאגה וואָס —
לונג-און-לעבער אויף דער נאָז —
כ'בין נישט איך — כ'בין כדרלעומר — —
און דורך פֿאַרשטעלעניש און אויף-צו-כלומרשט,
דורך די תנועות און העוויות פֿון דעם חומר,
דערשלאָגט מען זיך צום ביסל וואָרע שמחה,
און ס'ביסל וואָרע שמחה איז מגלה
ס'אָרט, וואו דיין נשמה האָט געטאָן זיך אַ פֿאַרשפּאַר,
דיין פֿאַרלוירענע בת-מלכה, די ברוגזדיקע כלה,
וואָס איז בייז אויף איר חתן דערפֿאַר און דערפֿאַר — —

נישט געבאַלעמוטשעט ! מאַכן זיך צום נאַר !
יאָגעלעך... באַהעלטערלעך...
זייפֿנבלאָזן, זייפֿנבלאָזן לאָזן...
לאָז זיך מיר דאַכטן, עלעהיי,
איך בין אין דער טערקיי,
טאַקע דאָרט, אין סטאַמבול... ביז איבער'ן גבול
איז די עיר-הבירה דאָך געווען פֿול
מיט מיינע מעשי-נערות, פֿאַרשטעלענישן, שפּאַסן.
אויפֿ'ן וועג צו דער ארץ-הבחירה
האָב איך געשפּילט מיט קינדער אויף די גאַסן.
מיין הלבשה איז געווען : קינדערישע הויזן,
אַ שפּענצער מיט שליפֿעס, אַ מיצל מיט טראָלדן,
און מיר האָבן, פֿאַרשטייסטו, געשפּילט אין פֿראַנצויזן,
און דער ים האָט געפֿינקלט מיט גאָלדן,
און ס'טערקל מיט'ן פּעסקעלע דעם רויטן ווי בלוט —
דער סמך-מם —
האָט אַרומגעשמאַיעט ווי משוגע, נישט גערוט :
געוואָלט אַריינכאַפּן דעם נכד פֿון בעל שם.
טערקעלע-מזיק האָט נישט געקאָנט דערלאַנגען...

ער האָט נעבעך איינגענומען אַ מיתה משונה:
דורך די משוגעתן בין איך מיר געגאַנגען
צו נייע מוחין אין אמונה.
און כ׳בין, ברוך־השם, דערגאַנגען... מחמת קלעם
איז זי אַזש בלייך געוואָרן,
די דינים־רויטע פּעסקע פון דעם סמך־מם.
כ׳בין אַריין אין סאַמע, סאַמע פּנימיות פון דער שמחה.
ביי וואָס זשע האָבן מיר געהאַלטן, הא?
ביי זייפנבלאָזן? ניין, מע וועט זיך דאַסמאָל ראַטעווען
מיט סאָלדאַטעווען.
ראַז, דוואַ! ראַז, דוואַ!
פּאַרדריי דאָס היטל! אָט אַזוי!
שאַגאָם מאַרש! מיט יונ׳שע געזאַנגען!
הוראַ!
ראַז־דוואַ!
געגאַנגען!

ו

און אַז דער רבי רב נחמן האָט צעטרייסלט דעם חומר
מיט כלערליי שטיק,
איז ער דורך די הינטער־טירן פון דעם כ ל ו מ ר ש ט
אַריין צוריק
צו דער נשמה, דער בת־מלכה.

רב נתן האָט אים לאַנג געהערט זינגען ניגונים:
ער האָט זיי ממשיך געווען
פון עולם־התיקונים.

דערנאָך האָט ער געזאָגט צו רב נתנ׳ען אַזוי:
רוף אַריין דעם עולם! כ׳האָב אַ סיפור גאָר אַ נייעם.
כ׳הויב אים אָן אין אומאַן, נאָר מסיים
וועט אים זיין דער גואל־צדק
אין ירושלים.

רב נתן האָט געציטערט
און האָט נאָכגעזאָגט: מסיים
וועט אים זיין דער גואל־צדק
אין ירושלים.

און אויף משיח׳ס סיום
וואַרטן מיר עד־היום.

## דער וכוח אויפֿין בוידעס־שטיבל

### א

אַ בוידעם־שטיבל. אַן איינציק פענסטער —
גרויס און ווייס,
געשמידט אין אייז.
אברהם דער מלאך, דער בעל־תעניתים,
און לייב שרה׳ס זיין חבר —
ביידע אין טליתים.
ביידע יונג.
מיט איין שפּרונג
ווילן ביידע דאָס העכסטע דערגרייכן.
ביידע וואַרטן אויפֿ׳ן לעצטן צייכן.

אין זיין ווינקל שטייט אברהם דער מלאך.
מע רופט אים מלאך
פון וועגן זיין יראת־השם.
ער שטייט — אַ הויכער ליכטיקער בוים
פאַר גאָט ברוך הוא.
וואָס קען אים טאָן דער סמך־מם?
אין אַ צווייט ווינקל — לייב שרה׳ס.
ס׳פּנים ברענט פון אהבה און פון יראה.
ווייל ער — ווערט ער אַ רואה ואינו נראה.
ס׳פענסטער פאַרשטעלט די וועלט,
נאָר ער זעט.

וואָס זעט ער ? גאָלע ליכט.
סע לייכט אָן אויפהער.
סע לייכט אויף די מדרגות, וואָס פירן ארויפצו,
סע לייכט אין די הערצער פון צדיקים.
ווער האָט מורא פאַר מזיקים ?

ב

ווי סע שטראַלט !
אָט באַלד —
און ער איז שוין, לייב שרה׳ס,
סאַמע אויבנאָן.

ער הויבט זיך.
און אָט — אַ צייכן :
מ׳קאָן !
ער איז שוין העט אויבנאָן —
און וואָס זעט ער ?
דעם חושך אונטן,
אַ חושך פול מיט תפילות און מיט טרערן.
מיר קענען נאָר זינגען, —
לאָזן די הויכע ווייסקייטן הערן, —
מיר קאָנען נישט וויינען,
און רק מיר ביינקען, און רק מיר באַגערן
צום אונטן און צו זיינע טרערן.
וואָס ביסטו געקומען אַהער פון דער נידער ?
צו די טרערן קער דיך אום —
צוריק צו די ברידער !

פון פינסטערן אונטן
הויבן זיך הענט צו אים,
הענט, הענט, פאַרחלשטע יידישע הענט,
פול מיט בקשות און תחנונים.
צוריק! —

באַפּעלט מיט אַ פלאַמיקן בליק
די אויבערשטע זון אים.

קולות פון טאָל:
וואָס האָסטו זיך אַרויפגעדראַפּעט אַזוי הויך?
מיר ווילן אויך!
מיר ווילן, נאָר מיר קענען נישט.
און אַז דו, לייב, קענסט יאָ —
איז וואָס? ביסטו אַ בריה.
אָבער דיין קדושה וואו איז?
צו אונדז קום אַרונטער —
דאָ, אין טאָל, זיי הייליק.

ג

רופט אַזוי דער טאָל.
און אויפאַמאָל:
— אברהם!
אברהם דער מלאך הערט נישט.
אַ צווייטער רוף.
ער הערט נישט.
אַ דריטער רוף.
איצט דערהערט ער.

וואָס וויל ער, לייב שרה׳ס? וואָס שטערט ער?

אברהם, — מאַכט לייב, — ס׳איז חושך!
אתא בוקר —
ס׳איז שוין טאָג געווען,
וגם לילה —
ס׳האָט זיך געמאַכט,
אַז דער טאָג בעצמו ובכבודו
שיקט מיך צוריק צו דער נאַכט.

דער סדר פון דער עבודה
דאַרף זיין פאַרקערט.
אם תבעיון בעיו — אויב איר פרעגט,
איז דער ענטפער: שובו אתיו —
קערט זיך אום צוריק אויף דער ערד.

אברהם דער מלאך — קוים וואָס ער הערט.
ער גיט אַ מאַך מיט דער בלאַסער האַנט,
ווי איינער זאָגט: דברים בטלים,
און שטייט שוין ווידער מיט'ן פנים צו דער וואַנט.
ער האָט זיך אומגעקערט צו זיינע אורות און כלים —
ער שטייגט!

לייב שרה'ס שווייגט.
ס'איינציקע פענסטער
שטייט געשמידט אין אייז,
גרוים און ווייס.
און שטיל איז.

ער הויבט זיך. אברהם הויבט זיך.
שאַ.
מיטאַמאָל — אַ געשריי.
וויי!
לייב שרה'ס לויפט צו.
אברהם דער מלאך ליגט.
לייב הויבט אים אויפ'ם כוח.
וואָס איז?
געפאַלן פון די פיס?
אָפּגעשוואַכט פון תענית, האַ?

שאַ, שאַ.
ס'וועט אים שוין אַביסל בעסער.

א בלאַסער זיצט ער אויף דער באַנק,
אין די אויגן — אַ ווייטער צאַנק,
אַ ליפּ ציטערט נאָך,
די באָרד ציטערט מיט.
ס׳געוויטער ציט פאַרביי,
נאָר וואו נישט וואו געוויטערט נאָך.

פרעגט לייב שרה׳ס: ווער?
ע ר?

— ניין, — מאַכט ער, — ז י . . .
סמך-ממ׳ס פּילגש...
לילית...

שטיל איז.
ער אָטעמט שווער.
אויף דער ברעם אַ טרער.
ער דערציילט:
מיט פלאַקערדיקע קני
מיך געטאָן אַ ברי,
אזא מאַדנעם ברי געטאָן,
מיך אַ צי-געטאָן,
און —
מיך, דעם מגיד׳ס זון —
פרעג נישט — — — נוקבא דתהומא רבא — — — —
צוערשט — מלא חן,
מיטאַמאָל — אַ זשאַבע — — — —
נפילה!
ס׳קומט מיר סקילה —

— חלילה, —
גלעט אים לייב שרה׳ס און טרייסט. —
פאַרשטייסט,
מיר האָ׳מיר אַ טעות געהאַט מעיקרא...

כ'האָב גערעדט — האָסט נישט געהערט...
אָט בין איך, לייב בן שרה,
אקאָרשט געווען אין דער הויך,
האָבן מיך די הויכקייטן אַליין
צוריקגעשיקט אויף דער ערד.
איצט פאַרשטיי איך:
אש תמיד תוקד על המזבח —
די ערד איז דער מזבח.
קדושה גייט נישט אַליין —
אַפילו נישט אין צווייען, ווי איך מיט דיר.
אָן כל־ישראל גייט זי נישט, ניין!
גערעכט איז דיין טאַטע, דער מגיד, נישט מיר.
איך זע שוין דעם טעות, אברהם. איך ווייס.
אָן כל ישראל איז קדושה — גאוה!
ס'בוידעם־שטיבל איז גאוה!
דערפאַר איז לילית געקומען, די תאוה — —
דערפאַר איז געוואָרן גיהנמ'דיק הייס —
איך ווייס!

ד

שפרינגט אויף ביי די ווערטער אברהם דער מלאך,
לויפט צום פענסטער, פון פענסטער צוריק,
ווי אַ ווינט לויפט דער טלית אים נאָך,
אויגן און ליפּן ברענען:
להד"ם, לייב שרה'ס, להד"ם!
מאַלע וואָס סע גיט זיך אַ צעשפּיל
דער כח הדם...
איך גיב זיך נישט אונטער!
איך גיי נישט אַרונטער!
נ אָ ך אַ גלגול־שלג —
און מ'גייט אויפסניי איבער דער לייטער!
שמייכלט לייב שרה'ס ביטער:

ביז סע מאַכט זיך אַ מכשול אַ צווייטער ?
און דערנאָך — אַ דריטער ?

פאַרפאַלן, — שלאָגט איבער אברהם. — פאַרפאַלן !
ווער ס׳איז אויף הויבן זיך אַ בעלן —
מוז קענען פאַלן.
הן שמים לא זכו בעיניו...
ס׳ריינסטע אַפּילו ווערט פלעקיק.
נו, איז דעריבער ?
אַ גבור דאַרף מען זיין !
כ׳וועל זיין אַ גבור.
נאַר נישט שרעקיק !
שבע יפול — געפאַלן אַ מאָל זיבן.
וקם — און אויפגעשטאַנען,
געקלעטערט ווייטער.
לייטער זיך, בן אדם, לייטער !
ווער נישט נתפעל !

מאַכט לייב שרה׳ס : די אמת׳ע קדושה נעמט מיט
דעם פּשוטסטן ייד,
דעם סאַמע פּשוטסטן ישראל :
יאָנטלען דעם בעדער,
פאַנטלען דעם סעדער.
אַליין איז גאָרנישט !

פאַרקרימט זיך אברהם :
נישטאָ וואָס צו ריידן —
לייכט ווי אַ פעדער !
גיי שלעפ צום רבונו-של-עולם
יאָנטלען דעם בעדער,
פאַנטלען דעם סעדער —
גיי שלעפ !

ניין, איינער אַליין מוז מען גיין
איבער די טרעפּ
פון די מדרגות,
ביז אַלע קליפּות פאַרקריכן אין לעכער,
ביז סע ווערט דער בן־אדם
פון הויכקייטן העכער.
מלך ווערט ער אין דעם אויבערשטן ירושלים!
ער באַפעלט —
און גאָט ברוך הוא איז מקיים.

מאַכט לייב שרה׳ס: ווילסט בלייבן? איך גיי!

— גייסט צו מענטשן? ועסט ווערן ווי זיי! —
כאַפּט אברהם ביים אָרעם אים אָן. —
איבערלייג עס!
דאָ, אין בוידעם־שטיבל, לייב,
שלאָגט מען זיך איבער מדרגות:
איז לילית גובר היינט —
בין א י ך גובר מאָרגן.
אָבער דאָרט, אויף יענער זייט פענסטער —
דאָרט ווערט מען אין בלאָטע דערוואָרגן,
אין בלאָטע!

און אַז בלאָטע? וואָס זיינען מיר? שררות? —
הויבט די אַקסלען לייב שרה׳ס. —
אויב דעם רבונו של עולם שטייט אָן
צו זוכן אין דער בלאָטע דעם מענטש, זיין זון,
מעגסטו אויפהערן זיך דראַפּען
צו די שערים די גון,
מעג דיר אָנשטיין צו קריכן אין בלאָטע.
צוליב׳ן מענטש איז דאָך אַלץ, צוליב אים!
ס׳גלויבט אין גאָט נישט, ווער ס׳גלויבט נישט אין אים!
ותחסרהו מעט מאלהים!

— אַט דער מעט, לייב שרה׳ס,
אַט דער מעט מאַכט אַלץ קאַליע!
דער ותחסרהו איז דער גרעסטער חסרון!
ליכט איז די אתכסיא — מיסט איז די אתגליא...
ווער ס׳גלויבט אין מענטש — דער קען אין גאָט נישט גלויבן!
ס׳איז דער וועג צום אויבן — דורכ׳ן אויבן!
מע מוז די נשמה האַלטן אין גרויסן —
רק זיך העכערן, העכערן!
איז וואָס, אַז לילית? שלאָגט מען זיך.
אבי נישט די בלאָטע דאָרט דרויסן!
אַי, דו זאָגסט: צו דעם חסר, דעם מענטש,
בײנקט אַליין די אויבערשטע פמליא?
זאָג איך דיר: ווען מ׳איז אויף אַן אמת זוכה —
איז מען העכער פון די הויכע שבהויכע,
און — מען פאַרשפּאָרט צו בענקען,
מע הויבט נישט אָן צו געדענקען,
ס׳איז נישט שייך אַפילו דער עצם געדאַנק פון ירידה!
מע גייט נאָך איר, דער י ח י ד ה,
מע ווערט איבער לעבן און מיתה —
מע שטייט ביים סאַמע כיסא!

ח

ניין, — מאַכט לייב שרה׳ס, —
איך שטיי ביי דער טיר, נישט ביים כסא.
צו גאָט דאַרף מען גיין נישט אַרויף, נאָר אַרונטער!
איך גיי, אברהם, איך גיי
צו זיי —
צו הקדש־לייט, זקנים, נשרפים, עקרות,
אָרעמע בוגרות׳ן,
אָרענדאַרן, געפּייניקטע פון שררות,
יתומים, אלמנות —
איך גיי צו די יידישע צרות!

און ס׳האָט פאַרלאָזט די בוידעם־שטוב לייב שרה׳ס.

# דאָס יאָר 1492

(פאָעמע אין דיאַלאָג)

דאָן יצחק אברבנאל:

שפּאַניע פאַרטרייבט אונדז. ס׳וואַרטן שוין די שיפן.
דער צלם טאַנצט אין טאָרקוועמאַדאַ׳ס האַנט.
פרום קניט די צביעות׳דיקע איזאַבעלאַ.
ס׳פאַרמעגן אונדזערס רויבט אַוועק דער קלויסטער.
מיר לייגן דיך אין חרם אַריין, שפּאַניע!
בלייב אייביק טמא, טאָרקוואַמאַדאַ׳ס לאַנד!
מיר שווערן אַלע, אַז פון איצט ביז אייביק
איז הונדערטמאָל פאַרשאָלטן און פאַרווערט —
פאַר גאָר דעם שטאַם דעם יידישן — דיין ערד.
וועסט בלייבן אַן אלמנה צווישן פעלקער
פון וועגן אונדזער אומגליק. דיין גניק
וועט ברעכן גאָט. און פייניקט דיך חרטה
און רופסטו אונדז — מיר קומען נישט צוריק.

לואיס דע־טאָרעס (צום עולם):

איר האָט געהערט. הויבט אויף די הענט און שווערט.

שטימען:

מיר אַלע שווערן, אַז פון איצט ביז אייביק
איז הונדערטמאָל פאַרשאָלטן און פאַרווערט
פאַר קינדער פון ישראל שפּאַניע׳ס ערד.

אברבנאל:

אָמן! פון קינד צו קינד, פון דור צו דור,
פון לאַנד צו לאַנד זאָל פּלאַטערן די שבועה.
געדענק, ישראל! וויי, אויב דו פאַרגעסט!
מיר זיינען דאָ נאָר געסט געווען, נאָר געסט.
געבויט האָבן די אבות שפּאַניע׳ס הויז,
ווי ס׳וואָלט דאָס לאַנד געווען דאָס נייע ציון.
און פּלוצלינג — אויס! זיי יאָגן אונדז אַרויס.
די קלויסטער־גלאָקן יובלען איבער שפּאַניע.

איר הערט די שמחה? יעדער גלאָק זאָגט איינס:
ס׳איז נישט קיין היים געווען, נאָר אַן אַכסניא.

שטימען:

פאַרוואָס, דאָן יצחק, קומט עס אונדז? פאַרוואָס?

אברבנאל:

עס קומט אונדז, ברידער. שפּאַניע בלייבט פאַרשאָלטן
פאַר רשעות, נאָר — גאָט׳ס משפּט איז גערעכט.
גערעכט איז גאָט אין אַלע וועגן זיינע.
וואָס שמייכלסטו, דע־טאָרעס?

דע־טאָרעס:

ס׳איז געווייז!
מיין שמייכל איז אַ שטום געוויין, דאָן יצחק.
פאַרוואָס זאָל הבל מיינען, אַז עס קומט אים
צו זיין דער קרבן פון זיין ברודער קין?

אברבנאל:

פאַרשטיי: מיר זיינען קינדער פון דעם מזרח,
און אונדזער זינד די שווערסטע איז געווען
דעם מזרח אויפ׳ן מערב צו פאַרבייטן.
וואָס האָבן מיר דערגרייכט אין אדום׳ס לענדער?
האָב און גוטס — פאַר וועמען? הויז און היים —
פאַר וועמען? וויינגערטנער געפלאַנצט — פאַר וועמען?
נישט מיר וועלן דעם וויין טרינקען, נישט מיר.
די קברים פון די טייערסטע — אויך זיי
פאַרלאָזן מיר אין שפּאַניע׳ס ערד אויף אייביק.
אויף פרעמדער ערד גאָט׳ס ליד צו וועלן זינגען,
איז זינד, דע טאָרעס. און איצט קומט די שטראָף.

דע־טאָרעס:

ווען איך בין גאָט, פאַראַכט וואָלט איך די קנעכט,
וואָס טענה׳ן אייביק, אַז איך בין גערעכט.

אברבנאל:

וואָס לעסטערסטו? צום מזרח לאָמיר גיין,
צוריק צום מזרח. איך וועל זיין דאָס אויג,
און דו, דער שפּראַך־קענער, וועסט זיין די צונג.

דע־טאָרעס:

עס איז די צונג נישט מסכים מיט'ן אויג.
נישט דאָס, דאָן יצחק, איז דער וועג. די שונאים
באַגערן פון דער וועלט אונדז צו פאַרטרייבן.
פאַרוואָס־זשע זאָלן מענטשן פּאָלגן שלאַנגען?
צום מזרח גיין הייסט טאָן וואָס זיי פאַרלאַנגען.

אברבנאל:

ניין, אָן ירושלים איז, דע־טאָרעס,
נישטאָ קיין וועלט. אַהינצו גייט דער וועג.
ירושלים איז די וועלט, דע־טאָרעס.

א שטים:

דער וועג צום מזרח — דורכ'ן מערב פירט ער.

אברבנאל:

ווער רעדט עס? איז אַ פרעמדער צווישן אונדז?

קריסטאָפער קאָלומבוס:

איך, אַדמיראַל קאָלומבוס,
צום מזרח וויל איך גרייכן דורכ'ן מערב.
אויף אָפּפאָר וואַרטן מיינע שיפן דריי
אין זעלבן האַפן, וואו עס וואַרטן שיפן
צו פירן אייך אין אומבאַקאַנטער פרעמד.
פאַרנעמט:
עס ליגט אַ וועלט אַ נייע, אַ צעשטראַלטע,
הינטער'ן רוקן פון דער וועלט דער אַלטער.
מיר וועלן אויפדעקן אַ נייעם מערב
העט וויט, הינטער דעם מאַרע טענעבראַרום —

אברבנאל:

און וואָס דערנאָך?

קאָלומבוס:

דערנאָך וועלן מיר קומען
מיט מערב־גאָלד, מיט מערב־אוצרות נייע,
צום אַלטן מזרח. ס'איז די ערד אַ קרייז,

און ס'מוז דעם מענטשנ'ס גייסט, ווי זי, די ערד,
אַ קרייז טאָן און דעם קרייז דעם גרויסן שליסן.
ערשט דענסטמאָל, דענסטמאָל קומט דאָס גרויסע וויסן.

דע־טאָרעס:

אַ נייע וועלט — אויף דעם האָב איך געוואַרט.
אויב אונדז פאַרטרייבט די מערבדיקע שפּאַניע,
לאָמיר זשע נאָך מערב'דיקער פאָרן.
געגריסט זיי, אַדמיראַל מיינער, געגריסט!

אברבנאל:

אומזיסט איז, אַדמיראַל, דיין מי — אומזיסט!
עס האָבן דיינע הערשער, אַדמיראַל,
פאַרוועלט אונדז מיטצופאָרן. האָסט פאַרגעסן?
מיר זיינען יידן.

קאָלומבוס:

יידן טאָרן נישט;
דאָך די, וואָס נעמען אָן אונדזער אמונה,
זיי מעגן יאָ. צו קריגן מער מאַטראָסן,
האָבן פערדינאַנד און איזאַבעלאַ
באַוויליקט: ווער ס'ווערט קריסט — דער פאָרט מיט מיר.

אברבנאל:

האָט טאָרקוועמאַדאַ דיך געשיקט? מיט וואַסער,
מיט טויף־וואַסער פאַרמעסטו זיך צו לעשן
די פייערן פון סיני?

קאָלומבוס:

ניין, ס'וועט סיני
אין אייביקייטן גליען. ס'קענען ים'ען
נישט אויסלעשן די ליבע צווישן גאָט
און אייך. נאָר איצט — דערווייל — מוז גיין דער וועג
צום מזרח דורכ'ן מערב. שמע ישראל!
פאַרנעם די רייד קאָלומבוס'עס — און קום!

אברבנאל:

ביסטו קיין קריסט נישט, אַדמיראַל?

קאלומבוס:

וואָס רעדסטו?
געוויס בין איך אַ קריסט. און אויך סאַנטאַנכעל,
דער קאַנצלער, איז אַ קריסט, כאָטש שטאַמען שטאַמט ער
פון ברידער, — ניין, פון אייך, פון יידן מיין איך.
און דער, וואָס פאָרט מיט מיר, וועט מוזן ווערן
אַ קריסט אַזאַ ווי איך און ווי סאַנטאַנכעל.

דע־טאָרעס:

אַהאַ, איך האָב דאָס רעטעניש געטראָפן.

אברבנאל:

מיר בלייבן יידן. ס'איז גאָט'ס בכור ישראל —
דעם פאָטער זיינעם וועט ער נישט פאַרראַטן.

דע־טאָרעס:

איך פאָר! כ'וועל זיין דער דאָלמעטשער. כ'קען שפּראַכן.
נאָר כ'בין אויך גרייט אַ וועכטער זיין, קאָלומבוס, —
דיך און דיין גרויסן חלום צו באַוואַכן.
איך פאָר!

קאלומבוס:

דיין האַנט גיב, ברודער מיינער ליבער!
ווער וויל דעם ביישפּיל נאָכטאָן פון דע־טאָרעס?
עס וואַרט אַ נייע וועלט! יבשות וואַרטן
ווי יונגפרויען העל אויגיקע און ווינקען
פון ווייטקייטן אַפער. עס ווילן זונען
אייך אָנטאָן קרוינען אויף די קעפּ. נישטאָ קיין קייטן —
עס שמידט זיי דאָרט נישט איינער פאַר'ן צווייטן —
נישטאָ קיין קייטן און נישטאָ קיין טרערן.
עס וואַרט אַ וועלט.

דע־טאָרעס:

אָ, פיר אונדז, אַדמיראַל!
ווער — מיט'ן כח פון אַ וועלט אַ נייער —
פון אַלטע קאָנטינענטן דער באַפרייער!
באַפריי אונדז, אַדמיראַל!

אברבנאל:

ירושלים
איז די באַפרייאונג. און די וועלט די נייע
איז די, וואָס ווערט נישט אַלט, ווייל זי איז אייביק.
וויי צו די אויערן, וואָס הערן דיך, דע־טאָרעס!
אַ גוי צו ווערן — דאַרפסטו דאָך נישט פאָרן
אויף ים׳ען. קענסט אַ געצנדינער זיין
אין טאָרקוועמאַדאַ׳ס לאַנד.

דע־טארעס:

איך בלייב דערזעלבער וואָס איך בין, דאָן יצחק.
איך וויל נאָר אויסטרעטן אַ נייעם וועג.

אברבנאל:

ביזט אונזער צונג נישט מער. געהערסט צו זיי.

(פויזע)

די תורה רעדט די שפּראַך פון אַלע שפּראַכן
און זאָל זי אונדזער צונג זיין צווישן פעלקער.
כי היא חכמתכם ובינתכם, שטייט.
די תורה וועט שוין ריידן!

(ג ל אָ ק ן ־ ק ל אַ נ ג)

פריי זיך, שפּאַניע!
דאַנק טאָרקוועמאַדאַ׳ס גאָט פאַר אונדזער בראָך!

(צום עולם)

דעם זיג פון שקר שאַלן־אוים די גלעקער.
די גויים פרייען זיך מיט זייער רשעות.
לאָמיר זשע, מיר קינדער פון אברהם,
זיך פרייען, וואָס מיר האָבן נישט פאַרלאָזט
דעם גאָט דעם איינציקן, דעם גאָט דעם וואָרן;
וואָס ריין פון רויב און מאָרד איז אונדזער האַנט;
וואָס נישט די שלעגער זיינען מיר און יעגער,
נאָר די געשלאָגענע און די געיאָגטע.
דורך טרערן, טויט און טרויער לאָמיר גרייט זיין

קיין ירושלים גיין — און דאָס,
יאָ, דאָס אַליין זאָל אונדזער פרייד זיין.
אויב פּאַלן איז באַשערט אונדז אויפ'ן וועג —
קומען מאָרגן אָן אַהין די זין,
און פּאַלן אויפ'ן וועג אונדזערע קינדער,
קומען אָן די קינדס-קינדער אַהין.
גאָט היילקט זיך דורך אונדז און מיר דורך אים.
ברוך אתה, אדני,
מקדש ישראל — —

שטימען:

ברוך אתה, אדני,
מקדש ישראל!

קאָלומבוס:

אָמן.

אברבנאל:

האָסט דעם אָמן
געזאָגט ווי אונדזער איינער, אַדמיראַל.

קאָלומבוס:

אָן אַנדערער אין מיר האָט אים געזאָגט,
אָן אוראַלטער אין מיר. איר ווילט נישט מיטגיין,
טאָ נעמט כאָטש מיט די טרערן מיינע, כ'בעט אייך!

אברבנאל:

מיר דאַרפן קיינעמ'ס טרערן נישט, קאָלומבוס.

קאָלומבוס:

דאָס זיינען אָבער טרערן נישט קיין פּראָסטע.
זיי זיינען פון דעם סאַמע עלטסטן יחוס.
פאַרגאָסן האָט מען זיי אויף בבל'ס טייכן.

אברבנאל:

אויף בבל'ס טייכן נאָך? אַצינד פאַרשטיי איך.

קאָלומבוס:

ווער עס פאַרשטייט איז קלוג. און ווער ס'איז קלוג —
דער שווייגט.

אברבנאל:

כ'וועל שווייגן, אדמיראל, כ'וועל שווייגן.
נאר אין דער שטילסטער טיפקייט פון מיין הארץ
וועל איך זיך אומקערן צו דיינע רייד נישט איינמאל.

קאלומבוס:

קיין ירושלים פירן אלע וועגן.
נאר א י ך וויל גיין אהין ארום דער וועלט,
און דו — גייסט גלייך.

אברבנאל:

דער בעסטער וועג, קאלומבוס,
איז אלעמאל דער גלייכער.

קאלומבוס:

א וועג א גוטער, אבער נישט קיין רייכער.

אברבנאל:

וואס גוט, איז רייך. דער וועג צו גאט איז איינפאך.

קאלומבוס:

צענויפברענגען דעם מערב מיט'ן מזרח,
עק וועלט צענויפבאהעפטן מיט עק וועלט —
אט דאס באגער איך.

אברבנאל:

פרעמד איז מיר דיין דרך.
וואס גאט צעשיידט, זאל נישט צענויפברענגען דער מענטש.
נאר בענטשן וויל איך דיך: זאל גאט דיר העלפן
אויף דיין גאנג צום מערב.

קאלומבוס:

דיר זאל העלפן גאט
אויף דיין גאנג צום מזרח.

דע־טארעס (חלומידיק):

ס'קומט א צייט —
און וויסן וועט מען, אז דער ייד דע־טארעס
איז פון זיין אלטער אומה נישט אנטלאפן.

אויך דאָרט, אין ווייטן מערב פון דער וועלט,
אויך דאָרט, דאָן־יצחק, וועלן לעבן יידן.

קאָלומבוס:

אַ טאָג וועט זיין — און ס'טרעפן זיך די וועגן.
ס'גיט מערב זיך מיט מזרח אַ באַגעגן.
דע־טאָרעס, לאָמיר גיין.

# אַ מאַלאַריע־נאַכט

## א

צוועלף יאָר, צוועלף יאָר שוין — און איך זע נאָך
די נאַכט ביז איצט און הער איר רעגן.
צוועלף יאָר צוריק, אין זכרון־יעקב,
בין איך מאַלאַריע־קראַנק געלעגן.

עם ממית'ן מיט קלעפּ דעם שאַרבן
קאַשמאַרן, אַכזר'דיקע שלעגער.
מיט הענט מיט רויטע צינדט קדחת
פון אַלע זייטן דאָס געלעגער.

דאָס האַרטע ברעטערנע געלעגער —
אין פלאַם צעגייען זיינע ברעטער.
די שרפה יענע שפּירט דאָס לייב מיינס
נאָך איצט, נאָך איצט, צוועלף יאָרן שפּעטער.

עם רייסט די היץ פון מויל מיר ווערטער —
און ס'הערט אַ שאָטן מיך אַ דינער.
און רעגן פליט אין שוואַרצן דרויסן
ווי אויף זיין פערד אַ בעדואינער.

## ב

ווען אַ ייד ליגט קראַנק
און איז איינער אַליין

און ס׳בלייבט אים גליען אין געדאַנק
דער עיקר אַליין —
טאָ צו וועמען זאָל ער ריידן,
אַז נישט צו גאָט אַליין?

שכור פונעם עיקר, ליג איך ברענענדיקערהייט
און האַלט צו גאָט אַ פייערדיקע דרשה,
פאַרפיר מיט אים אַ טענה, פאַרטומל אים מיט רייד
און וואַרף זיך ווי אויף יענער־וועלט אַ רשע.

— דו פּאַשעסט אונז מיט צרות, דו פּאַשעסט אונז מיט מחלות —
ו ו אָ ס ־ זשע איז דער תכלית? ו ו א ו ־ זשע איז דער תכלית?

אַ טענה נאָך אַ טענה און אַ שאלה נאָך אַ שאלה.
נאָר קיין ענטפער איז נישטאָ, נישטאָ.
בלייב איך ליגן שטיל און גאַף אַ לאַנגע ווילע
און בין פאַרוואונדערט, וואָס קיין ענטפער איז נישטאָ.

ג

דער זיידע קומט צוגיין און קאָן נישט פאַרשטיין:
איז אָט דער גלות זיין אייניקל?
ס׳פאַרקרימט זיך אים אַ באָרד אַ האַלבע צום געוויין.
ער געדענקט מיך נאָך אַ קליינינקן.

דאָ, אין גאָט׳ס לאַנד, ליגט זיין אייניקל קראַנק,
און ס׳וואַרפט דאָס קדחת נישט בלויז מיט זיין חומר, —
זיין נשמה איז קראַנק און זיין נאַכט איז לאַנג,
און זיין נאַכט און זיין נשמה באַדאַרפן אַ שומר.

אין גאָט׳ס לאַנד איז ער קראַנק, אין גאָט׳ס לאַנד איז ער קראַנק.
ווי קומט ער אַהער, דער גלות?
וואָס פאַר אַ מחותן איז ער מיט גאָט?
אַ קל ווי ער
דאַרף גלויבן אין אַ קאָרט אָדער גאָר אין אַ רוח.

ווער קאָן פאַרשטיין וואָס מיט'ן אייניקל קומט פאָר?
הינטער די שפּאַקולן הויבט אַ טרער אָן ברוין.
אַ חבד'ער ניגון קומט פון אַלטע קלויזן —
און פירט אים צוריק צו זיין דור.

ד

האָט אַ שטעטל אַ גאַנץ זיך צעהוליעט אין טאַנץ.
צאַן-קדשים... רבונו של עולם, הורא...
ש מ ח ת - ת ו ר ה!
(הינטער דער וואַנט
האָבן חלוצים אַ הוירע געטאַנצט,
אַ הוירע).

פון הר-זיתים אַ שופר! משיח קומט אָן!
הויך זינגען נשמות! דאָס לויב-געזאַנג פלאַמט
אַרויף צו דעם בורא — — —
(הינטער דער וואַנט —
קולות וברקים! עס שטורעמט און ים'ט
די הוירע).

ס'רוישט די הוירע דעם רעגן אַריבער. איך שווים
צווישן רעגן און הוירע אויף אַן איינצלנער ברעט — —
מאַמע, כ'האָב נישט קיין מורא — — —
(הינטער דער וואַנט
האָט אָפּגעטאַנצט חברה; אין מידקייט גייט אוים
די הוירע).

ה

פון בערג אַהינטער דער קאָלאָניע
גייט אויף שאַקאַל-געוויין. איך הער
דעם חורבנ'ס נאַכטיקע סימפאָניע
פון ירמיהו ביז אַהער.

אַ קלאַג אַזאַ איז נישט צו הערן
אין קיין שום נאַכט פון קיין שום לאַנד.
ס׳רירט אָן מיין בריענדיקן שטערן
אַן אַלטן נביא׳ס דאַרע האַנט.

ווי לאַנג עס קייטלט זיך דער יאָמער!
נאָר אָט ווערט שטיל... אַ קול ווי טוי
טריפט פון תנ״ך אַרויס: כה אָמר...
פאַרנעם! כה אָמר אדני...

ו

דאָס קול פאַרזינקט. שטום ליגט ס׳תנכ׳ל:
פאַרשלאָסן ליגט אין אים משיח.
זע, תהום-צו קראַך איך קאָפּ-אַרונטער —
ווי גיך, ווי אָן אָפּהאַלט פלי איך!

דער תהום פליט אויף: ער פליט אַנטקעגן.
אַ רגע — טרעפן מיר זיך ביידע.
נאָר פלוצלינג גייט דער תהום פאַרלוירן:
מיין קאָפּ גייט זוכן די אבדה.

ז

שומרונ׳ס אַן אַלטער מלך
נידערט פון הויכן שלאָס.
זיין גוף דער שלאַנקער טורעמט,
זיין באָרד די שוואַרצע שטורעמט,
עס הויבט זיין האַנט אַ כוס.

אַז ער דערזעט מיך ליגן,
רופט ער זיך אָן מיט פאַראַכט:
— וואָס טוסטו דאָ, דו וואָרעם?
פון וועלכע פוילע קברים
שלעפּט דיך אַהער די נאַכט?

— איך בין פון דעם שטאַם דעם זעלבן,
וואָס דו, מיין ליבער האַר!
נאָר עפּעס גאָרנישט פריילעך
איז מיר, אדוני מלך —
מיין ווייַן איז צער און געפּאַר.

ער שווידערט אויף, דער מלך,
עס פאַלט אים פון האַנט דער כוס.
די באָרד די שוואַרצע ציטערט,
דאָס אויג דאָס שוואַרצע געוויטערט —
ער איילט צוריק אין שלאָס.

דער אַלטער מלך פון שומרון
שטייגט צוריק אין זיין נעסט.
אַ געשפּענסט האָט ער געטראָפן —
זאָל גאָט אים מער נישט שטראָפן
מיט אַזעלכע געסט.

ח

שולמית, שוועסטער מיין, וואו ביסטו?
צי ווייסטו, אַז כ'בין קראַנק, שולמית?
עס דאַרף מיין קאָפּ אַ האַנט אַ שוועסטער'ס,
מיין בליק — אַן ענטפער־בליק אַ מאַמע'ס.

ווען שטייסטו, יידישע ת פ א ר ת,
צוקאָפּנס מיר אין פּראַכט אין בלאָער?
אַלץ קדיש־יתום'דיקער ווער איך,
און דו — נישטאָ און אַלץ נישטאָ'ער.

און אפשר טאַנצסטו איצט מיט שקצים?...
מיין שאַרבן גליט ווי ערד אין תמוז...
אָ, שובי, שובי! קער דיך אום שוין
פון דיינע וויטקייטן, שולמית!

ט

דער פיבער שמייסט דאָס האַרץ. עס גאַלאָפּירן שעה׳ן
שנעלער ווי מחשבות אין געהירן פון אַ גאון.

ווי פון טינטערדיקע אלול-בלאַטעס אין אַ שטעטל
קריכן שדים יידישע — אַ שרעטל נאָך אַ שרעטל.

איינער מישט די בלעטלעך פון אַן אַלטן מעבר־יבוק,
קרעכצט און שמעקט מיט הקדש, טויט און טאַבאַק.

אַ צווייטער קוקט מיך אָן מיט פּקחות און פּאַרדראַסיק,
ווי אַ קוהלת׳דיקער לויטער-קילער פּסוק.

אַ דריטער, מעשה מגיד׳ל, וואָס גייט צופוס דורך דער מדינה,
מוסר׳ט מיך מיט רויטע אויגן און מיט לעפצן גרינע.

אַ פערטער לאָזט זיך גיין גאַר פרום נאָך מיין עגלה.
אַ פינפטער איז מיך מספיד מיט אַ שפּיציקער יללה.

אַ זעקסטער און אַ זיבעטער — צוויי האַסטיקע קברנים —
שיטן שטיקער זאַמד מיר אויפ׳ן פּנים.

מיט אימפּעט שאַטנדיקן הויבן זיי די רידלען.
און זייטיק זאָגט אַ שד: איצט וועט ער שוין נישט לידלען.

י

מיין קבר היטן שדים
מיט אומעטיקע בערד.
און איינער מאַכט אַ „מלא" —
און זאָגט: אַן עולם-מלא
ליגט אונטן אין דער ערד.

מיין קבר היטן שדים
מיט אומעטיקע בערד.

## יא

בייז איז דער אויבערשטער בית-דין.
אָט דעם, געבוירן אין רייסן —
ווי רופט מען אים —
שמייסן!

אַ מלאך אַ ווייסער
לויפט-צו צום שמייסער:
וואַרט — —

נאָר בית-דין איז האַרט:
פאַר תורות אָן גאָט, פאַר ווערטער אָן מעשים —
שמייס אים!

## יב

שטעלט זיך דרויסן אַפּ אַ וואָגן.
ס'איז דער דאָקטאָר.
גיב אַ קוק: עס נעמט שוין טאָגן.

ס'גייט דער טאָג. ס'קוקט אָן מיט פרייד אים
ס'פיבער-מידע אויג. עס לייכטן
פאַר'ן פענסטער ווייסע שקדים.

און אין שרעק אַנטלויפן שדים — — —
ווי זיי לויפן, ווי זיי פרייכן!
דאָקטאָר, זעט: אַזויפיל שדים!

1933

# טיף איז דער טאָג, אָדער:
# דאָס ליד פון די פענסטער

### א

נישט חיילות ציען זינגענדיק,
נישט חיילות פאַר אַ שלאַכט —
וואָלקנס גיסן קוואַלן זילבערנע,
ס'פּלאַצט אַ רעגן אין דער נאַכט.

קראַנקע ביימער, נעמט־איין שלאָף־געטראַנק,
שלאָפט און ווערט אין שלאָף געזונט!
ראָוועס טיפע, ראָוועס שמאַכטיקע,
ס'היילט דער רעגן אייער וואונד.

טרינקט זיך אָן מיט קוואַלן נאַכטיקע,
טרינקט דעם רעגנ'ס שוימיק ביר,
ראָוועס טיפע, ראָוועס שמאַכטיקע,
ראָוועס וואַרטנדיקע איר!

### ב

דער רעגן הערט אויף
און די נאַכט ווערט שטיל.
אַ מויז אַ דולע
זיצט אויפ'ן דיל,
האָט מורא צו געבן אַ פּייף.

שטיל אין די נאַכט
אַז ס'קומט נישט דער שלאָף.
פינסטערע פענסטער,
שוואַרץ ווי גאָט'ס שטראָף.
עס גרייט זיך עפּעס — ווער ווייס?

פינסטערע פענסטער
האָבן פאַרשטעלט
פאַר גאָט — דעם מענטשן,
פאַר מענטש — די וועלט.
וואָס איז די נאַכט אַזוי היים ?

וואָס איז די נאַכט
אַזוי שוואַרץ געפּעכט ?
אָ, קלעפּיקע שוואַרצקייט
פון דושנע נעכט,
ווען ברעמען בענקען נאָך שלאָף !

וואָס איז דיר, נאַכט ?
קראַנק ביזטו, נאַכט ?
האָט דיך דער רעגן
געזונט נישט געמאַכט ? —
די מויז שטאַרט דול אויפ׳ן דיל.

ג

דושנע נעכט,
שוואַרץ געשלעכט,
סמאָלעדיקע נעכט !
נעכט אָן גאָט,
שכור-לוט,
אויפשטאַנדיקע קנעכט !

וואַלדיק ווילד
וויינט און בילט
אַשמדאַי׳ם געזינד.
שלאָף פאַרגייט —
און עס גייט
ס׳הוילן פון די הינט.

ס'לאָקט דער ביל
ווי אַ שפּיל,
לאָקט און רופט צום חטא.
ווילסט אַרויס
פון דיין הויז,
שפּרינגען פון דיין בעט.

נאָר די ווענט
קריגן הענט,
האַלטן פעסט דיך צו.
ווענט איר פיר,
פאַנגער איר!
און די טיר איז צו.

צאַרט ווערט, צאַרט —
אומדערוואַרט —
ס'וויינען פון די הינט,
און דיר דאַכט:
אין דער נאַכט
יאָמערט דאָס אַ קינד.

און אין אַנגסט
ליגסטו, צאַנקסט,
ביז דער טאָג באַגינט.
ליגסט געשמידט —
און דיך ציט
צו די ווילדע הינט.

ד

ערשט פלוצלינג — אוים!
און שטילקייטן — זיי ווישן
ביל נאָך ביל אַראָפּ,
ווי ברעקלעך פון די טישן.

און שטיל.
און שטיל.
דין אָטעמט־אויף דאָס קישן.
ווער האָט
געבילט ?
דורך טויען־נעפּל פרישן
קומט ליכט,
באַרירט
די הענט דיר ווי קלאַווישן,
און לייכט
קלינגט־אויף
אַ צוויי־שפּיל אַזאַ צווישן
דיין בלוט
און גאָט —
ווער וואַגט זיך דאָ צו מישן ?

ווער האָט געבילט ?
ס׳האָט קיינער נישט געבילט
באַגינען־טויען רינען.
ער שפּילט —
גאָט שפּילט
די טענער פון באַגינען.
זיין טאָן
איז טוי.
ער לייטזעליקט רואינען.

קיל שפּראָצט
פאַרטאָג —
און פענסטער־שויבן גרינען.
און זע :
גרינס ווערט
פאַרוואַנדלט אין רובינען.

עס גליט!
עס גליט!
די פענסטער בענטש, וואָס דינען
דעם ליכט
און דיר
און העלפן דיר געפינען
די זון,
דעם זין,
דעם זין פון אַלע זינען.

ה

ווער האָט געבילט?
הינט — ס׳אַרא הינט?
און וואו? אין דרויסן?
וואָס פאַר אַ דרויסן?

געווען ביסטו דאָך
אינגאַנצן אַליין,
מיט דעם ביסל נשמה
צווישן די ציין —
ווי קומען דאָ הינט מיט אַ דרויסן?

דאָס זיינען הינט
פון דעם גאָרנישט געווען,
הינט פון דעם גאָרנישט דעם גרויסן.

אַ פאַלשער דרויסן
איז דאָס געווען,
עפּעס, וואָס גאָט איז נישט אויסן.

אַפּנים, דער טייוול
איז תמיד אַזוי:
ער איז — דער פאַלשער דרויסן.

ו

איך קוק דורך די פענסטער
צום יונגן טאָג אַרויס.
די ראָוועס גרינען,
די ראָוועס גראָזן —
דער נאַכט־רעגן האָט
זיין שליחות געטאָן.

געבענטשט זייט, פענסטער,
שטראַליקע הערצער,
אָפענע הערצער פון הויז.

קוואַדראַטן זילבערנע,
ס'דערזעט דורך אייך
דער איך — דעם אויסער־זיך,
מיין אויג — דאָס געגן־אויג
פון דער וועלט.

תהום ווערט דער איך,
ווען ער בלייבט מיט זיך:
געפייניקט וואָיען
זיינע טיפקייטן, ווי פרויען
אויפ'ן בראָכשטול.

איר אָבער, פענסטער,
איר גוטע פירער
צום ק ע ג נ א י ב ע ר —
דורך אייך דרינגט אַריין
דער טאָג אין מיין אָפּגרונט.

דאַרום לויב איך אייך, פענסטער,
שטראַליקע הערצער,
אָפענע הערצער פון הויז.

ז

ווער האָט געבילט ?
ס׳האָט קיינער נישט געבילט.
דער טאָג איז דאָ.
ער טראָגט דער זונ׳ס בילד
דורך גאַסן, וואָס וואַכן.

און אינעווייניק, אין שטיבער,
אַנטפּלעקט זיך גאָט
דורך פאַרמען פון זאַכן.

ליכט־שטראָמיקע פענסטער,
איצט, ווען דורך אייך
גייט מיין אויג צו דער זון,
גייט די זון צו מיין אויג —
קוק איך אַ מילדער
דער וועלט אין פּנים.
געשטאָרבן אין מיר
דעם איכ׳ס פאַלש געפילדער,
דער נאַכט׳ס געפילדער.
כ׳בין פאַרקניפּט מיט דער וועלט׳ס
טיפזיניקע בילדער.

ח

אין ליכט פון די פענסטער
קוק איך און זע :
אַ טיש איז הכנעה
אויף פיר פיס,
גרייט אַלץ צו טראָגן,
אַלץ צו דערלאַנגען
מיט שטומער הנאה.
אַ טיש איז הכנעה,
אַ טיש איז עבודה.

א זוניקער גלגול —
דאָס ברויט אויפ'ן טיש:
די זון איז געוואָרן
א זאַנג פון קאָרן.

ווי בליצט די שאַרף
פון א חריף א מעסער!
ווי לייטזעליק איז
א שטול'ס געדולד!
און איז א טעלער
נישט קיין פעלער,
וואָס וויל ווערן פאַרפולט?

און די טאַפּעטן די העלע,
וואָס לויפן
פון דיל ביז דער סטעליע,
איז עס נישט א קאַפּעליע,
וואָס פאָרט צוריק
פון א גרויסער חתונה
און איז נאָך אינגאַנצן מוזיק?

טיף איז דער טאָג,
און טיפער א סך,
ווי ס'האָט זיך דער נאַכט
געדאַכט.

נאַכט-הינט בילן אָפּ,
דער טאָג איז אייביק,
ווערט אייביק נתגלה.

און הער: די זאַכן אַלע
באַדאַנקען מיט פרומע ווערטער,
באַדאַנקען די פענסטער,

די לייכטענדיקע וועכטער,
די גוטע פּאַרמיטלער
צווישן דרויסנס און שטיבער,
די הייליקע פירער
צום קעגנאיבער,
די אַנטפּלעקער פון אַלעם,
וואָס נאַכט באַהאַלט'ס,
די, וואָס פאַרבינדן
איינס מיט אַלץ.

1934

## ווען אדם האָט פון עץ־הדעת געגעסן

זיי גייען מיט טלומעקלעך איבער דער וועלט,
זיי פּראַווען זינט יאָרן גלות.
זייערע תפילות הויבן זיך אויף
ביז צו די העכסטע היכלות.
זייערע טרערן רודערן אויף
דעם שטנ'ס נידערסטע נידער.
באָרוועס גייען זיי איבער דער וועלט,
די צוויי געטרייע ברידער.

זיי גייען. עס טאַנצן איבער'ן וועג
זומערדיק־זוניקע שטויבן.
גאַנצע קאַפּעליעס טוען אין גראָז
השם־יתברך לויבן.
און ווי זיי גייען אַזוי מיט'ן וועג,
די ברידער מלך און זושא,
רופט זיך מלך צו זושא'ן אָן:
איך שטאַרב אַוועק פון בושה!
ס'זיינען דאָך אַלע נשמות געווען
נכלל אין אדם הראשון.
איך און דו זיינען אויך דאָרט געווען
און — נישט געוואָלט זיך מישן!

ט׳טייטש, ווי האָבן מיר עס דערלאָזט?
האָ׳מיר, חלילה, פאַרגעסן,
אַז גאָט האָט אָנגעזאָגט, אדם זאָל
פון עץ־הדעת נישט עסן?
איך בין עס נישט תופס, ברודער־לעב!
די וואונד איז אַלץ נאָך אַ פרישע.
ווי האָבן מיר אדמ׳ען געלאָזט
פאָלגן דער שלאַנג און דער אשה?

זיי גייען. עס טאַנצן איבער׳ן וועג
די זומערדיק־זוניקע שטויבן.
גאַנצע קאַפּעליעס טוען אין גראָז
השם־יתברך לויבן.
און זושא שווייגט. די פליאה איז גרויס.
גערעכט איז דאָך טאַקע מלך.
ווי האָבן זיי אַזאַ זאַך דערלאָזט?
די מעשה איז גאָרנישט פריילעך.
דערמאָנען וויל זיך זושא די צייט
פון אדמ׳ען דעם זיידן,
בשעת עס האָט דער בכור פון גאָט
געטראָגן אין זיך זיי ביידן.
מיט חדוה רופט ער זיך פּלוצלינג אָן:
איך האָב זיך דערמאָנט די מעשה!
מיר האָבן אים מתרה זיין געוואָלט,
אַזוי ווי ס׳איז מדאורייתא.
נאָר מיר האָבן דערנאָך זיך מיישב געווען,
אַז ס׳וועט, לעולם, נישט טויגן.
ס׳איז גלייכער, ער זאָל טאַקע טועם זיין
און אויפעפענען די אויגן.
אַזיסט וועט ער אייביק טראַכטן ביי זיך:
ווער ווייס, וואָס מ׳האָט אים פאַרבאָטן!
ווער ווייס, וואָס ער האָט פאַרלוירן אַזוינס!
באַדאַרפט צו פאָלגן דעם שטן!

האָ׳מיר די מעשה מיט אַ כיוון פאַרקוקט
נאָך יענעם שיקול-הדעת,
און אַריינגעשטעקט האָט אדם די ציין
אין דער פרוכט פון עץ-הדעת.
און ס׳האָט זיך אדם טאַקע דערוואוסט, —
און גאָרנישט אויף קאַטאָוועס, —
אַז ס׳איז אַ בייזע ביטערע פרוכט,
דער אמת׳ער סם-המות.
אַזוי איז די מעשה, מלך-לעב!
וואָס, אַ ליגן דערצייל איך?
— אַזוי איז געווען — כ׳האָב זיך אויך דערמאָנט, —
ענטפערט פאַמעלעך מלך.

און זיי גייען און ס׳טאַנצן איבערן וועג
די זומערדיק-זוניקע שטויבן.
גאַנצע קאַפעליעס טוען אין גראָז
השם-יתברך לויבן.
מיט טלומעקלעך גייען זיי איבער דער וועלט,
די ברידער די געטרייע.
באָרוועס גייען זיי איבער דער וועלט
און פאַר זיי — דער שם-הויה.

## אלעזר בן־פדת

(באַלאַדע אין טערצינען, נאָכגעזונגען יעזשי זשולאַווסקיין)

געפאַלן איז, מיד פון געוויין, דער אמורא...
און אָט קומט דער שלאָף אויף שפּיץ פינגער צו טאַנצן,
מאַכט בלומען אים אויפגיין פון זיין מרה-שחורה

און קילט אים די שלייפן. עס פראַלט זיך איינגאַנצן
דער הימל אויף, עפנט אַ לאָד נאָך אַ לאָד אים
פון אויבערשטע פענסטער... אין גאָלדיקע גלאַנצן

גייט אויף דער באַשעפער, געגורט אין חסדים.
ס'טרעט־צו מיט דעם גנאָדפולן בליק פון אַ טאַטן
דער מלך המלכים צום עבד־עבדים.

ער נעמט, דער רבונו־של־עולם, אַ מאַטן
און מאַטערן אָנבליק אָן, נישט צו פאַרבלענדן,
און זאָגט: „פּלאָגט דיך ווידער דער קאַט איבער קאַטן,

דער טרויער? אַ, פּרוכט דו פון מענטשלעכע לענדן,
צי ווייסטו דען נישט, אַז דאָס אַלץ, וואָס באַשאַפן,
מוז דערנער דאָ זען, וואו עס זאָל זיך נישט ווענדן?"

„געדעכט, — קרעכצט אלעזר בן־פדת. — נאָר פון שקלאַפן
בין א י ך דער פאַרשקלאַפּטער! נישטאָ נאָך אַ צווייטער,
וואָס רייטן זאָל אומגליק אויף אים, אויף דעם שלאַפן,

מיט שווערקייט אַזוינער! אַ וואונד פול מיט אייטער —
אָט דאָס איז מיין לעבן. און ס'קוועלט נאָך דער שונא:
ווען ס'פּלאַצט מיר דאָס האַרץ — אין געלעכטער פאַרגייט ער.

און בין איך נישט אפשר געטריי צו דיר, קונה?
פאַר פלעקן פון זינד האָב איך אייביק געהיט זיך —
פאַרוואָס־זשע, זאָג, קומען יסורים אַזוינע?

מיט וואָס בין איך ערגער פון שטיר־אָקס, וואָס מיט זיך,
וואָס האָרעוועט שווער און דעם יאָך אויף זיך טראָגט ער,
נאָר אוונט־צייט רוט ער, ווען שטילקייט צעבליט זיך?

צי האָב איך ביים טיש, וואו איך קיי אַ פאַרצאָגטער
מיין ביטער שטיק ברויט און טרינק וואַסער מיט טרערן,
דיר ברכות געקאַרגט און דיין לויב נישט דערזאָגט דיר?

נישט שוין זיינען ווייניק געוועזן מיינע טרערן?
צי האָב איך נאָך קנאַפּ זיך געוואַלגערט אין שטויבן?
פאַרהאָפט האָב איך אַלץ, אַז דו וועסט מיך דערהערן.

פאַרוואָס, זאָג מיר, שטראָפסטו? פאַר טריישאַפט, פאַר גלויבן?"
און ווידער געוויינט האָט ער... גאָט האָט מיט פייער
פון ליבשאַפט געקוקט, ווי צום בענטשן געהויבן

די האַנט איבער אים און געזאָגט: „ס'איז מיר טייער
דיין טרער, ווייל איך וויים: ס'האָט פאַר בייזע געדאַנקען
געהיט זיך דיין האַרץ, ווי אַ טויב פאַר'ן גייער.

און אויב ס'זיינען גאָל דיר דעם לעבנ'ס געטראַנקען,
איז גרייט פאַר מיין קנעכט, דעם געטרייען און ריינעם,
אַלץ בייטן מיין האַנט, ער זאָל קענען מיר דאַנקען

מיט פריידיקע אויגן. נאָר וויים, אַז נאָר איינעם,
איין רצון פאַרמאָג איך, וואָס לאָזט זיך נישט בייטן
און פירט אייביק אָן מיט דעם גרויסן און קליינעם.

איך האָב נישט מיין הימל פאַרשפּרייט נאָך, דעם ווייטן,
ווי כ'האָב שוין באַשטימט פאַר מיין מלוכה געזעצן:
זיי טרייבן דאָס ראָד פון די ערדישע צייטן.

לויט זיי מוז אַרויסגיין די זון און זיך זעצן,
דער מזרח — פאַרמאַכן און עפענען טירן,
די שטערן — זיך וואַרפן ווי פיש אין די נעצן.

געזאָגט: זאָל אַ וועלט זיין — און כ'מוז מיט איר פירן!
ס'מוז בלענדן אַ בליץ און אַ דונער מוז שרייען,
אַ שטיין מוז זיין שטאַר און אַ ווינט מוז זיך רירן.

דאָס וואַסער מוז פליסן, די ערד — האָבן מאַיען
און ווינטערס, דער מענטש מוז אי וויינען, אי לאַכן,
און פונקט אַזוי מוזסטו דיין בעטל-ברויט קייען.

נאָר ס'טוט מיר דאָס האַרץ אויף דיר ווי. וועל איך מאַכן
אַ פונק-נייע וועלט; כ'וועל די אַלטע צושטערן,
אויב וועסט עס באַגערן. כ'באַשאַף נייע זאַכן,

שאַף אַנדערע, נייע געזעצן... ס'וועט ווערן
דיין גורל אַ לייכטער און יענער באַפרייטער,
געענדערטער וועלט, וואו עס וועט זיך נישט מערן

קיין פּיין מער, קיין טרערן... זאָג: יאָ — און ס'וועט ווייטער
דאָס אַלץ מער נישט זיין!" און טיף טראַכט דער אמורא,
צי שטאַרבן זאָל אַלץ צוליב אים, אָדער ליידט ער —

טאָ זאָל ער שווין ליידן, און בליען אָן מורא
זאָל ס'לעבן דער וועלט'ס... קנייטשן שניידן זיין שטערן —
און ס'וואַרט אויף זיין ענטפער געדולדיק דער בורא.

און אָט לאָזט דאָס קול רב אלעזר'ס זיך הערן:
„איך וויל, אַז די זון זאָל ווי תמיד דיין ציר זיין,
דיין נאַכט — זיין באַקליידט מיט די זעלביקע שטערן!

זאָל לייכטן דיין זומער דער מלכות'דיק-גרינער!
דיין וועלט איז צו שיין, אַז זי זאָל צוליב מ י ר זיין
פאַרטיליקט... ניין, ליבערשט זאָל ליידן דיין דינער!"

1921

# נאַך לידער נאַציאָנאַל־סוביעקטיווע
# חורבן־לידער און משיח־לידער

## צווישן שול און בית־עלמין

ווי נאָך אַ שטומער לויה,
גייען אין דער נאַכט אַריין —
שוואַרץ און אָן אַ שאָרך —
דיביימער פון בית-עלמין.
ס׳פאַלט קיין קלאַנג נישט
אין טויבן אויער פון דער שטילקייט.
די לבנה באַווייזט זיך נישט,
ס׳טוט אַ שטערן-אויג אין ערגעץ נישט קיין פינטל.
בלויז ביימער שוואַרצע גייען
אין רייען,
גייען און גייען.
ראַפּטום רירט זיך אַ ווינטל
(ווי דער אור-ערשטער ריר
אויפ׳ן דנאָ פון בראשית׳דיקן תהום).
ס׳גייט אַרויס פון אַ קבר
אַ זקן מיט אַ גרינער באָרד.
אַ לאַנגן טלית טראָגט ער,
האַלט אין דער האַנט אַ לאַמטער:
ס׳ציטערט ווי אַ פייערדיקע טרער
איבער די מצבות איר שיין.

רבותי, — רופט דער זקן, —
צייט שוין אויפצושטיין,
צייט אין שול צו גיין:
ס׳וואַרט די שול, די אַלטע שול.

האָרכט די אַלטע נאַכט,
די סוף-חודש׳דיקע נאַכט.

שטעקט דעם קאָפּ אַרויס אַ מת,
אַ קאָפּ מיט אַ בערדל אַ צוגעשוירנס,
מיט אַ באַברילטער מרה־שחורה׳דיקער נאָז:
„וואָס?
אין שול?
האַלב חרב
איז די שול, רב קרוב!
די ריינקייט אַלט, דער אָרון צעפּאַלט,
ס׳פּרוכת צעקראָכן, די שטענדערס צעבראָכן,
ס׳וואַסער אַפילו וויל נישט גיין פון כיור...
איר מיינט, ס׳איז דאָסזעלבע וואָס פריער?"

דער זקן וואַרפט אויף אים די פייערדיקע טרער
פון זיין לאַמטערן.
ס׳לייגן זיך אויס אויף יענעמ׳ס שטערן
משכיליש־חקרנ׳ישע קנייטשן.
לאָמיר, — מאַכט ער, — זיך נישט נאַרן:
זיינען דען שני שדיך
טאַקע משה ואהרן?
על־פּי־חקירה איז עס נישט שייך!
על־פּי־חקירה איז אויך נישט שייך
תפילין־לייגן וכדומה,
כאָטש סע ווילט זיך אַ גוואַלד לייגן תפילין,
מחמת אָן דעם איז די נשמה אַ יתומה.
אויך מכוח שכר־ועונש קען מען גאָרנישט וויסן.
אָט ליג איך מיר אויפ׳ן בית־עולם,
און ס׳האָט מיך קיינער ביז איצט נישט געשמיסן.

— אַזוינעם ווי דו, — גיט דער זקן אַ זאָג, —
וויל מען אַפילו נישט שמייסן.

— זייט איר דאָך, — ענטפערט דער משכיל, — אַ כעסן...
איך לייקן דען אין אַ מנהיג־הבירה?

חלילה וחס...
כ׳האָב אַמאָל געלייענט אין דער „הצפירה״
אַ מאמר פון חז״ם
מכוח... המ... מכוח...

— פון בראָנפן האָט מען כח, —
רופט הייזעריק זיך אָפּ אַ מת אַ דריטער,
אַ מופקר, באַגראָבן ביים פּלויט. —
אַי, ווען איך האָב מיט זיך אַ פּלעשל!
צי — פּאָר אַ נויט —
כאָטש קאָרטן אַ טעשל...
וואָס זאָגט איר עפּעס צום אַלטן?
געריירט אויפ׳ן קאַסטן!
אין שול אַריין? כ׳האָב קיינמאָל דערפון נישט געהאַלטן,
מכל־שכן איצט, נאָכ׳ן טויט — —
כ׳ליג מיר ווי אַן אַרבעסל אין שויט,
קומט ער, דער חכם בלילה,
מיט אַ יעלה:
אין שול אַריין!

פאַרקירעוועט דער זקן אויף אים די לאַמטערן:
אַ גלוח מיט אַ פּנים פון אַ רוח,
אַ לאַנגע, משונה־ווייסע נאָז,
אויפגעשפּיצטע אויערן ווי ביי אַ האָז,
און אויף די ליפּן די בלוילעך־בלאַסע
אַ לצ׳ישע גרימאַסע.

שול, — חוזק׳ט דער גלוח. — שול!
אַ בעלנות פון אַ משוגענעם יידן
צו קריכן אין מיין מת׳ישן גבול!

מאַכט דער בר־מינן דער פרומער:
כופר, האַלט דאָס מויל!

דו אַליין ביסט דול.
ליג אין דר'ערד און פויל —
איך קריג אַ מנין און גיי אין שול.
משכיל, גייסט מיט?
ביסט דאָך פאָרט אַ שטיקל ייד — —

קרעכצט דער חוקר: אַי, סע בענקט זיך
נאָך אַ שול... נאָך אַ מנין...
נאָר וואָס טוט מען? על־פּי חקירה
איז עס נישט קיין ענין.

איז דער אַלטער
אים מבטל מיט אַן אויג,
און צו אַ מת, וואָס איז ביני־לביני
אַרויסגעוואַקסן פון נאַכטיקן תהום
ווי אַ גרויסע טונקעלע שוואָם,
באַפעלט ער: גיי און וועק!
נעם דעם האַמער, וואָס מיט אים
פלעגסטו קלאַפּן אין די לאָדנס,
ווען איך בין רב געווען און דו דער שמש,
און קלאַפּ אין קברים!
שלעפּ זיי אַרויס, די פּגרים,
שלעפּ זיי אַרויס!
אין שטעטל וואַרט גאָט'ס הויז,
אין גאָט'ס הויז וואַרט די ספר־תורה.
מתים דאַרפן עולה־לתורה זיין,
נעמען אַ יידיש וואָרט אין מויל אַריין.
ס'נישט הפקר אַ וועלט!"

זיין האַמער נעמט דער שמש
און לאָזט נאָכ'ן רב זיך גיין.
ער קלאַפּט אין קברים ווי אין לאָדנס
און רופט — האַלב געזאַנג, האַלב געוויין:

„שטייט אויף, שטייט אויף לעבודת הבורא,
יידישע מתים,
קינדער פון אברהם, פון יצחק און יעקב!
ס׳וואַרט דער בורא,
ס׳וואַרט זיין ספר־תורה —
שטייט אויף!"

איבער׳ן בית עלמין שפּאַנט ער מיט׳ן רב:
„ישראל עם קדושים, שטייט אויף פון שלאָף!
צעגערט איר אויפצושטיין,
קען איידער־וואָס־ווען זיך צוקרייען דער האָן
און ס׳קען נאָך פאַרביי, חלילה,
די צייט פון תפילה.
רופט זיך אָפּ! רופט זיך אָן!"

ביי איטלעכן קבר
שטעלט דער רב זיך אָפּ,
בויגט זיך צו דר׳ערד צו און האָרכט,
צי קרעכצט נישט עפּעס, צי שאָרכט נישט:
רב ייד, רופט זיך אָפּ!
וויפל דער שיעור?
גיט זיך אַ ריר!
הויבט אָן צו גלויבן, אַז איר זייט בכוח
זיך אויפצוהויבן — הויבט איר זיך אויף!
זאָגט: אנא בכוח
גדולת ימינך תתיר צרורה —
און פון דעם אוצר פון אומזיסטן חסד
נעמט זיך גבורה!
שטייט אויף!
דער אוצר פון חסד אומזיסטן
איז תמיד אָפן: ער וואַרט אויף די נעמער.
שטייט אויף, רב ייד! לאָמיר גיין אין שול:

אפשר טרעפן מיר דאָרט דאַוונען ביי אַ פּשוט'ן באַלעמער
דעם גואל-צדק אַליין.
אין שול אַריין דאַרף מען גיין!"

ניין, ניין! —
בייזערט זיך פון יענער זייט קבר אַ קול. —
זאָל זיין באַדאַי
משיח אַליין,
איז נישט כדאַי
ביינאַכט זיך צו שלענדערן.
די נאַכט איז געמאַכט צום שלאָפן:
ס'איז נישט צום ענדערן.
וואָס וועקסטו אַ יוסטן בעל-הבית?
פאַרווען און פאַרוואָס?
שלאָף אַליין און לאָז אַנדערע שלאָפן.
אלא נישט —
איז נישט דאָ דאָס אָרט: האָסט נישט געטראָפן.

שטייט דער רב און האָרכט:
יענער קערט זיך איבער
אויף דער צווייטער זייט — און שנאָרכט.
די נאַכט שטעלט אויס דעם רב אַ לועג-לרש'עדיקע,
שוואַרצע צונג,
אַ צונג פון הימל ביז דער ערד:
מיינע מתים זיינען פעפער גאָר נישקשה'דיקע,
האַ?

און גאָרנישט. שטיל איז. שאַ.
דער שמש קלערט:
נישט באַשערט.
נישט באַשערט, אַפּנים.
זיין מחשבה הערט

דער רב,
גיט ער אים אַ לייכט מיט דער לאָמטער אין פּנים:
ספק איז שטראָפיק — איז אַליין די שטראָף!
בטחון! גענאַנגען ווייטער!
מ'קען נאָך באַווייזן!
ס'האַלט נאָך נישט ביים עמוד-השחר —

זיי שפּייזן, זיי שפּרייזן —
די טריט זייערע הילכן אָפּ אַלץ ווייטער,
אַלץ שוואַכער.

מאַכט דעם מופקד צום חוקר:
אין תוך ביסטו אַ דבר-אַחר.
בענקסט דאָך נישט אַפילו!
שטאַרקער ווי די ווערים
נאַגט די בענקשאַפט מיך.
כאָטש די שול איז פּוסט,
סע הענגען שטיקער ט ר ו י ע ר איבער איר,
און קיין מתמיד צינדט נישט זיין ליכטל
צו לערנען ביינאַכט פאַר איר עמוד, —
געדענק איך נאָך אַלץ מיינע דאָנערשטיק-נעכט,
די וואָך-נעכט פון לערנען.
אין נעכט אַזוינע האָט שטום זיך געשוואַרצט ביים פּרוכת
די אַלמנה, די שכינה,
און בליקן געוואָרפן
אויפ'ן לערן-יונג דעם בלייכן.
די שטראַמען פון פּלפּול! אויף זייערע ברעגעס
האָבן הפלא-ופלא'דיקע בלומען געשפּראָצט — — —
די שטראָמען זיינען ענג געווען און טיף —
און איך בין געשוואומען, געשוואומען
צווישן דעם מהרש"א און מהר"ם שיף — — —
און כאָטש די חקירה האָט מיר אַלץ צושטערט,
קען איך נישט, קען נישט פאַרגעסן — — —

לאכט דער מופקר: אַ מת דאַרף קענען מת'ן!
איך קען! און דו?
אַ בטלן געווען און אַ בטלן געבליבן.
ווייסט וואָס איך טו?
כ'בין מעלה־גרה
עבירה נאָך עבירה —
אַזש עס הויבן זיך די ווערעם אָן צו פרייען...
געכאַפּט אונדז ביידן ביי דער האַנט...
וואָס פרעגסטו? פּעטש... געשרייען...
דערנאָך — אין שול די שוואַרצע ליכט...
מופקר! מוחרם! רשע!
אָבער די עבירה, — נישקשה, —
איז געווען אַ פּעסטע...
פון די בעסטע!...
פון אַזאַ מין חטא ווערט מען פעט...
וואָס קרימסטו זיך, בטלן?
האָסט בעסערס צו געדענקען?

אַ ייד, וואָס קען אפילו נישט בענקען, —
דרייט דער חוקר אוועק דעם קאָפּ, —
אַ ייד, וואָס רעדט אפילו נאָכ'ן טויט
אַזעלכע גראָב־יונגישע דיבורים,
אַ ייד אָן גאָט אין האַרצן,
אַ ייד אָן יסורים —
איז ערגער ווי אַ גוי.

— אַזוי? —
שפּעט דער מופקר. — אַ שיינער אפּיקורס!

שטיל ווי אַן אלול'דיקער רעגן
גיסט זיך דעם חוקר'ס שמועס מיט זיך אַליין:
„כל־נדרי אַז ס'פלעגט זיך דערהערן —
פלעגט ציטערן אַ ל ץ אין דער שול,

לרבות דעם ענגלייכטער...
ס׳פלעגן זיך באַדן הערצער
אין אַ ים פון יידישע טרערן...
שופר! און ס׳פלעגט די פמליא של מעלה
זיך אָפּשטעלן הערן...
נאָר — פון זינט ביסט געוואָרן אַ משכיל —
פאַרשוואונדן די טרערן,
נישטאָ קיין פמליא של מעלה...
איצט איז אַלץ אַ שאלה...
אתא בוקר —
ווען ס׳איז געקומען דאָס ליכט פון השכלה,
וגם לילה —
איז געוואָרן נאַכט ביי דיר, חוקר״...

זיי גייען צוריק! —
טייטלט דער מופקר. — מיט ליידיקע הענט!
אַן אַנטיק!
כ׳בין זיך מחיה!

גייט דער רב און סע קלאָגט אין זיין האַנט די לאַמטער,
נאָך אים — דער שמש: ס׳הענגט שווער
זיין האַמער אַראָפּ,
און ס׳הענגען אַראָפּ זיינע ברעמען נאָך שווערער.
פון קלאַפּן, — מאַכט ער, — האָב איך וואונדן אויף די הענט
און אַ וואַסער אין אויער —
און קיין מנין איז נאָך אַלץ נישטאָ.
יעדער איינער אין זיין קבר,
יעדער איינער מיט זיינע ווערעם.
אַט אַ דור!
אַ ליאַדע מת׳ל איז אַ שררה,
שנעקעס ווילן אים נישט קענען!
מע וויל זיין נאָמען נישט געדענקען,
מע פאַרשפּאַרט זיך, מע באַהאַלט זיך

יעדער איינער מיט זיין דלות,
מיט זיין פעקל פוילע ביינער,
און צו אים, צו זיינע שוועלן,
גייט נישט קיינער" —

ער ענדיקט נישט זיין וואָרט.
ס'רייסט דער אַלטער שטרענג אים איבער:
„וואָס טויגן רייד?
לאָמיר גיין כאָטש זאַלבעצווייט!
דער זמן-תפילה וועט אַריבער!
לאָמיר גיין צום אַלטן גאָט
און צום אַלטן אָרון-קודש" —

און זיי לאָזן זיך שטעטל-צו גיין
אין דער נאַכט דער דאָפּלט-שוואַרצער פון סוף-חודש.

זיי גייען, זיי גייען —
צוויי הויכע געשטאַלטן:
די געשטאַלט פון שמש מיט'ן האַמער,
די געשטאַלט פון רב דעם אַלטן — —
מיטאַמאָל — אַ געשריי!

דער מופקר שרייט:
„וואו קריכסטו, שמש? שטיי, רב, שטיי!
גיט אַ קוק: פון דער שטעטלשער זייט
שפּאַרן פייערן! עס רייט
אַ רויטע מכשפה —
אַ שרפה!
ביז איר וועט קומען — וועט זיין נאָכ'ן שטעטל,
וועט זיין נאָך דער שול!"

ער צעלאַכט זיך. ער געלעכטערט ווי אַ שרעטל.
צאַפּלט אויף דעם חוקר'ס קאָפּ:

ס׳צוגעשוירענע בערדל גיט א שפרונג,
ס׳צוקט אין האלז דער יתומ׳דיקער קנאפּ.
רב און שמש בלייבן שטיין אינמיטן גיין.
ס׳פאלט דעם רב די לאמטער פון דער האנט.
הויך ארויפגעפלויגן איז דער בראנד,
זינגט רויט פון הימל אראפּ זיין געזאנג,
און דער מופקר
טאנצט אנטקעגן פון אָפענעם קבר:
גוט אזוי! גוט!
די שול קאפּוט, דאָס שטעטל קאפּוט!
אי, גוט!

שטאַרט דער שמש. דער רב
שטעלט די הענט ווי א דעכל אָן,
קוקט ארויפצו: פייערדיק גלאנצט אָפּ
זיין אלטע באָרד די גרינע.
דער כופר, — מורמלט ער, — זאגט אמת.
אַז ווי צו אים און צו זיין אמת!
פייער, כביכול, האָט ארומגעכאַפּט די שכינה.

כאַפּט זיך אויף פון זיין גאַפונג דער שמש:
וואָס טוט מען?
נישט גוט, רבי, נישט גוט!

רופט זיך אָן פון אָרט דער מופקר:
וואָס מע טוט?
מע צעקושט זיך מיט די בשר׳ע ווערעם!
טייערע ווערעמלאך — חלילה נישט קיין טרייפע!

טרויערט דער חוקר:
על פי־שכל קאָן מען אלץ פאַרשטיין,
אָבער שרפה בלייבט שרפה.

וואו איז דער שכל, וואָס שטעקט אין דעם שכל?
פאַרוואָס זאָלן אוועק מיט'ן רויך
דאָס שטעטל, די שול,
דער ספר-תורה שבהיכל?

גיט אַ טופּע מיט'ן פוס
דער בר-מינן דער אַלטער,
דער מת טהור, דער רב,
און טוט אַ הויב דעם קאָפּ ווי אַ לייב
איבער'ן גאַנצן בית-עלמין.

„שמש, — רופט ער. — דאַ בלייבן מיר
און אַ רבנן-קדיש מאַכן מיר,
אַז מצבות ציטערן
און ס'נעמט הילכן דער בית-חיים.
ווארום יידן זיינען מיר,
ווארום דאַוונען מוזן מיר.
פאַרברענט די שול?
וועט אונדזער שול דער בית-עולם זיין.
נישטאַ קיין מנין?
וועלן צוויי די דאַוונער זיין.
מיר'ן מוציא זיין דעם כלל...
נישטאַ וואָס צו ווערן נתפּעל!
אויך יידן צוויי, נישט מער ווי צוויי,
קענען זיין — דאָס פאָלק ישראל.
פאַר די מתים וועלן מיר דאַוונען,
וואָס קאָנען מער נישט דאַוונען!"

ערשטע ווערסיע: 1917

## געזאַנג לכבוד ירושלים עיר־הקודש

ירושלים, מאַמע געטלעכע,
באַשענק דיין קינד, וואָס גייט אַן ליכט,
מיט שטראַלן, חסד־שטראַלן עטלעכע,
און אָטעם אויף אין זיין געדיכט!

צו דיר, וואָס דו באַהעלסט פאַרלאַשענע,
אַנטלויפט פון ערדישן יאַריד,
פון ליפן פאַלשע, הערצער גראַשענע,
אַ יונגער אומעטיקער ייד.

איך קום צוגיין פון דאָס פאַרשווינדיקע,
צו דיר, וואָס טורעמט איבער צייט,
פון אַלדאָס ביימעוודיק־אַצינדיקע —
צו דיר, וואָס ווייס נישט פון קיין בייט;

פון רייד, וואָס פראַלן פוסט און טמא'דיק, —
צו אַלטן זינגענדיקן שטיין.
דיין בלויע לופט ברענט נר־נשמה'דיק,
אין דיר טוט תפילה גאָט אַליין.

כ'וויל אין דיין כותל, נישט צום איינלייגן,
מיט טרערן אויסברענען אַ שפּאַלט
און מיין נשמה דאָרט אַריינלייגן —
ביז טעג פון אחרית — אויף באַהאַלט.

דער אור, וואָס האָט אין אור־צייט אויפגעהעלט
און ס'האָט באַהאַלטן אים גאָט'ס האַנט, —
אין דיר באַגערט ער ווערן אויפגעדעקט,
דער וועלט דער אונטערשטער באַקאַנט.

אַ העלקייט העלט אין דיר אַ שטענדיקע,
נאָר ס'ווערט געהיט פאַר דיר, ווי וויין,

א שיין נאָך ליכטיקער, נאָך בלענדיקער:
די עתיד־לבוא'דיקע שיין.

ווען ס'וועט דאָס הויז פון אדום איינפאַלן,
ווען נאַכט וועט אַרבן אדום'ס וואוין, —
וועט אויף דיין פנים יענע שיין פאַלן:
זי פאַלט אויף דיר פון גואל'ס קרוין.

אַז וואויל דעם אויג, וואָס זעט דיין אחרית־טאָג,
ווען נייער אַלף קומט נאָך תיו,
דיין אור־הגנוז'דיקן אחרית־טאָג,
ווען ס'כאַפּט זיך ר ח ל אויף פון שלאָף!

1921.

## ליד צו מיין פאָטער הלל צייטלין

כ'בין דיין זון.
האָסט אויף דער וועלט מיך געבראַכט.
פאַרגייט אין מיר עמיצנס זון?
בין איך נאַכט?
אָדער בין איך אַ טיר
פון דיר
צום ו ו י י ט ע ר?

זאָג מיר, ווער איך בין.
זאָג מיר, ווער מיר זענען —
מיר, די זין.

בין איך אָנזאָג? בין איך קבר?

בין איך אפשר זייער תפילה
צו אַ תפילה,
וואָס איז נישטאָ,

און מיר איז ענג,
ווייל איך, די תפילה צו אַ תפילה, הענג
האַרט אונטערן באַלקן
פון זייער שענק,
אין רויך? —

בין איך אפשר אַן איבערגעשראָקענע פּלייט
אויף דער חתונה פון זייער טויט,
און אין אַ ווינקל, וואו עס גרויט
אַ שפּין אַ געפּגר׳טע,
שפּיל איך, פון קיינעם נישט געבעטן,
לכבוד סקעלעטן,
און מאַך מיר האַרץ און באַגלייט
אַ לציש־בר־מיננשע חתונה,
וואו עס פּראַזענען,
וואו עס בלאָזענען
לאַפּיטוטן ליטעראַטורענע,
טינט־שרעטלעך שפּאַסענע,
דיבוקים טעקטורענע?...

זאָג מיר, ווער איך בין,
זאָג מיר, ווער מיר זענען —
מיר, די זין.

לעצטע?
נאָכלעצטע?
פּ אָ ר ע ר ש ט ע אפשר?
ס׳האָט אונדזער האַנט
אַראָפּגעריסן פון דער וואַנט
דעם לוח —
אפשר קאָנסטו
אויף אויסנווייניק זאָגן, וואו עס האַלט?

דו, מקובל,
לעצטער היטער פונעם זוהר!
וואָס דערנענטערט זיך צו אונדז?
איז עס יובל?
איז עס טרויער?

געבוירער זענען מיר פון עפּעס —
צי באַגרעבער? צי אַליין די גרוב?
שרעק איז אַראָפּ אויף אונדז.
מיר, קינדער,
מיר ווייסן נישט, וואָס עס טוט זיך
אין דער פינצטערער יאָרטוויזנטיקער שטוב
פון די טאַטעס.

זאָג: וואָס פילן
זייער נאַקעטקייט אַזוי
אונדזערע קעפּ?
איז עס דערפאַר, ווייל זיי ווילן
של־ראש׳ן?
וואָס ציטערן אונדזערע הענט —
איז עס באַגער צו פאַרלוירנגעגאַנגענע תפילין?
פאַרלאָשן
שטייען מיר, ווי פאַרטאָג אַ לאַמטערן.
מיר דאַרפן זיין נביאים און ווערן רעפּאָרטערן.
מיר מאַכן און מאַכן די ליטעראַטור,
מיר מאַכן די קולטור מיט דער מאַקולאַטור,
קונסט הייסט, קונסט מאַרגן, טאַלאַנט־שמאַלאַנט —
און ס׳שלאָפט אונדזער גאָט ווי אַן אַלטער מוזיקאַנט
מיט אַן אָפּגעפּליקטן סמיטשיק אין דער קאַלטער האַנט,
דער פאַרשטיינערטער האַנט.

וואַרשע, 1931

# דאָס בלוט פון מיין זיידן

כ׳האָב דאָס בלוט פון מיין זיידן,
נאָר אָן ז י י נ ע יום-טובים,
זיינע מצוות און פריידן
און מעשים טובים.

און נעמט אין מיר ריידן
דאָס בלוט פון מיין זיידן,
נשמתו עדן, —
אַזוי מוז איך קלערן
פון די אייביקע שטערן
און ענטפערס באַגערן
און זוכן באַשיידן.

הויבט אָן זיין בלוט אין מיר
ברעגעס צו רייסן —
לאָזן זיך גיין אויף מיר
פעלדער פון רייסן,
און פאַרנט, און פאַרנט
גייט צאַרניק און וואַרנט
מיין זיידע אין ווייסן:
אַי, ווער מען שמייסן,
אַי, ווער מען אויף יענער וועלט שמייסן.

ציטערן מוז איך
ווי אַ בלעטל אַ לעצטס
אויף אַ בוים אויף אַ הוילן,
ווען מיט טריט פון אייזן
לאָזט ער זיך שפּרייזן
פון רייסן קיין פּוילן.

מיט טריט פון אייזן
קומט ער צו שפּרייזן
און טרעט מיין לעצטקייט
מיט אייזערנע זוילן.

# רייזע אין אַ פאַרקערטער ריכטונג

ס'איז איינס ביינאַכט. איך שרייב אויף אַ וואָקזאַל
דאָס דאָזיקע געדיכט.
וואָס פאַר אַ שייכות האָט וואָקזאַל מיט דיכטונג?
איך בין אַהער געקומען נישט-געריכט,
ווייל כ'בין געפאָרן אין אַ פאַלשער ריכטונג.
אַזאַ זאַך אויסזאָגן איז ריזיקאַליש:
פון לאָדז האָב איך געדאַרפט קיין ווארשע פאָרן —
בין איך אַריין אין צוג, וואָס גייט קיין קאַליש.
זיץ איך איצט אויף קאַלישער וואָקזאַל
(קיין ווארשע גייט אַ צוג ערשט פיר פאַרטאָג)
בייז און אויפגערייצט, כאָטש נעם און שלאָג
זיך גופא.

צוערשט
(איך האָב מיך קוים באַהערשט)
האָב איך אַרויפגעקוקט צום זייגער
איבער'ן בופעט,
געציילט מינוטן צו מינוטן —
און גע'חלום'ט פון אַ בעט.

דערנאָך
האָב איך מיך געשעמט (אַזאַ שלימזל!)
און געהאַט אַ טראַגיש פנים
כמעט ווי דר. הערצל אויף דער בריק אין באַזל.

דערנאָך
האָב איך אַריינגעשטעקט די נאָז אין צייטונג
און געזאָגט צו זיך: אין תוך
איז עס דאָך אַן עפּיזאָד אָן אַ באַדייטונג
און ס'לוינט זיך נישט צו מאַכן
פון אַזעלכע מיני זאַכן

**אזא וועזן**
(פונדעסטוועגן האָט זיך עפּעס נישט געלעזן).
דערנאָך האָב איך פאַרטיפט די בליקן
אין די שוואַרצע שויבן פון וואָקזאַל
און געזוכט געהיימע בריקן
צווישן מיר און אָט דעם נישט-געשמאַקן פאַל.
און ס׳איז געקומען כמעט ווי אַ התגלות:
אויב איך בין
געפאָרן אין אַ פאַלשער ריכטונג
און געקומען גראָד קיין קאַליש,
איז אין אָט דער זינלאָזער געשיכטע —
ווי אין יעדן אומזין — דאָ אַ זין.
אויב איך בין
נישט דאָרט, וואו כ׳וואָלט באַדאַרפט צו זיין,
איז עס אפשר נאָר אַ וואונק פון שטערנדיקער ווייט:
פריינט דו ליבער מיין,
קער דיך אום, ווילאַנג ס׳איז צייט!
אַ וואונק אזא פון איבער דר׳ערד:
„נישטאָ פאַר דיר קיין טרייסט,
ווייל דו גייסט
פ אַ ר ק ע ר ט!"

יאָ, מען דאַרף נאָר אויפנעמען דעם וואונק,
מען דאַרף נאָך וואַך זיין צום סיגנאַל —
און קלאָר ווערט מיטאַמאָל דער שפּרונג
אַהער, אויף קאַלישער וואָקזאַל.

כ׳האָב שוין אויסגעטרונקען לאַנג מיין גלעזל טיי,
דער זייגער גייט צו צוויי,
עס דרעמלט די בופעט-גויע,
עלעקטרע ברענט אַלץ מידער.
דורך מיין געהירן גאַלאָפּירן
פיבערדיקע לידער,

גאַלאָפּירן־דורך און ווערן נעלם
אויפ׳ן נאַכט־שאָסיי צום נישט־באַקאַנטן.

קלער איך ווידער:
פאַקטן זענען סימולאַנטן.
זיי סימולירן פלאַבקייט,
נאָר ווי טיף זיי טוען זיך פאַרקייטלען:
פאַרבלאָנדזשעט האָט מיט אהרן צייטלין
א גאַנצער דור, וואָס גייט פאַרקערט.
ניין, נישט איין דור, נאָר אַלע דורות,
וואָס האָבן ביז צו אים געפירט
און אים געשאַפן,
אָט דעם, וואָס זיצט ביים טישל פון בופעט
און טוט דורך שווארצע שויבן גאַפן.
זיי אַלע האָבן דאָך פאַרבלאָנדזשעט גלייך מיט אים,
ווייל איז ער דען נישט זייער
נישט געראָטענער עקסטראַקט?
(סימבאָל איז יעדער פאַקט).

איז קיינער דען נישטאָ דאָ אחוץ מיר,
דעם פּאַסאַזשיר,
וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט?
אַלע זענען דאָך מיט מיר — און אַלץ.
אַלץ, וואָס שטעלט מיך, מענטש, צענויף:
וואַלד און גאָט,
וויטאָקן און ווינטן,
חלום און געבייזער,
מדבר־סיני,
וואַרשע,
דער זיידע ר׳ אברהם,
דער זיידע אָרליק־לייזער.

נאָר פון וואַנעט ווייס איך, אַז איך האָב פאַרבלאָנדזשעט?
באַשר, ס׳לאַכט מיך אויס
דער שכל מיינער, דער מלמד,
און ווייזט מיר אויף,
אַז כ׳האָב די מינדסטע שייכות נישט מיט קאַליש?
מסתמא מוז איך זיין דאָ אָט די נאַכט,
ווייל ס׳האָט אַזוי געטראַכט
דער קאָפּ דער טיף פאַרבאָרגענער,
פון אַלע קעפּ דער קאָפּ,
וואָס אַ מענטש׳ס מחשבות
זענען אָפּשפּיגלונגען טעלעפּאַטישע
פון די געדאַנקען זיינע
די הימליש-מאַטעמאַטישע.

נאָר ווי קיינמאָל גאָרנישט
פרעגט אויפּס-ניי דער שכל שפּאַטיש-אידיאָטיש:
וואָס טוסטו דאָ אויף קאַלישער וואָקזאַל?
ענטפער איך צוריק אים מיט אַ קשיא:
און וואָס טו איך אויף דער וועלט בכלל?
אַ טיפע זאַך האָט מיך אַהערגעבראַכט,
אַ טיפע זאַך וועט מיך צוריקנעמען.
דיזעלבע זאַך, וואָס האָט אַהערגעבראַכט,
וועט צוריקפירן, צוריקפירן — — —

און אגב, שכל חשוב׳ער,
טו איך דאָס זעלבע גראָד,
וואָס איך טו זינט יאָרן אויף דער וועלט:
איך מאַך אַ ליד
און וואַרט —
איך מאַך אַ ליד און וואַרט אויף יענעם צוג,
וואָס קערט מיך אום אין יענער שטאָט,
פון וואַנעט כ׳בין געקומען.

טענה איך אזוי צום שכל מיינעם,
און אז די בופעט-גויע די אלטע וועקט זיך איבער,
באשטעל איך ביי איר ווידער
א גלעזל טיי,
נישט אזוי, ווייל ס׳ווילט זיך טרינקען,
ווי דערפאר,
ווייל די טיי וויל זיין באשטעלט.
און איך זאג צו מיר אזוי:
עס קומט צו דיר די וועלט
מיט דעם זעלבן מוז,
ווי דו — צו איר.
ביסטו ממילא מיט איר קוויט,
מיין ליבער ייד,
און וואס ווילסטו נאך?

רופט זיך אן אן אנדערער אין מיר און זאגט:
דאס אלץ איז, כ׳לעבן, קלוג.
נאר די מעשה איז, וואס איך בין מיד
און איך האב עם אלץ גענוג.
דער צוג — ווען קומט דער צוג?
ווען נעמט ער מיך שוין צו?
ווען האב איך שוין אביסל רו?

שטות! —
מישט זיך דא אריין דער זייגער איבער׳ן בופעט
און טייטלט מיט א ווייזער מיט א הארטן —
וואס א שוטה רעדט!
וואס הייסט, ער קאן שוין מער ניט ווארטן?
ס׳איז דאך א מוז!
און דער צוג — ער מוז דאך קומען, מוז!
א מינוט נישט פריער, א מינוט נישט שפעטער!
וואס-זשע רעדט ער?

זעט דער אַנדערער אין מיר, דער מידער, דער בעל־טענה,
אַז דער זייגער איז גערעכט,
וואָרט ער שוין געהאָרכזאַם ווי אַ קנעכט
מיט די איבעריקע וואָרטנדיקע איכ׳ן מיינע.

גענעצט די עלעקטרע,
גענעצט די בופעט־גויע
(נישט זייער מוזיקאַליש
גענעצט אַ בופעט־גויע אין קאַליש),
און אָנגעשריבן ליגט
אויפן טישל מיין געדיכט —
דער באַריכט
פון מיין פאָרן
אין אַ פאַרקערטער ריכטונג.

קאַליש, 1936

# אַ ייד

און אַמאָל טוט מיר דאַכטן אַזוי:
גאָט האָט די וועלטן געשאַפן,
די אונטערשטע און אייבערשטע היכלות,
אין זכות פון אַן איינציקן ייד,
וואָס זיין באָרד איז אַ פידל אַ שמאָלע
און זיין אויג — אַן אָפּגרונט פון גלות.

זיין פרנסה איז אַלטע שמאַטעס.
זיין ווייב האָט אַ לייב ווי אַ ברעט,
אַ קול ווי אַ זעג און רומאַטעס.
און יאַטלעך ווי ווערעם, —
גאָט, היט זייער לייב און באַשערעס, —
שוואַרצפּלאָמיקע אייגלעך
און פּנימלעך ווייסע ווי טייגלעך,
גלייך שטיקער שוואַרץ עברי אין סידור.

דער טאָג מיט זיין האַמער צעקלאַפּט אים די גלידער
און גיט אים אַ וואָרף ווי אַ זאַק
אויף אַ געלעגער אַ האַרטן ווי ס׳יידישע מזל.
דאָרט חלומ׳ט ער משיח׳ס צייטן
(שופרות פון ווייסע מלאכים
לייגן איין יריחו),
און אַז דער באַגינען באַגינט
שטייט ער אין תפילין און ס׳איז אים ניחא,
וואָס גאָט גיט אים אַזאַ ערלעכן דלות,
אַזאַ צעבראָכנקייט אַ וואָרע,
קינדערלעך אַזעלכע, קיין עין־הרע,
און אַזאַ צעריסענעם הייליקן טלית.

איז אָט:
אַמאָל דאַכט זיך מיר, אַז אין זיין זכות האָט גאָט
געשאַפן די ים׳ען מיט די לויתנס,
די שיינע ווייבער און די פילם־אַקטיאָרן,
און די גרויסע שרייבער,
און די געניאַלע בלוטפאַרגיסער,
און ס׳גאַנצע ביסל באַראָק,
ס׳גאָרע גינגאָלד און ס׳גאָרע טינופת.

אַזוי גורט אַ קינסטלער זיך אָן מיט גבורה
און בויט זיין ווערק אין פילשטאָקיקע בענדער
(די אַקציע גייט איבער צייטן און לענדער) —
און דאָס אַלץ פון וועגן אַן איינציקער שורה,
וואָס האָט זיך אויף ערגעץ אַ זייטל באַהאַלטן,
ווי אין איר שפּינוועבס אַ שפּין,
און איז דער זין
פון אַלע די מעשיות און אַלע געשטאַלטן.

1931

## נישט געצדיקט, נישט גערשעט

נישט גע׳צדיק׳ט, נישט גע׳רשע׳ט —
וואָס־זשע לעבט מען אויף דער וועלט?
אוי, די מעשה איז נישט פּשוט,
אָט די מעשה איז נישט פּשוט.

שוועך גע׳צדיק׳ט האָבן זיידעס
און געמיט זיך און געמיט —
מיר די פּוילערס, מיר די ריידערס
ריידן ביז מיר ווערן מיד.

אויסגעווערטערט אַלע ווערטער,
זיך דערדעדט ביז גאָט אַליין,
און געבליבן אַזוי קליין,
און געבליבן ביי די ווערטער.

נישט גע׳צדיק׳ט, נישט גע׳רשע׳ט,
נישט געגנאַכטיקט, נישט געהעלט —
אוי, די מעשה איז נישט פּשוט.
אָט די מעשה איז נישט פּשוט.

זיך ווי קראַנקע ציין געוואַקלט —
וואָס־זשע לעבט מען אויף דער וועלט?
נישט געדרויבערט, נישט געפּאַקלט —
וואָס־זשע טוט מען אויף דער וועלט?

1933

## די תליה

געשטאָרבן זיינען וואָלקנס אין מיטן לייכטן,
געוואָרן אַש. ס׳איז איבער׳ן פעלד דעם פייכטן
די לבנה געשטאַנען נאַקעט.
אַ פּראַש האָט געקוואַקעט.

ווייטע פאַבריק-קוימענס זיינען געזעסן
און געבעטלט רחמנות
ביי בייזע פאַרבייגייער — די מעת-לעת'ן.

אין גראָז האָט דאָס אינזעקטן-פאָלק געקאַכט,
ווי ס'וואָלט דער גיהנם דאָרט געזאָטן
און ס'וואָלט זינדיקע געבראָטן
דער שטן.

זיי האָבן שווער געטראָטן.
זי האָט געזאָגט: איך זע אַ תליה.
ס'באַמבלען זיך אויף איר די קעפּ פון קינדער.
די קעפּ פון מיינע נישט- געבוירענע,
מיינע נישט-געוואָלטע קינדער.
ס'האָט ליכט געבענטשט מיין מאַמע
און געבעטן גאָט פאַר אירע קינדער —
די יורשים, די פאַרבינדער.
נישטאָ אין מיר קיין שבת, כ'צינד נישט
קיין ליכט און האָב קיין קינד נישט.
מיט שטומער תביעה
באַגלייטן מיך נאָר קעפּ, נאָר קעפּ —
קעפּ פון קינדער אויף אַ תליה.

## צ פ ת — ה י י נ ט

אָפט קומט מיר פאָר:
כ'בין נישט פון הי —
איך בין פון צפת
און פון אר"י.

פון טיף, פון אַלט,
פון „שפע טל",
פון קורדובירו
און וויטאַל.

פון אַלטן ליכט,
וואָס רינט נאָך, רינט,
אַ בלוט מיינס, דורך
דיין לאַבירינט!

נאָר ניין, איך מעג
ווי וויַיט פאַרגיין —
איך בין פון היינט,
צי כ׳וויל, צי ניין.

צו נייער גאַס
קומט ס׳אַלטע צפת:
דער אַלטער וויין
זוכט ס׳נייע פאַס.

מיט היינט וויל גיין
אַמאָל אין שפּאַן,
און וואָס געווען
וויל זיין פּ אַ ר אַ ן.

דערפאַר קומט צפת
צו מיר, דעם קל,
קומט קורדובירו,
קומט וויטאַל.

## יאַנואַר 1938

אַ מידער הונט, וואָס דרעמלט פאַר דער בודע,
ליג איך פאַר דיר אָן מצוות און אָן זינד,
אַ נישט-געראָטן קינד
פון וויַיטע עלטערן — לייבן אין יהודה.

קאָפּ אויף לאַפּע הויער איך אין זאַמד,
פאַרוויגט פון פליגן — און אין מיר איז הוילקייט.
די זון — דיין וואָרט וואָס פלאַמט —
וואַרימט נאָר דעם רוקן פון מיין פוילקייט.

נאָר ערגעץ זאַטעלט שוין דיין האַנט ס׳געוויטער,
און בעת צום זאַמד איז צוגעשמידט מיין קאָפּ —
בינדט ערד און הימל אין איין פייערדיקן סנאָפּ
דיין בליץ פול ציטער.

צערינען וועט מיין שלאָף ווי לייכטע טויען,
באַלד לאָזט דיין שטורעם זיך גאַלאָפּ,
און ס׳רייסט זיך פון דער לאַפּע אָפּ מיין קאָפּ —
און איך וועל וואָיען!

## האַר פון די קאַטאַסטראָפן

„לעש אוים, דו שלאָף, מיין טאָג,
כ׳וויל די אויגן נישט האַלטן אָפן.
פיין דו מיינע, שלאָף איין!
שלאָף איין, שלאָף איין, מיין האָפן!

אַ וויג בין איך, אַ וויג,
און איבער צייט און געשעניש
וויגט מיך הין און צוריק
עפּעס אַ האַנט, וואָס איך זע ניש׳...״

אַזוי־אַ ברום איך ווערלעניש,
ברום אוים אַ מידע סטראָפע...
נאָר יענע האַנט, וואָס איך זע ניש׳,
זי גרייט אַ קאַטאַסטראָפע.

ניין, שלאָף נישט איין, מיין פיין,
און שלאָף נישט איין, מיין האָפן!
אַנטפלעק זיך, גואל דו מיין,
האַר פון די קאַטאַסטראָפן!

1937־38

## גאַלאָפּ

די נאַכט אַלץ טיפער — די שטערן אַלץ ווייטער.
רייטער — רייטער — באַלד קומען די רייטער.
קומען די רייטער — און וואָס — וואָס ווייטער?
איבער וועמען קומט פאַר אַ דין?
וואוהין,
וואוהין,
וואוהין וועט מען פירן, מיין קינד?

אין טונקעלע גראָזן טונקלט אַלץ מערער.
ס׳זעט נישט דער זעער, ס׳הערט נאָר דער הערער.
גאַלאָפּ אַלץ נענטער — גאַלאָפּ אַלץ שווערער.
דער ווינט אַלץ דינער — דינער ווי דין.
וואוהין,
וואוהין,
וואוהין וועט מען פירן, מיין קינד?

1934

## פיר סטראָפן

ווער איז אונדז שולדיק, וואָס מיר קומען אום,
וואָס מיר קאָנען פון אונדזער לעבן גאָרנישט מאַכן?
אַן אויג וועט נאָך אין יאָרן הונדערטער אַרום
זיך אַנטרינקען מיט זון און קינדער וועלן לאַכן.

און ס׳וועלן זיך נאָך ווייזן הענט, וואָס שענקען,
אַנשטאָט די הענט, וואָס הויבן באַיאָנעטן,
און אויפשטיין וועלן — גרוים אין זייער גאָרנישט-מער-געדענקען —
נישט-היינטיקע, בוקאָלישע פּאָעטן.

דער, וואָס קומט אום, איז שולדיק. אונטערגאַנג איז שולד.
און שולד איז שטראָף. און שטראָף וועט אונדז נישט מיידן.
עס איז די מאָס פאַרפולט.
און וואָס אַ האַנט פאַרזייט — דאָס מוז זי שניידן.

אונדז וועלן באַמבעם אויפרייסן. מיר וועלן ליגן אונטער אַשן.
און ס׳גרינע דאָרף וועט ירשנ׳ען די טויטע כרכ׳ן.
אַ יונגער רעגן וועט די ערד די אַלטע וואַשן
און זאַכן וועלן רעדן נייע שפּראַכן —
און גאָט וועט נידערן און קינדער וועלן לאַכן.

1933

## ד נ אָ ע ן

(פּראָ־האַמלעטישע פּערזן).

### אַ

זיין אָדער נ י ש ט זיין? נישט דאָס איז די פּראַגע.
זין אָדער נ י ש ט זין? — אָט־דאָס וויל איך וויסן.
געטלעכער חשבון האָט אפשר פון לאַנג שוין
מענטשלעכן חשבון צעריסן.

קיילעכדיק איז דער גערעכטער סך־הכל —
העלע לבנה אויף בלויטיקע טאָלן.
אָבער ווי קינדער, געפּייניקטע קינדער,
וויינען די איינצלנע צאָלן.

זיין אָדער נישט־זיין? נישט דאָס איז די פּראַגע.
זין אָדער נישט־זין? — אָט־דאָס וויל איך וויסן.
חשבון נישט־געטלעכן וויל איך פאַר טרערן,
וואָס די נישט־געטלעכע גיסן.

### ב

און ער איז דאָך בפירוש דאָ, האָראַציאָ!
פאַראַן איז ער, דו נאַר, דו פילאָזאָף.
נאָר דאָ ערשט הייבט זיך אָן מיין פּיין, האָראַציאָ.
ער האָט קיין סוף נישט — וואו־זשע איז דער סוף?

וואו איז אין אים דער אָפּשטעל פאַר מיין אומגליק?
אַ פערדישע נבלה אין אַ ראָוו,
אַ בראַנדיקע נשמה פאַר אַן אָפּגרונט —
צי איז עס נישט אַלץ־איינס אים, דעם אין־סוף?

אַ פיין אַזעלכע האָט זיך נישט גע׳חלום׳ט
די פילאָזאָפן דיינע, פילאָזאָף:
די פיין פון זוכן איז נאָר שפּיל פון קינדער
אַקעגן פיין פון גלויבן אין אין־סוף.

ס׳איז אַ וואולקאַן דאָס גלויבן מיינס, האָראַציאָ.
עס ליגט מיין גייסט, אַ נישט־דערקוילעט עוף,
אין בלוט אין אייגענעם — און וואַרט אויף רחמים.
בלויז רחמים איז דאָס האָפן, וואָס איך האָב.

אויף רחמים וואַרט איך. אָבער ז י י ן רחמנות
איז גאָט, נישט מענטש — און פאַר מיין לייכטן שטאָף
איז זיין רחמנות שטראָף און אייטל פייער.
אָ, וואו איז מענטש, וואו דורכברוך — אין אין־סוף?

ג

און אפשר איז ער גאָרנישט אַזאַ גרויס־האַר,
ווי ס׳האָבן פילאָזאָפן אים געמאַכט?
און אפשר איז ער ליידנדיק ווי מענטשן?
און אפשר האָט ער גאָרנישט אַזאַ מאַכט?

און אפשר קלאַפּט ער, ווי אַ מידער בעטלער,
אין טויער פון די וועלטן יעדע נאַכט?

ד

ווען האָט אַ נאַכט אַזאַ גענאַכט?
ווען האָט געצייטיקט אַזאַ צייט?

קען זיין: ער שטייט און פרעגט, ווי איך,
אין נאַכט, ווען שטן שוימט און שרייט.
דער מערדער שטייט פון איין זייט נאַכט,
און איך און ער — פון צווייטער זייט.

ווען האָט גענאַכט אזא־מין נאַכט?
פאַר מיר מיט אים — צוזאַמען נאַכט!

ווען האָט אַ דור אזאַ גע׳דור׳ט?
אונדז ביידן זאָגט דער מערדער: מאָרד!

ח

די אייביקע פראַגן, האָראַציאָ, די אייביקע פראַגן
זענען געווען מיינע טעגלעכע פראַגן,
מיינע מעת־לעת׳יקע פראַגן —
כ׳האָב נישט געפונען קיין ענטפער אויף זיי ביי די מאַגן.

אין זיך האָב איך ענטפערס געזוכט און געפונען,
אין זיך זיי געאַנט.
איצט אָבער, איצט, ווען עס שאַטנט אַלץ העכער,
מעשה גיגאַנט,
זיין עקסעלענץ דער פאַרברעכער, —
בלוטיקן ענטפערס, ווי אָוונט־צייט זונען,
שעמען זיך ענטפערס אַ שאַנד
צו ווערן געפונען.

ו

אָפעליאַ יידישע, דו קענסט מיר נישט געבוירן
דעם נייעם ייד, דעם אויסגעלייזטן, דעם דערלייזער.
ווי קאָן איך דיר אַ תיקון געבן, אַז איך דריי מיך אום פאַרלוירן
אין אַ גרויסער עשו־וועלט אַ בייזער —
אַ ייד אָן תיקון אין אַ וועלט אָן תיקון?

שאַ! איך ווייס, וואוהין איך זאָל דיך שיקן.
איך קען, אָפּעליאַ ייִדישע, דיין ווײ —
און כ׳האָב פֿאַר דיר אַן עצה, שוועסטער: גיי
אין דיין ייִדן־פּרויען־ווײ דעם גוואַלדיקן
און לאָז זיך פֿון אַ זעלנער־יונג פֿאַרגוואַלדיקן,
ווי פֿאַרצייטנס מרים, ישו׳ס מאַמע —
און נעמען זאָל אַ סוף די מעלאָדראַמע.

אָפּעליאַ ייִדישע, דו גיי, געבויר
אַ בלוט־געמישטן ממזר־גאָט אַ נייעם
צום כאַם, צום מערדער־יונג, צום בן־חמור!
און זאָל דיין זון פֿאַר׳כישוף׳ן אויפֿסניי אים,
אויפֿסניי פֿאַר׳סמ׳ען אים דאָס בלוט, וואָס וויל צום וואַלד,
מיט ייִדישקייט׳ס פֿאַרוואַלגערטע שיריים,
מיט חלום ייִדישן און ייִדישן געוואַלד
צו גאָט דעם פֿאָטער, צו דעם אָב־שבשמים.

איך קאָן נישט זינגען דיר קיין שיר־השירים,
איך קאָן נאָר פֿרעגן אין מיין לעצטער פּיין —
טאָ גיי דיר און ווער שוואַנגער פֿון אַ שוויין!
צום מערדער מיינעם גיי — און ווער אַ מרים!

ז

צוריק געריט: וואָס גייט מיך אָן אָפּעליאַ?
וואָס זענען ווייבער? ציניש פֿאָלק, נישט מער.
דעם מענטש געבוירן זיי — און פֿרעסן־אויף אים.
אָ, שאַנד־שפּיל אייביקע פֿון ז י און ע ר!

נישטאָ אין זיי קיין רחמים. ס׳איז פֿאַלש־גלאַנציק
צו זעכציק ווי צו צוואַנציק. בלינדע ערד.
ס׳איז דאָ אין זיי אַזוינס, וואָס בינדט זיי אַלע
מיט וואָלף און בלוט, מיט היטלער און מיט שווערד.

ח

ווייבער און דאָקטוירים זענען ציניש.
זיי זעען אונדז נאַקעט.
זעען אונדז נאַקעט, פיזיאָלאָגיש און קליניש.
צינישער נאָך איז דער טויט דער אַטלעט:
ער לאָזט אויף אונדזער נאַקעטקייט פאַלן
אַ פויסט ווי אַ קאַסטעט
און וואַלגערט אונדז אום אויף דער ערד —
פ י נ י ש!

דאָס ווייב, דער דאָקטאָר, דער טויט — די דריי!
די צינישע דריי!
אָן אויג מוז זיין,
וואָס זעט אונדז נאַקעטער נאָך,
אַזוי נאַקעט, אַז די נאַקעטקייט אַפילו
פאַלט פון אונדז אַראָפּ — און מיר ווערן אויפסנייִ
יש, פורעם, הילע.

צו יענעם אויג טו איך תפילה.

אויג פון רחמים,
דערזע מיך,
דערזע יענע נאַקעטקייט מיינע,
וואָס עס זעט זי די פרוי נישט,
וואָס עס זעט זי דער דאָקטאָר נישט,
וואָס עס זעט זי דער טויט נישט.

זאָל יענע נאַקעטקייט מיינע
פון נ י ש ט ווערן יש (כ׳שטיי אינגאַנצן צעשוונדן)!
עס לייכט דאָך דער גאָרנישט דער גרויסער דורך איר,
דער, וואָס ווערט אייביק
געבוירן און אייביק פאַרשוואונדן,

דער, וואָס זיינע קינדער
שטייען בלינדע
פאַר זיין תהום,
וואָס דער אינדער
רופט אים: אָ ם,
דער מקובל — א י ן.

ט

זוך איך מענטש אין גאָט,
זוך אין אומענד — ענד.
— — — — — — — — —
ווי טויטע צווייגן בלייבן פלוצלינג
הענגען מיינע הענט.

דורכרייסן די אייביקייט
איז אפשר שוין דעם מענטש געלונגען,
נאָר נישט דעם מענטש, וואָס האָט געליטן,
און נישט דעם מענטש, וואָס האָט געזונגען,
נייערט
דעם מענטש, וואָס שיסט,
דעם מענטש, וואָס פייערט.

י

איך שטעל מיך אָפּ
אין מיטן פון דער שונדישער מלוכה
(שונד איז דאָס לעבן פון מיין פאָלק) —
און אָרום מיר, איז סאַמע מיטוואָכדיקע טעג,
ווערט אַלט-שלאָס-דעמערונג,
און כ׳שטיי און פרעג
אין בין-השמשות פון די שעה׳ן:

און ווי, און ווי, —
געאַנטער, אומבאַקאַנטער
וויזאַווי, —
ווי, אַז אין דיינע דאָרטנס,
ווי אין מיינע דאָ'ען,
שגעונ'ט איין שגעון? —

איך פרעג — און ס'פֿאָלק מיינס
(נביאים, מגולגל אין קרעמער)
קען נישט מיין עלסינאָר,
זעט נישט
מיין אַנגסטיקן,
מיין פֿרעגיקן דעמער.
עס שטייט אין קלייט און רופֿט זיין סחורה אויס
צווישן פּאָגראָם און פּאָגראָם.
מיר אָבער עפֿנט זיך
אין מיטן גאַס אַ תהום
און כ'פֿרעג ביי דנאָען:
און ווי, און ווי,
אַז אין די דאָרטנס,
פּונקט ווי אין די דאָ'ען,
היטלערן זיך היטלערס?
ווי אַז ס'פֿרעסן דאָרט ישראל'ס שר די פֿרעסער —
און אין דער אייביקייט אַליין
שפּריצט בלוט, שפּריצט בלוט פֿון מעסער?

דען איך ווייס דיין זיין, אַ אייביקייט,
נאָר צי האָבן רויבער, אייביקייט,
נישט אויפֿגעריסן דיינע שלעסער?...

זומער, 1936

# די נעסט פאַרשווינדט

(געשריבן סוף 1939 אין האַוואַנע — מיטין גערעדנק וועגן פּוילן)

אונדזער אָרעמע נעסט האָט אייביק געציטערט
אין ווינט —
וואָס וועט זיין איצט, ווען בלוטיק געוויטערט,
מיין קינד?
איצט, ווען בלוטיק געוויטערט — — ?

דער בוים וועט פאַלן, דער בוים וועט פאַלן,
מיין קינד,
און אונדזער נעסט ווערט אין שטורעם פאַרפאַלן,
מיין קינד.
אונדזער נעסט ווערט אין שטורעם פאַרפאַלן.

כ'זע נעסטן נייע אויף יונגע בוימער,
מיין קינד,
נאָר אונדזער נעסט (נישט וואַרט און נישט טרוים מער)
פאַרשווינדט.
די נעסט די אַלטע פאַרשווינדט.

געוויס מוז זיך ערגעץ אַ לאַנד געפינען,
מיין קינד,
וואו מען קאָן פאַרשוואונדענע נעסטן געפינען,
מיין קינד,
נאָר די נעסט די אַלטע פאַרשווינדט.

מיר וועלן אַמאָל, נאָך גלגולים און ווייען,
מיין קינד,
אין לאַנד פון השבת אבדות זיך פרייען,
מיין קינד.
נאָר אונדזער נעסט די אַלטע פאַרשווינדט.

# ווײַזע צום אָפּגרונט
## (אַ ליד פֿון קובאַ)

אויף די פּאַרק־בענק פֿאַרנאַכט, ווען די היץ גייט אַריבער
און אַ ווינטל לויפֿט אָן פֿון דעם ים קעגנאיבער,
זיצן איינזאַמע פֿרויען און איינזאַמע מענער —
צווישן דער־וועלט און יענער־וועלט, דער־וועלט און יענער.

צווישן דער־וועלט און יענער־וועלט — פֿרויען און מענער.
רופֿט אָן אַלטער זיך אָן: „ס׳וועט די האָפֿענונג קלענער,
און וואָס שטאַרקער די צרות — אַלץ קאַרגער די ווײַזעס.
האָסט אַ לעבן געלעבט — און וואו איז־עס, וואו איז־עס?״

און אַ יונגער דערציילט: „עס האָט גאָלדשטײַן געקראָגן
פֿאַראַכטאָגן זײַן ווײַזע, — יאָ, ערשט פֿאַראַכטאָגן.
זיך אין וועג שוין געפּאַקט — האָט אים עפּעס געטריבן
גיין זיך באָדן... נו, איז־ער אין וואַסער געבליבן.

אַ געלאָף איבער לענדער... פֿינאַל אין האַוואַנע...
ס׳וועט אים קיל זײַן און שטיל זײַן... איך בין־אים מקנא״...
ער רייסט איבער. פֿון ים שווימט אַ וואַסער־גרין פּנים,
שווימט אַהער, צו די בענק. ס׳מוז זײַן גאָלדשטײַן, אַפּנים.

טאַקע גאָלדשטײַן. ער שמייכלט: „וואָס הערט מען?
וואָס מאַכט איר?...
מיר גייט גוט... מע קאָן זאָגן: אַ מענטש אַ געמאַכטער...
כ׳האָב דאָרט אונטן אַ היים... אוים האָטעלן, וואַליזעס...
ס׳איז די ווײַזע צום אָפּגרונט די בעסטע פֿון ווײַזעס.״

1940

# אַליין מיט גאָרנישט

איצט, פֿאַרנאַכט,
נאָך מײַן טאָגס פֿאַרלוירענער שלאַכט,
ווען איך קער זיך אום אין מײַן צימער

פון אַן איינזאַמען מענטש,
וואָס אַמעריקע איז זיין מאָדנע יענע־וועלט,
גיב איך אַ טראַכט
וועגן אים אַליין, דעם באַשאַפער פון דעם אַלעם.
אויך ער, דער איינזאַמער,
איינזאַם צווישן שׂרפים און גלגלים,
קערט זיך אום ווי איך
נאָך זיין טאָגס פאַרלוירענער שלאַכט,
קערט זיך אום צו זיין יענער־וועלט פאַרנאַכט,
און גיט אַזוי אַ טראַכט
וועגן מיר, אַ מענטש פון כלו־כל־הקיצין.
און ביידע בלייבן מיר זיצן
אַליין מיטן גאָרנישט,
און ביידע וואַרטן מיר, אַז דער גאָרנישט
זאָל מיט נייעם בראשית זיך צעבליצן.

1942

# קליינע פּאָעמע וועגן געטע און פראַו הילדע, לערערין פון דייטש

געשריבן אין 1928

פראַו הילדע איז געווען אַ לערערין פון דייטש.
אַמאָל האָט זי געהאַט אַ מאַן.
דערנאָך האָט זי גאָרנישט געהאַט, די גע׳גט׳ע,
חוץ אַ הינטעלע פון פּאָרצעלאַן,
שולהעפטן און צוויי־דריי בענדער געטע
אין אַ צעבראָכענער שאַנק —
אַ פאַרצייטישן פאַרערערם אַ געשאַנק.

פראַו הילדע איז געווען אַ לערערין פון דייטש.
פראַו הילדע האָט געהאַט אַמאָל אַ מאַן.
פראַו הילדע איז אַמאָל אַהיימגעקומען מיד
אויף איר קוואַרטיר —

האָט אַ נאָכטרעגן געקלונגען אין די רינעס,
האָט זי שלאָפֿן נישט געקענט און אַלץ געלאָפֿן צו דער טיר.
האָט זי שלאָפֿן נישט געקענט און האָט געהערט
אַ גאַנצע נאַכט, אַ גאַנצע נאַכט.
ווער קאָן דען וויסן, וואָס זי האָט געקלערט?
נאָר מיטן ערשטן טאָגשפּראָץ האָט פֿראַו הילדע
מיט הענט צעטראָגן-ווילדע
גענומען דרייען אַרום האַלדז אַ האַנטעך.

פֿראַו הילדע איז געווען אַ לערערין פֿון דייטש.
וואָס האָט אייך דען געפֿעלט, פֿראַו הילדע?
פֿראַו הילדע, — האָט געזאָגט די באַלעבאָסטע, — איז אַ מלאך,
צאָלט דירה-געלט און איז אַזוי געבילדעט.
פֿראַו הילדע, נו, וואָס ווילט איר פֿון דעם האַנטעך?
דער האַנטעך ווי דער האַנטעך... וואָס ווילט איר פֿונעם האַלדז?
פֿראַו הילדע, ס'שטראַלט! פֿון-שענקל-אַרום שטראַלט'ס...
ס'איז קיין שאַנק נישט, קיין צעבראָכענע, די שאַנק —
ס'אַ באַנק,
אַ באַנק אַ גרינע
אונטער אַ ווייסן, קליינעם, ברייטן בוים,
ברייט ווי אַ קרינאָלינע.
ס'איז נישט דעצעמבער.
סוף מאַי — און אַ ווינט, אַ שטיק שטיפֿער, טוט רייסן
בליט נאָך בליט.
ער באַשיט
די באַנק אין ווייסן, אין ווייסן...

פֿראַו הילדע, גיט אַ קוק און טוט אַ קלער:

פֿון וואַנען קומט אַהער
דער גרויסער לאַבעדיקער הער,
דער פֿרישאויגיקער, מאַיאָווער זקן?
דרייט אוים דעם קאָפּ און זעט:

זאַקן הויכע, ווייסער ווי די לייכטנדיקע בליטן,
פֿום פֿאַרלייגט אויף פֿוס, און הענט ווי זילבערנע באַקאַלן,
זיצט ער אויף דער באַנק און לאָזט מיט בליטן זיך באַשיטן,
מאַי־בליטן, וואָס פֿאַלן,
ווי יונגע געבליטן,
פֿאַרגליווערט צו שניי, פֿאַרכישופֿט צו שטראַלן...

פֿראַו הילדע, ס׳קוקט אייך אָן הער גענטע!
ער קוקט אויף אייך, דער אַלטער הער.
ער איז אַרויס פֿון שאַנק, פֿון צווישן בוך־בלעטער וויים־נעטע.
פֿראַו הילדע, עס איז גאָרנישט אַזוי שווער.
דעצעמבער? ס׳איז נישט דעצעמבער.
נישט אַלט זענט איר, נישט קראַנק און נישט פֿאַרלאָזן.
אַ ליגן.
פֿרייד האָט געשטעקט הינטער אייער צעבראָכענער שאַנק,
געוואַרט און געשוויגן.

פֿראַו הילדע, לאָזט־אָפּ דעם האַנטעך...
דער האַנטעך ווי דער האַנטעך... לאָזט־אָפּ דעם האַלדז!
צום הימל שיסט אַ פֿרייד, פֿליט, פּלאַצט ווי אַ ראַקעטע...

— — — — — — — — — — — — — — — —

בליטן ווייען... בליטן פֿאַלן... ליכטיק פֿאַלט׳ס...
ס׳קוקט אייך אָן הער גענטע...

פֿראַו הילדע האָט פּונקטיי געלערנט דייטש.
און ווידער איז אַ שאַנק נאָר אַ צעבראָכענע — די באַנק,
גענטע — ווידער אין שאַנק,
ווידער פּלוסקוואַמפּערפֿעקט, קאָנדיציאָנאַליס,
הענט איינגעריכט אין קרייד —
נאָר געוואוסט האָט זי, פֿראַו הילדע,
אַ זאַך, וואָס נישט באַקאַנט צו לייט:
אַז אַ פֿרייד איז פֿאַרשטעקט
הינטער יעדער צעבראָכענער שאַנק,

ליגט דאָרט, ליגט אַ לעבן לאַנג —
און וויל ווערן אַנטדעקט.

אויך אונטער דעם זעלבסטמערדער׳ס פּעטליע,
ווי אונטער דעם קינדעניו׳ס וויגעלע,
שטייט אַ קלאָר־ווייס ציגעלע,
גרייט די פּעטליע צו פאַרוואַנדלען
אין אַ צווייג מיט מאַנדלען.

## נאָך אַ קליינע פּאָעמע, געשריבן 1946,
## וועגן פראַו הילדע און
## הער פאָן געטע

פראַו הילדע איז געווען אַ לערערין פון דייטש.
פאָן געטע — אַ קלאַסיקער פון די, וואָס שטייען
אין דער דיכטונג׳ס, ווי די מליצה זאָגט, פאָדערשטע רייען.
איך, ווידער, בין געווען אַ ליטעראַט אין וואַרשע,
וואָס האָט געגלויבט אַזוי ווי אַלע
אין דעם נעמליכן געטע און אין נאָך אַזעלכע געניאַלע
עגאָאיסטן.
נישט געוואוסט האָב איך, ווי קליין דער מהלך איז פון פאַוסט ביז פויסט,
פון געטע׳ס איבערמענטש צום אונטערמענטש און צו די היטלעריסטן.
וואָס וואָלט געהיימראַט געטע געטאָן אין היטלער׳ס צייטן?
וואָלט געזעסן אין ווייִמאַר און געקוקט פונדערווייטן
ווי זיינע דייטשן פאַרגאַזן מיינע מיליאָנען.
ער, וואָס האָט גערעדט פון ליטעראַטור מיט נאַפּאָלעאָנ׳ען,
וואָלט צו היטלער׳ן גערעדט מן הסתם
מיט אַ געשליפן־טיפזיניקן עפּיגראַם.
ס׳וואָלט אים אַפילו נישט אַ צוק געטאָן אַ ברעם — —
קאָן דען אַ געטע מקדש זיין דעם שם?
קאָן ער זיך מקריב זיין? אַזעלכע קענען נאָר דיכטן,
בעת די היטלערס פאַרניכטן.

אָ, די גרויסע עגאָאיסטן, וואָס מאַכן די ווערטער!
עשו, ווי זע איך אַצינד דעם פֿאַרבינד
צווישן דיינע וואָרט-מענטשן און דיינע מערדער!
ווי אַלע נייע ייִדן, בין אויך איך געווען אין גלות
ביי דיין קליפּת-נוגה, ווייל אַ וועג האָב איך געזוכט
צווישן ייִדישע און גוייִשע היכלות,
און ווייל געירשנט האָב איך אַזאַ טבע
צו וועלן וואַרפֿן בריקן
צווישן תהום און תיקון
און אַפֿילו אין קליפּות צו זען עולם-מלא׳ס.
איצט, אַז איך קום אויף נאָך אַ שלאָפֿלאָזער נאַכט
פֿון מיין געלעגער׳ס אומרואיקן קבר,
האָב איך טויזנט טויטע קללות —
און נאָר איין ברכה, וואָס כ׳האָב קיינמאָל נישט אַזוי
באַנומען אַלע אירע אמת׳ן: שלא עשני גוי.

פֿראַו הילדע איז געווען אַ לערערין פֿון דייטש.
נאָכדעם איז דיזעלביקע גרויע פֿראַו הילדע
אַ מערדערין געוואָרן אַ רויט-ווילדע
(אויפֿזעערין אין אַ לאַגער — יאַוואָל!)
און האָט פֿייגעלעך מיט חאַצקעלאַך אין גאַז-אויוון געוואָרפֿן.
וואָס-זשע האָב איך, טפּש וואָס איך בין, געדאַרפֿן —
מיט׳ן כישוף פֿון הער גערטע —
אַראָפּנעמען זי פֿון דער פּעטליע?

גערטע און פּעטליע, — יאָ, מאַדאַם!
שלעכט איז דער גראַם
און אמת איז ער ווי דער טויט.

(ראַטעווע, גאָט, די נשמה פֿון אהרן בן-הלל!
אני עניתי מאד).

## שטויב

נאַכט. כ׳האָב אויפגעהערט צו פרעגן.
ס׳רוען וועגן.
שטערן ווימלען.
מיינע פראַגן דרימלען
מיד
אין אַ שטומער שטאָל.
קאַלט גליט
דער לבנה׳ס מעטאַל.
אַ בוים׳ס אַ שפּיץ
גלייוועדט.
איך זיץ,
בויג קאָפּ צו די קני:
ס׳איז נאָך דער מי —
איז דער טאָג די מי ווערט?

ס׳געבוירט ווער, ס׳פאַרלענדט ווער — —
ערגעץ איז דאָ אַן ענטפער!
אַזוי פאַרזיכערן שטערן.
איך גלויב. איך גלויב.
נאָר כ׳וועל שוין דעם ענטפער נישט הערן.
שטויב וועל איך ווערן,
שטויב. 1942

## הונט פון אָבגרונט

אין מיטן נאַכט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט: פון אַ קאָשמאַר
בין איך געלאָפן — פון אַ הונט, וואָס האָט געריסן פון מיר שטיקער
און מיך געשלעפט אין אָפּגרונט. כ׳האָב אין שלאָף געוואוסט,
אַז ס׳איז אַ חלום — און איך בין פון יענעם כלב,
דעם רייסער, בייסער, פליקער,
דעם מאָנסטער פון דעם תהום, אַנטרונען צו דעם אויפזיין.
כ׳האָב זיך צולאַכט: איצט טו מיר עפּעס, רשע.

ביים ראַנד פון בעט בין איך געזעסן און געשטאַרט
צום פינצטערן פענצטער. דאָרט, אונטערן פענצטער,
ביים בלייכן זוים פון שלאָפנדיקע גאַסן,
האָט ס׳לעבן בייז געלויערט. ס׳האָט געוואַרט
אויף טאָג, כדי צו רייסן פון מיר פּאַסן.

נאָר איך האָב מער פון מורא נישט געוואוסט.
איך האָב געזאָגט: אויך דו ביסט נאָר אַ חלום.
און וועסטו, לעבן, שלעפּן מיך צום תהום
און רופן: נאַ דיר, תהום, צעמאָל אים —
וועל איך באַפעלן זיך אַליין: וואַך אויף!
וועל איך באַפעלן זיך אַליין: אַנטלויף!
אַנטרינען וועל איך צו דער וואָר און וואַכקייט
פון דעם טויט — און דו וועסט בלייבן שטיין
פון יענער זייט, פון רויב דיינעם באַרויבט,
געשפּענסטיק און פאַרלוירן אין דיין שוואַכקייט,
ווי יענער הונט, וואָס כ׳האָב אָט ערשט און מיטאַמאָל אים
שטיין געלאָזט מיט גאַרנישט אינדערמיט
פון אַן אָפּגעהאַקטן חלום.

1943

## געשריבן 16טן אויגוסט 1945

מיט דער פאָן פון שטערן און פּאַסן
איז פרייד אַרויס אויף די גאַסן —
און דונערט: זיג.

עס פליען פון טראָקס געשרייען —
זיג.
עס פליען פון טראָקס געשרייען,
די שטערן און פּאַסן ווייען,
אַלץ איז אַרויס זיך פרייען —
זיג.

אַט שפּאַנט
אַ מאַטראָס אַ גיגאַנט,
ווי אַ בוים, וואָס האָט זיך געלאָזט אין גאַנג,
באַהאָנגען מיט מוידן ווי מיט פייגל.
געשריי. געזאַנג.

טראָקס, טראָקס, טראָקס,
פּענער, טרומייטערס, צעפלאַטערטע בענדער — — —
הורא, הורא, הורא!
פרידן צו לענדער!
שאַלט, קאָנטינענטן!

שיפן סיגנאַליזירן זיג.
געדיכטע ברומיקע מוזיק
ווי פון אַ גוואַלדיקן אָרגל
שטייט אין דער לופט —
זיג!

פרייד איז אַרום אויף די גאַסן
און דונערט זיג.
פון גיהנום'ס, פון גאַז,
וואָס האָבן מיין פאָלק דערשטיקט,
קומט שטילקייט.

דער קריג —
דער קריג איז געענדיקט.
און יידן —
זעקס מיליאָן יידן געענדיקט.
ניין, נישט געענדיקט:
איצט הויבט זיך אָן
זייער שטילקייט.

א וועלטקריג א נייער הויבט זיך אָן:
דער קריג פון דער שטילקייט,
דער קריג פון די זעקס מיליאָן.

שטילקייט דו לעצטע, תהום׳ישע,
ברעך אוים מיט א קראַפט אַזוינער,
אַז שטאַרקער ווי באָמבעס אַטאָמישע
זאָלסטו אויפרייסן איבער דער ערד
און אירע באַוואוינער.

וועלטן ברעך, איבער וועלטן לויף,
ביי הימלען און תהומות מאָן אויף דיין חוב,
שטילקייט פון זעקס מיליאָן!
וועלט-קריג פון זעקס מיליאָן!

## ליד אויף צייטונג־שפּראַך

אַרויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז —
און קומענדיק צום באַשלוס, אַז —
מוז מען שלום מאַכן מיט׳ן געדאַנק, אַז —
די וועלט איז אַ פּרוי פון דער גאַס
און איטלעכער גאַסן־יונג קאָן זי קויפן,
אויב איר וועט אונדז דערלויבן
זיך אויסצודריקן אויף אַזאַ מין אופן.

און אַרויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז —
און נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז —
לאָזט זיך זאָגן מיט אַנדערע ווערטער, אַז —
גאָט האָט באַשלאָסן פון אַזאַ וועלט צו אַנטלויפן,
אויב איר וועט אונדז דערלויבן
זיך אויסצודריקן אויף אַזאַ מין אופן.

און נעמענדיק אין באַטראַכט די סיטואַציע,
וואָס וואָלט זיך געשאַפֿן,
ווען עס וואָלט פֿון אָט דער וועלט אַוועק
דער, וואָס האָט זי — צווישן אַנדערע וועלטן — באַשאַפֿן,
מוז מען קומען צום באַשלוס,
אַז שוין דעם ערשטן מעת־לעת
וואָלט דער קראַך געווען אַזאַ,
אַז ס׳וואָלט אונדז נישט געהאָלפֿן דער פּראָגרעס.

און נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז —
און באַגרייפֿנדיק, אַז —
מוז מען אָננעמען, אַז —
וואָס אָנבאַלאַנגט גאָט —
וואָלט ער נישט געבליבן אויף דער גאַס.
אַז ער איז דער אייגנטימער פֿון צאָלרייכע וועלטן,
אין דעם איז איין בליק
אויף די אויסגעשטערנטע געצעלטן —
גענוג צו איבערצייגן.
ס׳איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז די לייט פֿון יענע וועלטן
שטעלן אוים שטראַלנדיקע פֿייגן
צו אונדזערע אַרונטערם פֿון זייערע אַרויפֿן,
אויב ס׳איז דערלויבט זיך אויסצודריקן
אויף אַזאַ מין אופֿן.

און אַרויסגייענדיק פֿון דעם שטאַנדפּונקט, אַז —
און, פֿון דער אַנדערער זייט, זעענדיק, אַז —
מוזן מיר זאָגן, אַז —
ווען גאָט זאָל, חלילה־וחס,
ווירקליך דורכפֿירן זיין באַשלוס,
וואָלטן נישט נאָר מיר, וואָס מיר שרייבן די שורות,
נאָר אויך אונדזערע חשוב׳ע לעזער און אַבאָנענטן
אַטאָמיש פֿאַרשוואונדן
פֿון די קאָנטינענטן.

דאָס איז אַבסאָלוט נישט געוואונטשן.
דאָס טאָר נישט דערלאָזט ווערן בשום אופן.
די פראַגע איז נאָר: וואָס טוט מען?
גוואַלד, רבונו־של־עולם, וואָס טוט מען?
וואוהין זאָל אַ בשר־ודם אַנטלויפן?
(אויב איר וועט אונדז דערלויבן פאַרצווייפלט צו זיין
אויף אַ פשוט'ן יידישן אופן).

## קליפות, יסורים, גלאָבאַלער בעש״ט

אין תהום פון תוהו, אין דער טיפקייט פון צלמות,
צאַפּלט זיך צעפּיינט אַ נאָך־מאַידאַנעק־וועלט אַ וויסטע.
וואָס איז זינדיקער אין איר: די מעשים? די מחשבות?
גיי וויים! די פּיינען וואַקסן, פּיינען נישט געדאַכטע.
קענען דען יסורים אָט אַזעלכע — זיין אומזיסטע?

עס צאַפּלט זיך אין תהום אַ נאָך־מאַידאַנעק־וועלט אַ וויסטע.
עס האָבן סיי איר טואונג, סיי איר טראַכטונג — ביידע
מיט שדים אָנגעפּילט דעם תהום, און ס'פּייניקן די שדים.
אַזויפיל קליפות — און פון ערגעץ נישט קיין תיקון!
קום, בעש״ט נאָך נישט געקומענער: מיט תיקון־לייכט באַקלייד אים,
דעם תהום, און טרייב אַוועק די רוחות־ומזיקין.

וואָס גרעסער די ממשלה פון די קליפות, וואָס צעשפּרייטער,
מער גלויב איך, ייד פאַרצווייפלטער, גאָט'ס עלנטער בן־זקונים,
אַז פון התגלות טראַכסטו שוין, בעל־שם־טוב נייער, צווייטער,
גלאָבאַלער עצבות־טרייבער, האַר פון די תיקונים,
כאָטש דערווייל פאַרהוילן הינטער דינים־כמאַרעס וויסטע...
ניין, ס'קענען נישט יסורים אָט אַזעלכע זיין אומזיסטע!

## אמונה

וואו וואוינט אמונה? ווילסט געפינען
איר וואוין — צום יאוש גיי און פרעג.
דורך זיינע לענדער גייט דער וועג.
עס וואוינט אמונה אויף רואינען.

אויף דעם אנטבלויזטן פונדאַמענט
פון אַ געביי, וואָס איז פאַרברענט,
טוען די טרערן אירע רינען.

די טרערן שפּיגלען אַ באַגינען:
אַ הימל־זוים אַ ווייטער ברענט
אַריבער איר און די רואינען.

אין אירע טרערן לייכט באַגינען
בשעת זי זיצט און ברעכט די הענט.
און האָסטו יאוש נישט געקענט —
אמונה וועסטו נישט געפינען.

יאַנואַר, 1946

## דאָס אַני־מאַמין־ליד

אָ, גלויבן בלינד און גרוים — באמונה שלמה,
נישט פרעגן מער די פּרעגונגען פון אימה,
נישט שטורעמען, נישט וועלן זיינע דרכים
פאַרשטיין, די שרעקלעכע און די געהיימע.

ווען ס'האָט געוואַרט דער קרעמאַטאָריע'ם קוימען,
האָט נאָך די לעצטע פלאַטערדיקע סטרונע
פון אייער לעבן אויסגעשפּילט אמונה:
ער וועט נאָך קומען, כאָטש ער טוט זיך זוימען.

און נעם איך צוליב אייך מיט גאָט זיך קריגן,
הויבט אָן דאָס „אַני־מאמין"־ליד זיך טראָגן.
גלייך ווי צום רבי'ן חסידים אין אַ וואָגן,
זייט איר צו גאָט געפאָרן מיט דעם ניגון.

און קומען זיי, די פרעגונגען פון אימה,
באַפאַלט זיי נייע אויסטערלישע אימה,

אָן אימה פאַר דער גרויס פון אייער גלויבן,
פאַר אייער זינגען, גאָט־יידן געהיימע.

זיי ווערן שטום, די פרעגונגען פון אימה,
און כ׳טראַכט: וואָס מאָדנער ס׳ווערן זיינע וועגן,
מער וויל ער, מען זאָל אויפהערן צו פרעגן
און גלויבן, גלויבן בלויז — באמונה שלמה — — —

און צו דער שחיטה גיין און אַלץ נאָך לויבן,
און זינגען פאַר דער שחיטה: איך טו גלויבן
אין אָנקום פון דעם גואל דעם געגאַרטן —
און וועל אויף יענער־זייט נאָך וואַרטן.

1946

## שקדשנו

אויף שטיינער זיצט אַ פוסטע שטאָט,
אַ פינסטערע אלמנה.
פון ערגעץ הערט זי אַ געזאַנג.
עס פליט צו דער לבנה
אַ מחנה שאָטנס און זינגט אַזוי:
ברוך אתה, אדני!
ברוך שקדשנו!

1943

## בן־יוסף און בן־דוד

ווען ס׳פאַלט בן־יוסף פון גוישע הענט, —
האָבן דורות פאַרטרויט צו דורות, —
קומט דער משיח דער לעצטער צוגיין,
קומט בן־דוד זיין יורש.

פון גויישע הענט איז בן־יוסף פאַרברענט,
בן־יוסף, דער ייד פון פוילן.

און וואו איז בן־דוד, פֿאַרברעכערין וועלט?
ניטאָ ווער עס זאָל דיך גואל'ן.

איך הער ווי עס וויינט אין דער גרויסער נאַכט
רחל פֿאַר'ן כסא־הכבוד:
משיח בן־יוסף איז פֿאַרברענט —
וואו איז משיח בן־דוד?

און ס'ענטפֿערט אַ קול: בן־דוד קומט
ווען ס'לאָזן זיך אויס מלחמות.
לאַנג ברענט צוליב מיין בן־יוסף די וועלט,
און ערשט נאָך די שרפֿות ווערט זי באַהעלט
מיט מיין בן־דוד'ס נחמות.

1946

## שטימען טראַנסרעאַלע

איינער אַליין אין דער נאַכט, אויף באַראַט פֿון שלאָפֿלאָזע שעה'ן,
זיצט אין דער איינזאַמסטער שטאָט — זיצט אין דער וועלט־שטאָט
דער גרעסטער —
אהרן דער אחרון, דער לעצטער, דער זון פֿון הלל און אסתר.
ניין, נישט איינער: מיט אים וואַכן אויך גרויל און שגעון.

וואו איז זיין וועלט? גיי, זוך מאַידאַנעק'ס פֿאַרשוואונדענע רויכן!
וואָס זשע לעבט ער? ער לעבט, כדי די טויטן צו וויסן,
וויסן און נישט פֿאַרשטיין, קיין טרער נישט קאָנען פֿאַרגיסן,
וויסן און נישט דערגיין קיינמאָל דעם תוך און דעם תוכן.

ווייב נישט, קינד נישט, — אַן אחרון. ס'איז אים פֿון אַלעם געבליבן
נאָר אַ האַנט, וואָס שרייבט: תמיד האָט זי געשריבן —
שרייבט זי ווייטער. נאָר ס'טרעפֿט, עס שווימען אָן טראַנסרעאַלע
שטימען און זאָגן אַזוי: פֿאַרשוואונדן הייסט נישט געשטאָרבן.
פֿייער האַלט זיי ביי זיך. אין פֿייער וואוינען זיי אַלע.
וועסט זיי נאָך טרעפֿן אַמאָל אויף ווייטע, פֿלאַמיקע אָרבן.

# משיח בן־מאַידאַנעק

די וועלטן־וואונד פאַרבינד, אָ, צוקונפטס בת־ישראל!
די קינדער, וואָס פאַרברענט האָט זייער לייב עמלק,
זיי שטרעקן צו דיר הענט אָן־סוף׳יק און אָן־צאָליק.
געבויר זיי אין דיין קינד, דעם טויטער פון סמאל!

געבויר זיי אין דיין זון, דעם גואל, וואָס זיין נאָמען
האָט ס׳פאָלק געאָנט שוין לאַנג: מנחם, אונדזער טרייסטער.
ער פאַנגט דעם לעצטן פאַנג און וועלט דורך ייד דערלייזט ער,
ווען ס׳עפנט זיך שער־נון אין טעג פון קץ־הימין.

אין דיר זאָלן אריין — מיט קראַפט וואָס נישט־פון־דאַניק —
די קינדער׳ס גאָרע פיין און נישט־דערלעבטע פריידן.
די קרוין דערפון זאָל זיין — דיין זון, דער מאַן־און־מנהיג.

זאָל לעשן עשו׳ס פלאַם, מיט חסד אָקעאַניק
פאַרפלייצן ווייַ און פגם און שטראַלנדיק באַשיידן
דעם חלום פון מיין שטאַם משיח בן־מאַידאַנעק!

*1947*

# א בינטל לידער פון 1933

## סעקרעט פון אַ זקן

ס'איז פאַלש, אַז אַלטע האָבן מורא פאַרן טויט:
זיי האָבן מורא פאַר אַ נײַ געבוירן.

איך, עטלעכע־און־דרײַסיק־יעריקער,
האָב אומגערן אונטערגעהערט די רייד
פון איינעם אַ זקן צו זיך אַליין:
עך, צוריק אין טראַכט אַרײַן ווילט זיך נישט גיין!
צוריק ווילט זיך נישט גיין!
און נאָך דערצו די שפּיל מיט לויה און ארון — —

ס'האָט בלינד געדעמערט — און זײַן פּנים, ווי אַ שטיין,
האָט זיך האַרב געצייכנט אין חלל דעם נישט־קלאָרן.

שווער האָט דער זקן געקרעכצט צו זיך אַליין
דעם מידן שקלאַפן־קרעכץ פון זײַנע יאָרן.

## פאַרוויסגעשיקטער גײַסט

אין ליגשטול איבער אַ בוך מיט לידער.
קעגנאיבער — אַ בוים אַ צעבליטער.
די ווילע וויגט זיך אין זון.
מיטאַמאָל ווערט מיר ענג און איך ציטער.
עס שווימען אַרום מײַן האַלדז
כמאַרעס פון אַ נאָענט געוויטער.
וואָס? ווער?
דאָס גרין טונקלט פלעקיק און שווער.

פון וואַנען גייט
דאָס קלעפּיקע, דאָס נישט־געריכטע ?
וואָס שטראָמען בלינדערהייט
וועלן נידעריקע, שלעפּיקע, געדיכטע ?
וואָס ווערט געגרייט ?
און דאָס בוך — אויף דר׳ערד !

כ׳שפּרינג אויף, דריי אוים דעם קאָפּ.
די משוגענע, וואָס זיצט אַ גאַנצן טאָג פּאַרשפּאַרט !
זי האָט זיך געגעבן אַ ריס
אויף שמאָלע משוגענע פיס,
און לויפט צו מיר, לויפט,
און רעדט צו מיר, רעדט —
וואָס וויל זי ?

איר קראַנקן גייסט האָט זי געשיקט פּ אַ ר ו י ס.
און שוין שטייט פאַר מיר איר אויסגעלאָשן לייב,
אַ רואין פון אַ פאַרשאָלטן הויז.
משוגענערהייט
שפּינט זי אַ שפּינוועבס פון גיכע רייד,
די שפּין.
ערגעץ זינקט מיין זין,
זינקט מיין זין —

און ווי אַ פאַווע־עק מיט אויגיקע פלעקן
טונקלט דאָס גרין אַרום מיר,
טונקלט דאָס גרין — —

# באַריכט

כ׳האָב דעמאָלט געקאָנט אַלט זיין אַ יאָר זיבן.
און כ׳הער ביז איצט דאָס מורא׳דיקע קול.
כ׳געדענק ביז איצט די דירה. ס׳איז געווען אין ווילנע.
ס׳האָט ווי אַ ברונעם אויסגעזען דער הויף.

באַשטימטע נעכט אין וואָך און אין באַשטימטע שעה׳ן
פלעגט אויפהוילן דאָס קול, דאָס מורא׳דיקע קול.
געווען אין אים דאָס קראַקעניש פון קראָען,
דער קראַנקסטער קרעכץ פון אונטער שווערסטן עול,
די פיין פון אַ דערשטיקטן, וואָס איז זיין אייגענער דערשטיקער,
ס׳גיהנם פון אַ לייב, וואָס ווערט צעהאַקט אויף שטיקער,
דער גרויל פון לעבעדיקן פלייש, וואָס ווערט צעריבן —
און עפּעס נאָך, וואָס וואָגלט מיר אַרום אין אויער
און קאָן נישט זיין באַשריבן.

כ׳האָב דעמאָלט געקאָנט אַלט זיין אַ יאָר זיבן,
ווען אין דער וואַנט פון שלאָפצימער פלעגט אויפהוילן דאָס קול
באַשטימטע נעכט אין וואָך און אין באַשטימטע שעה׳ן.
און ס׳הוילט אין מיר ביז איצט, ווי נאָר איך גיב זיך אַ דערמאָן,
און ס׳ווערט מיר קאַלט אַצינד, ווען כ׳וואַרף די שורות אָן
אין שרעק פאַר זיך אַליין און נאָענט צו שגעון.

מע האָט דערציילט: עס איז אין שלאָפצימער געשטאָרבן
אַמאָל אַ מאָכיקער, אַ קאַרגער זקן,
וואָס האָט אין די חדרים דאָ געפלעדערמויזט פאַרבאָרגן.
געשטאָרבן? אָדער האָט מען אים דערוואָרגן?
ס׳האָט קיינער נישט געוואוסט — — — וואָס קאָן מען וויסן?
מ׳האָט אין דער וואַנט געפרואווט נישט איינמאָל שיסן —
נאָר ווידער האָט געקול׳ט דאָס מורא׳דיקע קול.
איצט קאָן איך אַלץ פאַרשטיין (כ׳האָב דאָך געלייענט ביכער):
עס האָט אין יענעם הויז געקאָנט אַ מעדיום זיך געפינען.

אַט לאָמיר זאָגן: ס׳דינסטמיידל. וואָס, ניין?
מיין שרעק, מיין בייזע שרעק — זי וויל אַנטגיין,
אין לאַך פון ווערטער ווי אַ מויז אַנטרינען.
נאָר ס׳העלפט נישט. כ׳האָב דאָך פאָרט יענץ קול געהערט
אין נעכט אויף אָט דער וועלט, אויף אָט דער ערד,
און אין אַ שטאָט, וואָס איז אויף דר׳ערד פאַראַן,
און ווען איך בלייב מיט זיך — לעבט ס׳קול ווי דאַן,
אין יענע ווייטע נעכט. וואו כ׳זאָל נישט גיין
און וואָס איך זאָל נישט טון — איז גרייט צו קומען
יענץ קול צו מיר, וואָס כ׳האָב עס קלאָר פאַרנומען,
און גלויבן מוז איך — צי איך וויל, צי ניין.
און כ׳וויים, ווען ס׳קומט דאָס קול, אַז ס׳איז פאַראַנען
אַ זינד אַזאַ, אַ שטראָף אַזאַ, אַזאַ חרטה,
וואָס קענען זיי באַשטייען נישט טיטאַנען.

איך וויים: דער פינסטערער בלייבט שטעקן אין דער וואַנט,
וואָס אויפגעמויערט האָט זיין אייגענע האַנט,
און דורות, דורות צאַרניקע נאָך דורות,
איז ער, דער קרבן, זיך אַליין דאָרט דורס,
אַרומגעשטעלט פון בלינדע מרה־שחורה׳ס,
פול קנאה צו דעם ליכטיקן, וואָס האָט אַ שפּאַלט
דערבליקט — און איז אַרוים צו דער געשטאַלט
פון דער זון, פון דער אויבערשטער זון.

## פאָרשפּיר

אין מיטן אַ צעגליטן טאָג פון תמוז
גיי זוך דיר אויס אַ גרינעם דלת אמות
און לייג דיך אויפן גראָז און הער דיך צו
דורך האַלבן מאַרך צום גוסעדיקן רוישן
פון זשומענדיקן תמוז׳דיקן דרויסן —
און ליג אַזוי צעווישן רויש און רו.

פון ווייטן וועט דיר שפּילן אַלץ, פון ווייטן,
גלייך נישט פון דיינע ערטער, דיינע צייטן...
אויב גליק איז דאָ — וועט אויפגיין אין דיר גליק.
די רויטע יאָגד פון זיין, דעם לעבנס גרויל איז —
ווען ס׳גיסן זיך צוזאַמען אַלע קולות —
נישט גרויל, נאָר דינסטע ווינטיקסטע מוזיק.

און ווייסן וועסטו: אָט אַזוי פון ווייטן
קלינגט אַלץ, וואָס טראָגט די קייטן פון די צייטן,
קלינגט אַלץ, וואָס איז צו אָרטיקייט געשמידט,
דעם גייסט, וואָס גייט אַוועק און הויבט זיך העכער.
עס זינגט צו אים דער פלוך פון אַ פאַרברעכער
און מאַרק-געשרייען טראָגן אים אַ ליד.

## די אומענדלעכע גאַס

אַ מענטש איז געגאַנגען דינגען אַ צימער.
ער איז געווען זייער אָרעם:
אין איין פּעקל אונטערן אָרעם
איז געלעגן זיין האָב-און-גוטס.

אויסגעגאַנגען די שטאָט — און אומזיסט:
אַלץ איז פאַרנומען.

ווייזט אוים:   צו שפעט געקומען.
נישט געבליבן קיין דירה פאַר אַן איינזאַמען מענטש.

איז דער מענטש אין דער פאַרשטאָט אוועק.
איבער מאָגערע קוימענס,
צווישן פעסלעך וואָלקנס,
האָט די זון זיך געזעצט.

ער האָט דערזען אַ צוויי־שטאָקיק הויז,
איז אַרויף אויף פינסטערע טרעפּ
און ס׳האָט אים געעפנט אַן אַלטע פרוי.

אפשר האָט איר אַ צימער צו פאַרדינגען?
יאָ, מיט אַ פענסטער צו דער גאַס
און מיט אַ נעסט איבערן פענסטער,
וואו באַלד באַגינען הערט מען זינגען.

אזוי האָט דער מענטש באַקומען אַ דירה פאַרנאַכט.
פריער האָט ער קיינמאָל פון טויט נישט געטראַכט,
נאָר איצט גראָד האָט זיך אים שטאַרבן פאַרגלוסט.
ס׳איז אים אַרויף אויפן זינען,
אַז ווען מע האָט שוין אַ היים —
קאָן מען זיך עס פאַרגינען.

אויפגעפּאַקט ס׳אָרעמע פּעקל,
איבערגעביטן דאָס העמד,
זיך פאַרקעמט
און זיך געשטעלט פאַרן איינציקן פענסטער.

ס׳איז הינטערן פענסטער געלאָפן אַ גאַס,
אַן אומענדלעכע גאַס,
און ס׳האָט זיך די זון איבער איר נישט געעלטערט פאַרנאַכטיק,
נאָר האָט זיך באַגיניק גענייט.

נישט פון זיין שטאָט איז געוועזן די גאַס,
נישט פון זיין צייט.
פון זיין פאַרהוילענער פרייד איז געוועזן די גאַס.

דורך איר לענג זענען דורות געגאַנגען אַ גאַנג,
אַ גאַנג אַזוי לאַנג,
אַלע דורות פון איינזאַמען מענטש,
אָבות און אור־אָבות —
די גאַנצע משפחה,
די אומענדלעכע משפחה פון דעם איינזאַמען מענטש.

און ליכט, ווי פריש וואַסער פון ברונעם,
איז זיי געררונען
איבער די הענט —
און זיי האָבן אים אַלע דערקענט.

אַזוי איז דער מענטש געשטאָרבן צווישן די ווענט
פון זיין נייער דירה.

## הענט אין דער פינסטער

עס האָט מיך אָנגעכאַפּט אין מיטן שלאָף אַ האַנט,
אַ פעסטע האַנט, אַ האַרטע ווי אַ האַק.
זי האָט אַ שניט־געטון די לופט, זי האָט צעהאַקט
מיין חלום אויף דער העלפט — און איז אַוועק
מיט אַ גלאַנציק שטילשווייגן פון העק.

איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, געפרעגט: ווער איז?
די נאַכט, אַ שטומער ריז,
האָט מיך אָנגעקוקט און נישט דערקענט.

ס'האָבן אין דער פינסטער
געוואַנדערט הענט.

# אור־פונקט

מיין גוף אונטערן מעסער פון כירורג
איז געלעגן אויפגעשניטן ווי אַ פיש.

ס׳איז אַלץ אין מיר געלאָפן
אַ געלאָף פון מייז אויף זינקענדיקער שיף.

ערגעץ נאָר
האָט אײנזלדיק געדוט אַ פינטל,
געשוויגן און געבליבן אײנס מיט זיך,
אָן אײנציקייט אַ שטומע
אָן אַ זײט פון דער מהומה.

איך וויים פון דעמאָלט אָן:
ס׳איז אינעם מענטש פאַראַן אַזוינס,
וואָס איז אין אים און אויסער אים צוגלייך —
אַזוינס, וואָס האָט נישט מורא פאַר קיין מעסער,
און רוט אין זיך אַליין ווי כתר,
און ב ל י י ב ט.

# טעאַטער

ערשט פאַר די העכסטע שפּיצן פון אהיה־אשר־אהיה
בלייבן שטיין די קאַראַוואַנען פון די פאָרמען.

דאָס טעאַטער פון די דיזייטן און יענזייטן
האָט טראַגעדיע און בורלעסק:
די טיפע שפּיל פון פאָרמען מוז
זיך אויסשפּילן ביז צום סוף.

אויך אויף די יענזייטן
היטלערן זיך היטלערס,
כלב'ן מאָנסטערס,
און הייליקע
זאָגן אַ תּפילה אַ גלייכע, אַ תּפילה אַ גראָע
פון וואָרער הכנעה.

תּנינים שטינקען אין בלוטיקע יאורות,
קינדער יאָגן זיך נאָך זומערפייגל,
פויסט און מעפיסטאָפל ראַנגלען זיך,
און גייסטער ניכטערע מיט אייזן אין די אויגן
פאַרקרימען זיך, ווען ס'קומט די גרויסע פרוי,
די אור־געהיימע מוטער,
מיט'ן ווייסן וואָלקן־וועג צושווימען:
„עט, ס'איז מיסטיק".

לאָז דיך אַרויס מיטן שטראָם פון שטאָט
און פאַנג געזיכטער, זאַפּ איין אין זיך פיגורן:
וועסט דערזען טעאַטער,
וואָס גייט אין שטראָמען.

ערשט פאַר די העכסטע שפּיצן פון אהיה־אשר־אהיה
שטעלט זיך אָפּ ס'טעאַטער.

## טעקסט

מיר אַלע —
שטיינער, מענטשן, שערבלעך גלאָז אין זון,
קאָנסערוון־פּושקעס, קעץ אוןביימער —
זענען אילוסטראַציעס צו אַ טעקסט.

ערגעץ־וואו דאַרף מען אונדז נישט האָבן.
דאָרט לייענט מען דעם טעקסט אַליין —
די בילדער פֿאַלן ווי פֿאַרוועלקטע בלעטער.

ווען טויט־ווינט גיט אַ בלאָז אין טיפֿן גראָז
און רוימט־אַראָפּ פֿון מערב אַלע בילדער,
וואָס וואָלקנס האָבן אויפֿגעשטעלט —
קומט נאָכט און לייענט שטערן.

## איבערלעבונג בעת זונפֿאַרגאַנג אין ירושלים

אויף דעם הימל׳ס גוואַלדיקן שטערן —
אַ פּאָר קנייטשן רויטע און לאַנגע:
איבער דעם טאָג, וואָס ערשט פֿאַרגאַנגען,
אַן אורטייל,
אין געטליכע
ברענענדיקע שורות עטלעכע
האַרב פֿאַרשריבן.

מער איז גאָרנישט געבליבן.

מער וועט גאָרנישט בלייבן,
ליידנדיק לייב,
ווען דו וועסט אויפֿהערן צו לײַבן.

# גאַנג דורך פאָרמען

אין פאָרמען פאַרטיף דיין אויג.

קעגנאיבער אַ בוים אויף אַ באַנק
זעץ דיך — און קוק אַזוי לאַנג,
ביז דו דערבליקסט
די פיס דעם בוים׳ס און זיינע הענט.

(כ׳האָב אָפּט אַזוי געטון — און איצט דערקענט
מיין אויג
די אויסגעדרייטע פיספינגער פון וואָרצלען).

אין פאָרמען פאַרטיף דיין אויג,
מיט פאָרמען מאַך דיך פול.
לערן דיין אויג צו פאַרשטיין
אַ שטיין
אויפן מיטן מידן וועג:
דער שטיין איז שוואַרצער לייב,
וואָס וואַרט אויף גייסט.

און זאָג: ווי אָט דער שטיין
זעט אויס אַ לאַבן ברויט —
אויך דער לאַבן ברויט איז לייב
און וויל אַריין אין מענטשן-לייב
דאָרט צו ווערן בלוט און גייסט.

אַזוי זאָל יעדע פאָרם דיר זיין
אַ טיר צו אַ פאָרם אַ צווייטער.

פון טיר צו טיר קלאַפּ־אָן און גיי
צו אַ טיר אַ לעצטער,
וואָס איז פון טירן אַלע שמעלער,
פון טירן אַלע ברייטער.

# לידער און א סדר

## שטום איז זייער צונג

איך טראָג אים אין מיין רעיון
ווי אַ ווייטן טאָג אין מאַי,
וואָס לעבט אויף דער יענער-וועלט פון מאַיען.
צו זיבעצן יאָר איז ער פאַרביי.

אַוועק איז ער צו זיבעצן יאָר,
זיבעצן יאָר.
וואָס איז נאָך אים געבליבן?
העפטן אַ פּאָר,
כאַאָטיש פאַרשריבן.
דאָס גאָר.

זאַצן — אומפאַרשטענדלעכע סיגנאַלן.
ווער קאָן וויסן,
וועמען זיי האָבן
געלאָזט אויף שטום-לשון גריסן?

אונדז, ווערטערדיקע, הערט מען. שפּראַכן לייַען
זייער וואָרט אונדז — און מיר מאַכן
קלאַנגערייען, בילדערייַען.
אים קען קיינער נישט אַ חוץ מיין רעיון.

די אמת'ע פּאָעטן — שטום איז זייער צונג.
זיי שטאַרבן יונג
און לאָזן אונדז, די ווערטער-מאַכער,ברייען.

## ביי דער מאַמען אויבן

איז אַ מענטש חדשים געלעגן אין אַ בעט.
קום איך און איך זע: ליידיק איז דאָס בעט
ווי אין האַרבסט אַ נעסט.
וואו זשע איז דער מענטש?

זאָגט מען: ער איז טויט. אָבער וואָס איז טויט?
מענטש איז דאָך אַ יש, טויט איז נאָר אַ וואָרט.
וואו זשע איז דער מענטש?
וואו זשע איז ער פאָרט?

גיי איך אויפן גאַס. גייט מיט מיר מיין קלער:
איז אַ מענטש חדשים געלעגן אין אַ בעט,
און דאָס בעט איז לער —
וואו זשע איז דער מענטש?

זע איך פאַר אַ הויז אַ קינדער-וועגל שטיין.
איז דאָס וועגל ליידיק. וואו זשע איז דאָס קינד?
וואו זשע איז דאָס קינד?

הער איך ווי פון אויבן, פון אַ פענצטער, קלינגט
ס'קולכל פון דעם קינד. אויבן אין דער הויך
האַלט די מאַמע אים — איז דאָס וועגל פוסט.
אויבן איז דאָס קינד.

גיי איך אויפן גאַס און ס'גייט מיט מיר מיין קלער:
ס'האָט די וועלט אַ מאַמע — קומט זי, נעמט אַרויס
פון זיין בעט אַ מענטש און ברענגט אים אין איר הויז.
איז דאָס וועגל לער, ווייל ס'קינד איז אין דער הויך,
און דאָס בעט איז ליידיק, ווייל דער מענטש איז אויך
ערגעץ ביי דער מאַמען, ערגעץ אין דער הויך.

# ווי אַזוי אַ מענטש איז געשטאָרבן אין שלאָף

איז אַ מענטש געגאַנגען שלאָפֿן
אין אַ נאַכט, ווען אַ שטורעם האָט הינטיש געהוילן.
געווען איז ער ווי אויף אַ בוים אַ הוילן
אַ לעצטער בלאַט.
ער האָט גאָרנישט מער געהאַט.
אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזט: דאָס האָסן ווי דאָס ליבן.
ס׳איז אים נאָר געבליבן
זיין שלאָף.

איז דער מענטש אַרויף אויף זיין געלעגער.
האָט ער דערזען אַ חלום,
אַ חלום פֿון גאָלד.
האָט ער אים חלום׳ען געוואָלט.

האָט דער חלום פֿאַר דעם מענטשנס טרויער זיך דערשראָקן.
האָט ער גענומען לויפֿן פֿון דעם מענטש
מיט אַ פּחד-געשריי אַזאַ שטילן,
ווי ס׳וואָלטן זיך צעיאָמערט שטומע גלאָקן,
גלאָקן אָן צינגער.

האָט דער מענטש גענומען נאָכיאָגן דעם חלום פֿון גאָלד,
ווייל אָן אים האָט ער זיין נישט געוואָלט.
איז דער חלום, דער איבערגעשראָקענער שפּרינגער,
אַריינגעשפּרונגען אין אַ חלום אַ צווייטן,
וואָס איז געלאָפֿן צווישן קווייטן.
האָט זיך איבערגעשראָקן דער חלום דער צווייטער,
גענומען לויפֿן אין בהלה,
און אַזוי אַריינגעלאָפֿן סאַמע אין דער מיטן
פֿון אַ חלום אַ דריטן,

וואָס האָט דורך אויגן־שפּאַלטן שמאָלע
געקוקט אויף גליווערדיקע וואַסערן.
איז דער דריטער, ווי אַן אָפּגעבריטער,
אַנטלאָפן אין אַ חלום אַ פערטן,
דער פערטער — אין אַ פינפטן,
אַ נאָך־נישט געזעענעם און נישט פאַרשטערטן,
וואָס קיין שום מלאך האָט נאָך נישט געזאָגט
צו קיין טרוימער: טרוים עס!
און אַזוי האָבן חלומות נאָך חלומות
ווי בלעטער אין געוויטער זיך גענומען טראָגן,
און דער מענטש, דער אָרעמער מענטש,
ווי ס׳הינטערשטע ראָד אין אַ וואָגן,
לויפט נאָך, לויפט נאָך —
און קען נישט דעריאָגן.

ס׳אַראַ שטורעם פון געשטאַלטן!
ס׳אַראַווירבל פון משלים!

נאָר אַז סע האָט געהאַלטן
וועך ווײַם ביים וויפלטן חלום,
איז מער שוין נישט געווען וואוהין צו לויפן.
האָט זיך אַלץ פאַרהאַלטן.
דער חלום דער ערשטער פון סוף
איז געבליבן שטיין. בזה האופן
האָבן אָפּגעשטעלט זיך, ריי נאָך ריי,
די חלומות אַלע —
און דער מענטש מיט זיי.

ערשט זע: אַ וואָר אַ נייע ווערט נתגלה.
חלומות ציטערן פאַר וואָר,
האָבן אויפגעשווידערט די חלומות אַלע,
און חלום נאָך חלום,
ווי אין ים אַן אינד נאָך אַן אינד,

האָבן געלאָזט זיך לויפן אויף צוריק
געשווינד, געשווינד, געשווינד.
אַנטלאָפן, אַנטלאָפן איבער שטאָק און שטיין
און דעם מענטש געלאָזן שטיין
ביי דער גרענעץ פון דער וואָר דער נייער
איינעם אַליין.

זעט דער מענטש, אַז ער איז איינער — גייט ער
און שפּאַנט אַריבער
צו דער וואָר דער צווייטער,
צו דער וואָר פון קעגנאיבער.

ווען ער איז אַריבער,
האָט ער זיך דערזען אין אָרעמס פון אַ פרוי.
זי האָט גערעדט צו אים אַזוי
ווי איר שפּראַך וואָלט אינגאַנצן באַשטאַנען פון גראַמען.
אין אירע אָרעמס האָט זי אים געוויגט,
אָרעמס פון אַ מאַמען.
און אַז ער האָט אין אירע אויגן צוויי געבליקט,
שפּיגלען פון אַלדאָס געפונענס און אַלדאָס פאַרלוירנס,
האָט איין אויג אים געוויזן, אַז ער איז אַ מת,
דאָס צווייטע — אַז ער איז אַ קינד אַן ערשט־געבוירנס,
אַ שפּאָגל־נייער נס.

1945

# פאַרטאָג איז די געלעגן בלוי

האָסט ליב דאָס דינע מיידל? נו, געזונטערהייט.
נאָר איך, דיין פאָטער, האָב אַ פרוי אַמאָל געהאַט —
האָט זי פאַרמאָגט צוויי אויגן פערלדיק און מאַט
ווי די, וואָס איז אַצינד דיין עלנט און דיין פרייד.

צוגעשטויבטע פערל, פאַרגליווערט קעציש ליכט,
וואָס צינדט זיך לצ׳יש אָן און גיט זיך פרום אַ לעש.
אַזעלכע פרויען זענען ווי אַ שלייכנדיק געדיכט
און מיט טיפער אָפּגרונט-פייכקייט אָטעמט זייער וועש.

ווייבער מיט אַזוינע פערל-אויגן שווייגן
איינגעשפּאַרט און גרויזאַם, ליגנדיק אין בעט.
זיי גיבן זיך דיר אָפּ פאַרשלאָסן ווי די שטייגן
און זייער קוש נעמט דורך מיט שטאָל פון אַ שטילעט.

זיי גיבן זיך דיר אָפּ — און אין דער פינצטער קוקן
די אויגן זייערע צו אַן אומבאַקאַנטן מאַן.
אַ צווייטער איז פאַראַן, אַ שוואַרצער דאָן-זשואַן,
וואָס רופט ביים נאָמען זיי, מאַכט צוקן זייער רוקן.

דו ווילסט דאָס מיידל? גוט. דער גורל — קריכיק גייט ער,
נאָר זיכער טרעפט ער. יענע איז געווען ווי ד י.
ביינאַכט איז דאָס געשען. ווען ס׳האָט געגרויט אויף פרי —
איז זי געלעגן בלוי: ס׳האָט זי דערשטיקט דער צווייטער.

1932

## דאָס ליד פון טויט
## אין פּאַריזער קאַפע־הויז

ביים מארמאר־טישל זיצט דער טויט,
דער פּעסימיסט —
זעט ער אויס ווי אַן אלטער באַראָן
אַ האָמאָסעקסואַליסט.

ער זיצט אין פּאַריז אויף אַ טעראַס
איבער אַ שמאָל ביר־גלאָז,
באַטראַכט די ברויזנדיקע גאַס
און קרימט די בלייבע שפּיר־נאָז.

ער זיצט (ס'איז פרילינג) מיט אַ רויז,
אַ רויז אין לאַץ און אַ קנייטש אין הויז,
און רעדט צו זיך: „מיין ליבער טויט,
די ערד בלייבט אייביק שכור.
און נייע ברוסטן ווערן שטייף,
און נייע ווייבער ווערן רייף,
און ס'קומען נייע פליקער.

לעשסטו, אַ שטייגער, צוויי אויגן אויס —
נעמען באַלד נייע גלאַנצן.
און נייע לענדן ווערן פול,
און נייע לייבער ווערן דול —
ס'העלפן נישט טויט און פ ר אַ נ צ ן.

ווייב און מאַן
באַפלאַנצן מיט ווייגערטנער מיין וואולקאַן —
ביז וואַנען וועלן זיי פלאַנצן?"

## חופה־נאַכט־ליד

פאַר׳ן פינצטערן פענצטער
שאָקלט בלוילעכע ליילאַכער
בלוילאַכער, אומעטיק־פריילעכער שניי.
וויים צאַנקען די פּים.
ס׳געלענער שמעקט מיט פייכטן היי.

אונטער דיין קאָפּ און מיינעם
דאָס קישן —
ווי אַ שלאַנג טוט עס צישן,
אַ שלאַנג אין גראָז.

פאַרוואָס
ציטערן, פרוי, דיינע פּים, די פּים,
ווי אַ האַלדז אונטער׳ן מעסער?

פאַרוואָס, פאַרוואָס,
ווען ערד גייט צו ערד, ווען לייב גייט צו לייב,
ווען אַלץ דעקט זיך אויף —
ווערט דאָס געהיימניש נאָך גרעסער?

# ליד פון מת און קינד

ווילסטו מיך ליבהאָבן טיף,
איך זאָל אין דיר רוען
ווי אַ טייך אין זיין בעט —
טו ווי מעדיומס טוען:
דריי־אַראָפּ
דיינע אויגן ווי קנויטן
און וואַרף זיי אַריין
אין אייגענעם ברונעם,
און זע מיך ליגן
אַ פלאַכן, אַ טויטן,
אַ טויטן, אַ פלאַכן, אונטער שוואַרצן טוך.
און דאָס טוך גיב אַ הויב —
און אונטערן טוך
געפין מיך נישט מער,
און זוך,
זוך מיך אין זיך,
און ווער
פול מיט מיין בילד,
און געבויר,
געבויר מיך אין זיך
פונדאָסניי.

ווילסטו מיך ליבהאָבן טיף,
מוזסטו מיך טויטן אין זיך,
מוזסטו מיך ווידער געבוירן.
מוז איך ווערן דיין מת,
מוז איך ווערן דיין קינד.

טו ווי מעדיומס טוען,
אויב ליבהאָבן ווילסטו מיך טיף,
איך זאָל אין דיר רוען
ווי אַ טייך אין זיין בעט.

# טויטלאַנד, אָדער די לעצטע טיר

זאָל איך עפענען די לעצטע טיר?
כ'האָב פאָרכט.
הינטער איר
שאַרכט
דער קרישטאָלענער בוים
מיט די הונדערט שלאָפנדיקע פייגל.

זאָל איך עפענען די טיר?
גאָר לייכט מוזן זיין די טריט,
מוזן געגאַנגען־זיין
אָן אַ זייט,
געהאַפטן־זיין
פון גראָז און זייד.

עפענען די לעצטע טיר?
און ווי, אַז כ'עפן פאַר דער צייט?
איך שפיר:
עפן איך פאַר דער צייט די טיר —
וועל איך די פייגל וועקן.
כ'וועל זיי דערשרעקן
און זיי פלאַטערן אַוועק.
אויף דער שוועל —
ווי אויף שמוציק געפעק
אַ דרעמלענדיקע זקנה —
וועט זיצן אַן אַלטע און אַ קליינע
די שרעק,
און ס'וועלן קריכן אַרום איר
פוסטע וועלט־עקן פיר
אויף אַלע פיר...

זאָל איך עפענען די טיר?...

# אַ באַנקעט

און זיי האָבן גענומען און געמאַכט אַ באַנקעט
און גערעדט און גערעדט און גערעדט און גערעדט,
און גאָרנישט האָט זייער וואָרט געבוירן,
נישט קיין מלאך און נישט קיין שד.

בלויז רייד און רייד און רייד און רייד,
רייד אָן טרויער און רייד אָן פרייד.
די לאַנגווייל איז געזעסן אין מיטן זאַל
און האָט געגענעצט ביים וואָרט ג ע נ י אַ ל,
און געמישט און געמישט איר גלעזל טיי,
און געוויגט מיט'ן קעפּל: יאָ, כ'פאַרשטיי.
און שקר, דער אָראַטאָר, האָט געלאָזט
זיין צונג אויף הפקר — און אין זיין טאָסט
איז הין און צוריק, ווי אַ דולע מויז,
געשפּרונגען דאָס קאָרליק-ווערטל: ג ר ו י ס.

און ש ט ו ת, אַ דאָקטאָר פון פילאָזאָפיע,
האָט העל מיט פרעמדווערטער געבלענדט:
סינקרעטיזם, אַנטראָפּאָזאָפיע,
אידיאָסינקראַזיע, עקוויוואַלענט.

און ס'האָבן גענומען אַ וואָרט די מעסטער,
וואָס מעסטן ווער גרויס איז און ווער דער גרעסטער,
וואָס וויסן ווער קליין איז און ווער דער קלענסטער.
און קיינער פון זיי האָט נישט געזען,
ווי עס שטעלט זיי אויס אַ צונג אין פענסטער
מיט שפּאָטישקייט רויט-שטומער
די לבנה פון סוף זומער.

## קאָנטראַסטן

דער מילכוועג לויפֿט פֿון זיך צו זיך דערשראָקן.
ס'הענגט זיך אויף אַ בוים אויף זיך אַליין
ווי אויף אַ האָקן.
שאָטנס, ווי געדאַנקען אין משוגענע געהירן,
גאַלאָפּירן, גאַלאָפּירן, גאַלאָפּירן,
און ווייסן נישט אַליין, אַז ס'איז אַ שטיין
אויף איין אָרט. אַן אַלטער שטיין
חלומ'ט שפּיל פֿון דורות, קאַטאַסטראָפֿעס פֿון אַמאָל-צייט.
הינטער צווייגן, שוואַרצע שטייגן, טוט דער ווינט זיך אַ פּאַרטאַיע —
אַ שפּרונג-באַרייטע חיה,
וואָס האָט דערשנאַפּט אַ הייסן מאַלצייט.
פֿעלדער גייען בלייך — אבלים נאָך אַן אומגעזעענער לויה.
און איבער אָט דעם גאַנצן קנויל
פֿון דאַכטעניש און גרויל
הויבט זיך רואיק דער לבנה'ס קויל —
אַ הויכער שם-הויה.

## נישט דיר און נישט דער ערד

דיין בליק איז אַזוי שיין
און שענער נאָך דאָס אויג אַליין,
און ס'איז דיין העלע האַנט די וואָג
פֿון מיין נאַכט-און-טאָג,
און כ'גיי דיר נאָך מיט גליק און בראָך
ווי די וואָך
נאָכ'ן שבת,
און דאָך —
ווען אַלץ אין מיר באַגערט
נאָך דיר, דו שטאָלצער בנין
פֿון פֿלייש און ליניען,

ווײס איך: דו ביזט ערד —
און גײסט צו ערד.
און איך — אין מיר איז עפּעס,
וואָס איך שלעפּ עם
ווי אַ גנבה דורך דער וועלט —
און וואָס געהערט
נישט דיר און נישט דער ערד.

## און ס׳קינד משיח איז אַלץ נישט געבוירן

פרויען גײען אויף ווי זונען איבער אָקעאַנען —
פרויען, וואָס מיר קענען נישט,
פרויען, וואָס מיר אַנען.

פרויען, וואָס זײער ליב איז ליכט און ברויט,
וואָס אַלע דאַרשטן שטילן זײ
און אַלע הונגערס.

מיט פאַרבן שפּילן זײ,
וואָס דער ים־גרונט האָט נישט זײער גלײכן.

זײ שלײַבן
דורך אַנונגען פאַרבײַ,
פאַרגײען ווײט —
און לאָזן אונדז אַלײן מיט אונדזער גורל.
רינט אָפּ אָן אַ זײט
אונדזער קלײן ביסל לעבן, אונדזער קאַרג ביסל צײט —
און ס׳קינד משיח איז אַלץ נישט געבוירן.

# ליד פון דער מיל

ווי מען רוימט אראָפּ
די גאַרבן פון פעלד —
אַזוי רוימט מען לייבער
אַראָפּ פון דער וועלט.
אַ האַנט איז דאָ,
אַ האַנט וואָס דרעשט,
און ס'בלייבט דער קערן,
עס בלייבט די רעשט.
ווערט עס געמאָלט
אין דער מיל פון טויט
און ווערט פאַרוואַנדלט
אין געטלעך ברויט.

טויט און ברויט
און וועלט און פעלד —
באַנאַלע גראַמען,
אַלט ווי די וועלט.
נאָר ווי די גראַמען
זאָלן נישט זיין,
דאָס ליד ווערט געזונגען
מענטש אויס, מענטש איין.

גרויס איז דער טראַקט,
ברייט איז דער טראַקט —
די פורן פאָרן
פול געפּאַקט.
עס פאָרן פורן
פול-און-פּיל

פ ו ן דער מיל
און צ ו דער מיל.
די מיל איז אייביק,
אייביק דער שניט.
באַנאַל און אייביק
איז דאָס ליד.

## די זון הינטערן רעגן

דער טאָג כאַפּט זיך אויף אויף דער לינקער זייט,
אויף אַ געלעגער נאַס פון רעגן.
אים באַגעגנט א בלאַטע, וואָס קרעכצט און שפּייט,
אַ האַרטער גענעץ פון אַלטע לייט,
אַ ווינט וואָס שרייט און אויגן וואָס פרעגן.

אַרומגעגאַרטלט מיט גראָבע שטריק,
שטעלט זיך אַנידער ביים ראָג אַ טרעגער.
אַ מענטש אין שמאַטעס מאַכט פרי מוזיק
אויף אַ פינסטערן הויף. ווי אַ האַרטער גרעגער
קלימפּערט זיין שפּיל־קאַסטן און גרעגערט.

ער גייט אַוועק, די מוזיק פאַרשווינדט
אין רעגן, וואָס רינט,
און דער טרעגער שטייט, פון רעגן באַלעגערט.

אַ זאַק אויפן קאָפּ — אַזוי וואַרט ער ביים ראָג.
ערשט עמיצער דינגט אים און הייסט אים טראָגן
אַ גרויסן וואַנט־שפּיגל. נעמט דער טאָג
קוקן צעטראָגן
אויף דעם טרעגער און זיין געטראָג:
אונטער דער לאַסט טוט דער מענטש זיך רוקן —
און אין דעם שפּיגל, וואָס אויף זיין רוקן,
שפּיגלט זיך אָפּ אַ מאַי מיט אַ זון,
כאָטש ס'איז אָקטאָבער און אַ רעגן.

ס׳האָט הויך זיך גע׳חדוש׳ט אַ נאַסע קראָ
און האָט געפרעגט אַזוי צו פרעגן :
פון וואַנען נעמט זיך אַ זון אין שפיגל,
ווען אויפן הימל איז זי נישטאָ,
ווען ס׳איז אָקטאָבער און אַ רעגן ?

און ס׳האָט די בלאָטע צום שפיגל געשפיגן
און האָט געשריגן, אַז ס׳איז אַ ליגן.
אָבער דער שפיגל האָט אמת געזאָגט :
ס׳איז אים אַ מאַי־זון געהאַנגען אַנטקעגן.
וואָרים דער גרויסטער פון האַרבסטן פאַרמאָגט
אַ זון, וואָס מאַיט הינטער נעצן פון רעגן,
און אַלע וואונדערס קומען דערפון,
וואָס הינטער דעם רעגן איז דאָ אַ זון.

# סך־הכלידיקס

א

די שטאָלצע ליניע פון אַ שטרענגן האָריזאָנט,
סך־הכל׳דיק געשלאָסן ווי אַ פאָרמול;
אַ וואָרט געפונען אין אַן אַלטן ספר,
אַ בליץ וואָס פאַלט פון שעקספּיר׳ס טיפע אויגן,
די קלאָרע טונקלקייט פון גוואַלדיקן רב נחמן
און די גרויסע רייד פון קליינע קינדער;
וואָלקן־צויטן רויטע אין עק מערב,
פול מיט אָוונט־ווייַן, ווי אַ האַרץ — מיט חכמה;
אַ קורץ געשפּרעך מיט א י ר, געשפּרעך פון צוויי־דריי זאַצן
(ווייל אַלץ איז קלאָר ממילא — און געהיים ווי אַלדאָס קלאָרע),
אַ שטילער יצר־טוב, געמישט מיט שיינעם יצר־הרע, —
דאָס זיינען מיינע וואונדערליכסטע וואונדערס,
דאָס איז מיין וועלט די צייטיקע, די וואָרע,
דער באַרגשפּיץ פון מיין וואויל, דער אַלץ פון מיין באַגעריקייט,
מער וואונדער און מער גליק ווי די מוזיק
פון אַן ערשטן קוש
פאַר׳ן אויער פון דער פופצניעריקייט.

ב

און דאָך —
אַ זינדיק גליק איז עס, אַ זינדיקס: ס׳לויערט
אויף מיין גליק די בראָך.
ס׳איז נאָר דערקענטעניש — און וואו איז אַהבה? וואו איז יראה?
וואויל צו דעם וואָס טוט.
דערקענטעניש מוז אויסקעמפן איר זינד מיט בלוט:
ס׳איז אָט די וועלט באַשאַפן צוליב בחירה.
דאַרף גאָט דיין צייטיקייט? אַ צד באַדאַרף ער.
זיין געראַנגל מיט׳ן שטן ווערט אַלץ שאַרפער,
און אַ ליאַדע פאָרכטיקע מינוט
קען אַ דונער מאַכן אַ סך־הכל
פון אַלע דיינע מענטשליכע סך־הכלען
מיט׳ן גאַנצן הכל־בכל.

1938־39

## װ ע ר ט ע ר

װי אַן אומעטיקער פֿאַרשטאָט־פּריזירער,
װאָס מוז אַ גאַנץ לעבן ראַזירן דיזעלבע
דערװידערדיקע מאָרדעס פֿון שכורים;
װי אַן אומעטיקער פֿאַרשטאָט־פּריזירער,
װאָס אַלע חלומות זײַנע פּלאַצן
צװישן רימען און גאָלמעסער קראַציקן;
װי אַן אומעטיקער פֿאַרשטאָט־פּריזירער,
װאָס אין חלום אַפֿילו זאַלבט ער
זונטיקדיק־געפּוצטע סטרוזשעס
מיט חזיר־שמאַלציקער פּאָמאַדע, —
אַזױ גײ איך אום צװישן װערטער, װערטער,
לױף בײַנאַכט צװישן שרענגעס פֿון װערטער,
שטעל־צו בײַטאָג פּאַר זאַץ־קאַסטנס װערטער,
און בעט בײַ גאָט דאָס װאָרע װאָרט —
און שטאַרב אין מײַן תּפֿילה אַ נישט־דערהערטער.

ערגער: װי אַ צעדרײטער תּלין,
אַן אַלט־בחורדיק־סיפֿיליטישער,
יאָ, װי אַ תּלין אַ פּאַראַנאָאיקער,
װאָס, אַז ער װאַשט זיך צום פּרעס און װישט
די האַרטע פֿינגער אין דעם האַנטוך,
זעט ער בלוט אױפֿ'ן װײַסן האַנטוך,
און, אָנשטאָט אַ לאַבן ברױט,
דערפֿילט ער אין זײַנע הענט אַ קאָפּ, —
אַזױ גײ איך אום צװישן קעפּ פֿון װערטער,
אָפּגעשניטענע קעפּ פֿון װערטער,
פֿיל אױף די הענט דאָס בלוט פֿון װערטער,
װערטער, װערטער, װערטער אױף װערטער,
און בעטל בײַ גאָט דאָס װאָרע װאָרט —
און שטאַרב אין מײַן בעטלען אַ נישט־דערהערטער.

1930

## בייזער פרילינג

פאַרטאָג בלאַנקט אויף דער הימל
ווי יונגפרוי-לייב אין באָד;
וואָלקן-פּאַדזשאַמעס ברוינע
טוט אָן פאַרנאַכט די שטאָט.

דינסטמיידן עפענען פענצטער
צו זינגער אויף טונקעלע הייף.
די באַקן פון ווייבער גלאַנצן
ווי רויזיקע שטיקלעך זייף.

פרילינג סענטימענטאַלער —
ווי א באַנאַלער פּאָעט —
באַפּוצט זיין לאַץ מיט א בלימל
און סקאַנדירט זיין אַלטן קופּלעט.

און יינגער ווערן קאַקטוסן
און אַלפאַנסן ווערן צאַרט
(און מאָרד פאַרקריכט אין קוואַדראַטן
פון טונקעלע הייף — און וואַרט — — — —)

און דער פאַראַניקייט דאַכט זיך,
אַז אַלץ איז טאַקע פאַראַן:
דאַמען אויף מאַרשאַלקאָווסקע
און דאַנסינג און רעסטאָראַן.

נאָר אויבן זינגט זיין טויט-ליד
דער פויגל, דער אעראָפּלאַן.
די שטאָט — זי הערט און הערט נישט
זיין געזאַנג צו ווייב און מאַן.

דער פויגל פון שטאָל — וואָס באַזינגט ער?
דעם טאָג, ווען די שטאָט-ערד קראַכט,

ווען תוהו פֿאַרשלינגט איר פּראַכט —
איר פּראַכט די קראַנקע פֿאַרשלינגט ער.

דער פֿויגל פֿון שטאָל — וואָס דראָט ער?
איך הער, איך ווייס, וואָס ער דראָט.
די שטעט וועלן אומקומען אַלע.
די שטעט וועלן אומקומען אַלע.
ס׳וועט שטאַרבן, שטאַרבן די שטאָט.

וואַרשע, 1932

## ים־סאָנעט

גאָט, ווער ס׳האָט דיך ריידן נישט געהערט אויף ימען —
וועט קינדיש נאַר און עלנט מיט דיין נאָמען שפּילן!
וואָס איז דער קוש פֿון טוים, דער ליבעס גרינסטע פֿלאַמען
און אַפֿילו אַ בעל־שם־טוב׳ס ברענענדיקע תּפֿילין —

אַקעגן דיינע רייד, וואָס אינדן גרויסע בילן,
אינדן, וואָס לויפֿן־אָן אין טומלדיקע גראַמען,
שלאָגן זיך אויף שווערדן און פֿאַלן־אום צוזאַמען,
שטאַרבן און שטרעבן־אויף אין אָטעם פֿון דיין ווילן?

באַשער, איך זאָל מיך ווידער לאָזן איבער אינדן,
זאָל שטאָט אַן שווערע שטיינער שלאָגן קאָפּ און שווינדן,
און ים, דיין בלויער בכור, אין ערשטער לוסט געשאַפֿן,

זאָל שפּרייטן זיך פֿאַר מיר אָן ברעגעס און אָן האַפֿן —
לויתן, שווערד־שלינגער, פֿאַרלוירן קינד, גיגאַנט,
אומענדלעכקייט, וואָס גיסט זיך פֿון דיין רעכטער האַנט.

# ליד צו די הונגעריקע

אַ ליגן האָבן אײַך געזאָגט די ליגנערס,
אַז איך, פּאָעט פון די צוזאַמענהאַנגען, לייקן
אין אייערע יסורים.
מיט אײַך איז גאָט,
כאָטש איר זענט נישט אַלעמאָל מיט אים
(איך ווייס — פאַרוואָס).
נאָר ס׳קומט אַ צייט,
ווען איר וועט זיין מיט אים, ווי ער מיט אײַך.
עס וועט זיך אײַך אַנטפּלעקן דער צוזאַמענהאַנג
צווישן אייער הונגער און די שטערן.
אַנטדעקן וועט איר, אַז די זון
איז די מאַמע פון דעם ברויט
און אַז דאָס ברויט
מוז ווידער ווערן זון אין אײַך,
מוז ווערן זון אין אײַער בלוט.

ווען דאָס וועט אײַך אַנטפּלעקט זיין — וועט איר גרינדן
דעם אינטערנאַציאָנאַל פון ברויט און זון,
און קעלער וועט מיט הימל זיך פאַרבינדן,
און ווי אַ קרוין וועט לייכטן יעדע שמאַטע
אויף אײַער לייב, דעם זוניקן און ברעניקן,
און איר, די האַרן, איר, די קעניגן,
וועט אויסלייזן די זאַטע.

1931

# שפּאָטליד אויף די פּעדערליַיט

גיב אַ קוק: אַלץ האָבן זיי באַפּינטלט און באַטינטלט.
דער וועלט'ס פּאַליצעס קרעכצן אונטער בערג ביכער ווי מיסט.
טייל האָבן שווער געאייזלט, טייל האָבן לייכט געהינטלט —
און קיינער האָט ניט געוואוסט, אַז די מי איז אומזיסט.

ס'האָט איינער אָנגעטאָן די רייד אין בליי אין אַקאַדעמיש,
אַ צווייטער — זיי באַשפּריצט מיט אַדעקאַלאָן בודואַריש,
אַ דריטער — מיט זיי געטריבן לייכטן זנות באַהעמיש,
און דאָס אַלץ איז אַוועק צו איין שוואַרציאַר דעם ליטעראַריש.

שטיי אויף, דו גלויביקער, וואָס גייסט איז דיין רעאַליטעט,
און שליידער זיי אין פּאַפּירענעם פּרצוף דיין דיבור,
און זאָלן זיי ניט מיינען אַז ס'איז ביי דיר אַ חיבור,
אַ שרייבעניש אַזאַ צי אַ קאַפּריז פון אַ קאָקעט.

לעגיאָנען ליטעראַטורניקעס, צו אַלדי אַלטע רוחות,
ציען ווערטער ביי די עקלעך און שלעפּן אַרום טויטע מייז.
רק זיי מאַכן די קולט-הור און רק זיי פאַלשעווען לוחות
און פאַבריצירן פייער ווען זייער האַרץ איז אייז.

זיי טאַפּן ס'וואָרט ווי אַ שטיקל קאָרט אין דיין שניטקראָם, ליטעראַטור;
מיט דינסטן שפּייעכץ קלעפּן זיי צענויף די פראַזן.
שמאַך צו זייער וואָרט, דעם הויקערדיקן בלאָזן!
אין פּנים שפּרינג זיי, שפּאָט-ליד, ווי אַ לעבעדיקער שטשור!

אַפילו גאָט אַליין איז נאָר אַ וואָרט ביי די שרייבאַרעס,
אין טינט האָבן זיי איינגעטונקט זיין אַלטן כסא-כבוד.
און גרוים זיינען זיי אַלע, אַלע, סאַמע תנא-בראַ'ס,
און קאַרליק דינגט ביי קאַרליק זיך אויס נבזה'דיקן כבוד.

אזויפיל עוג־מלך־הבשנ׳לעך — און ווי זיי אַלע שרייען!
אויף גייסט ציט מען קניפּלעך, מ׳וואַרפט אויף פּייער גורלות.
אויספּאַרקויפט שוין, דאַכט זיך, די לעצטע מליצערייען —
און דאָס מליצעוועט נאָך אַלץ און שלעפּט קונים פאַר די פּאָלעס.

אומשטערבלעכקייט אידיאָטישע, דו וואָס שלאָפסט אויף שטויסן
פּאַפּיר,
שלינג זיי איין אין דיין דרוק־פּעלער־בוך — און שלאָף ווייטער!
ווערט באַלעקסיקאָנט, פאַראומשטערבלעכט מיט טינטערנעם
עליקסיר!
אַ געדרוקטן גן־עדן האָט אין אַ וועלט אַ פאַרבלייַטער!

דו אָבער, וואָס דו ביסט דער גאָט דער שטאַרקער פון מיין ויידן
און דער גאָט פון די, וואָס קומען, — גיב מיר, אָרעמען נאַר,
דעם צער פון ערגסטן גיהנום, אַבי נישט דעם שכר
פון אַ געדרוקטן גן־עדן.

וואַרשע, 1934

## באַשווערונג

ליכטיקע וועזנס,
איר, וואָס פאַלט ווי בליטן סוף-מאַי אויפן שטעג,
איר, וואָס פאַרבינדט געוועזנס
מיט קומענדיקע טעג;
איר, וואָס שווימט אונטן אין קעלער
און אויבן, אין גאָלדענער היץ פונעם תמוז,
וואָס באַהאַלט זיך אין פאַלדן פון אַלטע געמעלער
און דריקט זיך צו ברוסטן פון יונגע מאַמעס;
איר, וואָס ציטערט קוים-קוים,
ווי הויכע ווייזערס אויפן זייגער פון דער צייט;
איר, וואָס רייט אויף אַן איינזאַמען בוים
אין מיטן פעלד העט ווייט;
איר, וואָס קוקט דורך דער לבנה׳ס פורפורנער שויב
צום בלינדן וואַלד, דעם אַלטן בעל-קבלה;
איר, וואָס טראָגט זיך אויפן רוקן פון אַ טויב
און וואָס פאַרוואַנדלט אין געגנאַד אַ קללה;
איר, וואָס אייער ריח
איז ווי דער ריח פונעם ווינט ביים ברעג פון טייך —
דאָ בין איך, דאָ שטיי איך,
דאָ וואַרט איך אויף אייך.

# העט, איבער שוואַרצע טייכן

העט, איבער שוואַרצע טייכן,
שווימען טראַטוועס ביינאַכט.
צו פייערן וויל איך דיך גלייכן
אויף טייכן טיף אין דער נאַכט.

מיין חלום פון גאולה,
און מיין פרייד, און מיין ווילדסטן וויי,
לייג איך פאַר דיינע פולע
שוואַנען־העלדזער די צוויי:
דיינע פים די אַנטבלויזטע.

מיין זעל — אויפ'ן גואל וואַרט זי:
ברי אים אוים אין דער נאַכט פון דיין טראַכט.
אַ, פייער אויף טייכן שוואַרצע,
געזאַנג אויף טראַטוועס ביינאַכט!

1926

## פּאַריזער נאַכט

די דאַמע לויפט, איר הינטל לויפט,
דער הער לויפט־נאָך נאָך ביידן...
עס לויפט דער טויט, דאָס לעבן לויפט —
(ווער וועט דעם טרוים באַשיידן?).

די דאַמע לויפט, איר הינטל לויפט,
די הערן און די הורן.
עס לויפט דער טויט, דאָס לעבן לויפט —
(צי בלייבן ערגעץ שפּורן?).

הו־הא! לאַ־לאַ!
הו־הא! לאַ־לאַ!
אויף פּלאַס דע ל'אָפּערא,
דאָרט, וואו די נאַכט די שטאָלצע טאָגט,
בלייבט איינער שטיין ביי שטומער וואַנט,
הויבט־אויף אַ האַנט,
הויבט־אויף און זאָגט:
גאָט, ראַטעווע פּאַריז.

און קיינער הערט נישט, וואָס ער זאָגט.
אַ שטערן קניט פאַר זיינע פיס.

## וואונדער

אַ, גלויב, פֿאַראַן אַ וועלט פֿון וואונדער,
כאָטש ס׳זעט זי נישט דער רעאַליסט.
זי איז נישט ווייט און נישט באַזונדער:
זי נסימ׳ט דאָרטן וואו דו ביסט.
זי איז נישט וואָרט פֿון שיינקייטוועגן,
נישט משל איז זי, נישט פֿאַרגלייך —
די וועלט פֿון וואונדער לייכט־אַקעגן,
ווי בלאַנקע ברעגן פֿון אַ טייך.

ביי עפּילעפּטיקער און קינדער
נאַר־אוים דעם סוד פֿון זעען ק ל אָ ר.
פֿאַרשטיי, אַז דאָפּלט זעט אַ בלינדער,
אַז נענטער איז ער צו דער וואָר.
פֿאַנטאָמיק שפּילן מיר און שפּילן
אין דעמפּן חושך פֿון אַ שטאַל,
און נאָר ווער ס׳קאָן דאָס וואונדער פֿילן —
ערשט יענער פֿילט די וועלט רעאַל.

1929

## ווי דער משוגענער און ווי די זונה

אַנהויב נאַכט.
עק שטאָט. אַ גאַס.
ס'האָט דער לאַמטערנס געלער גאַז
אַן אויג געזשמורעט און געטראַכט.
איך בין געגאַנגען.
ס'איז געווען נאָך אַ רעגן.
די גאַס איז געלעגן
ביים הימל געפאַנגען.
פון אַ ראָג
איז געקומען צולויפן אַ מויד,
צעהיצט און צעיוירן.
איר קאָפּ האָט זיך געשאָקלט, ווי אַ קליינער מעשענער גלאָק.
לויפנדיק האָט זי פאַרלוירן
אַן אויסגעקרימטן שוך.
זי האָט געזונגען
פון אונטערן טוך,
געזונגען מיט אַ לעצט ביסל לונגען.
אַ גאַסן-ליד געזונגען, און מיט געמיינסטע רייד,
און מיט אַ פרייד אַזאַ, און מיט דער ריינסטער פרייד,
די ליפּן אָפן —
און געלאָפן, געלאָפן...

כ'בין ווייטער געגאַנגען.
מיט אַ שמייכל, ווי ס'וואָלט זיי באַגילדן
אַ נאָכנישט-געבוירענע זון, זענען אויבן געהאַנגען
שילדן.
אַ צעשויבערטער ייד,
אַ דאַרער צווייפּיסיקער שאָטן,
מיט אַ באָרד וויים-בלוילעך, ווי אַ צווייג פול בליט,
מיט אַן אַרויסגעשטעקטן טלית-קטן,
איז געלאָפן, פון יינגלעך געיאָגט,
און האָט פסוקים פון תהלים געזונגען מיט אַ כהנ'ס אַ באַס.

ס׳האָט די גאַס
זיך אויפגעשטעלט הערן,
וואָס עס זינגט אַ ייד אַ מטורף,
צוגעטראָגן אַ פינגער צום שטיינערנעם שטערן.

כ׳בין ווייטער געגאַנגען.
די גאַס איז געלעגן
נאָכן רעגן
ביים הימל געפאַנגען.
מיט קלאַנג און געבלאַנק פון שווערדישע קלינגען
האָט אַ קלאָרקייט אין מיר גענומען קלינגען,
אַ קלאָרקייט אַזוינע,
וואָס טוט זיך אין טיפסטן בלוט פאַרשרויפן:
„ווי דער משוגענער און ווי די זונה
אין די אויסגעקרימטע שיך
זאָלסטו ס׳ביסל יאָרן דורכלויפן אויף גיך —
און זינגען בעת׳ן לויפן״.

1928

## טראַנס

טאַפּעטן גענעצן. עלעקטרע קוקט צעטראָגן.
שפּעט שוין אין דער נאַכט... איך בין געבליבן זיצן.
אַוועק זענען די געסט און ווייט מיט זיך פאַרטראָגן
רייד וועגן ליטעראַטור, רכילותן און וויצן.

צווערשט — איך איינער. אַ מענטש אין לאַק־שיך און אין פראַק.
דאָס איז געווען מיין הויז. דערנעבן אין דער קאַמער
איז געשלאָפן מיין פרוי. דעם זייגערס טיק־און־טאַק
האָט אויסגעקלאַפּט די צייט ווי מיט אַ קליינעם האַמער.

דערנאָך — געקומען דער צ ו ו י י ט ע ר . געזעצט זיך קעגנאיבער.
אויגן — אַ געמיש פון ים־גרין און פון שוועבל.
ווי אַ ווייטע ים־בוכט האָט צעגלאַנצט זיך ס׳מעבל.
„רוק זיך, מעבל, רוק,״ — האָט אויפגעהילכט זיין דיבור.

„רוקט זיך, כלים! העי! צערוקט זיך ווייטער, ברייטער!
מיר איז ענג... ס׳איז ענג... ס׳איז שווינדערלעך און שמאָל...
בליי די לופט... איך קאָן נישט אָטעמען צומאָל...
איך קאָן נישט, קאָן נישט זען... מ׳זאָגט: גאָט גייט, — וואו גייט ער?

„וואָס קלערן איצט אין צעלן שוואַרצע די פאַרברעכער? —
האָט ער געפרעגט. — וואָס ווייזט מען קראַנקע אין שפּיטעלער?...
אַ מאַמע אפשר וואַרגט דאָס קינד אירס אין אַ קעלער...
נשמות וואַנדלען אום מיט קלאַג־קאַטערס אויף דעכער...

„און איר? און איר אַליין? וואָס טוט איר דאָ, העי צייטלין?
אַה, גאָט? נישטאָ, נישטאָ! זאָלסט זאָגן: אויף אַ תרופה״ —
דער ערשטער, וואָס אין פראַק, האָט אָנגעקוקט דעם צווייטן
און מיטאַמאָל — דערקענט: דערקענט אין אים זיך גופא.

און ווי ער האָט דערקענט — איז געזעסן שוין דער ד ר י ט ע ר .
ער האָט געמישט אַ בוך, אַריינגעלאַכט אין שפּיגל.

מיט העלע, שנעלע פינגער אויסגעקלאַפּט אַ ניגון
ביים טיש, וואו ס'האָבן צוויי די קעפּ געשאָקלט ביטער.

געבענטשט מיט בײדע אויגן און געפּרייט זיך זייער,
פון טיר אַוועק צו טיר מיט זינגענדיקן שפּאַן,
מיט גלאַטע הענט געגלעט דעם הונט פון פּאָרצעלאַן
און אויסגעשמייכלט שמייכלען פון אַן אַלץ־פאַרשטייער.

אַרויסגעבליקט פון פענצטער צו דער גאַס דער שטומער,
פאַרוואָרפן איבער קוימענס אויגן ווי לאַמטערנס,
און מיטאַמאָל געזאָגט: „אַ גוטע נאַכט, באַלד קום איך"—
און ערגעץ ווייט אַוועק מיט שאָטנס און מיט שטערנס.

געוואַרט האָבן די צוויי. דער דריטער איז פאַרשוואונדן,
אַוועק צום דרויסן, העט, צו אַלדי ווייטע זאַכן...
און מיטאַמאָל — אַ קלאַפּ. דער דריטער איז געקומען,
האָט אָנגעקוקט די צוויי און שטיל גענומען לאַכן.

דערנאָך געזאָגט: „מלאכים וואַכן אויף די דעכער.
אין אַלע קעלערס — ליכט. די מערדער אין דער תּפיסה —
זיי זעען גאָט. דעם קראַנקן קושט די מטרוניתא.
וואָס נידעריק איז הויך, און אַלץ וואָס הויך — נאָך העכער!

כאַ, כאַ! אַרויף די קעפּ, איר, אָרעמע צוויי נאַרן!
כ'בין ערשט געווען אין גאַס... איר וועט דאָ בײדע אויסגיין!
דיין אויער נויג צו מיר, דעם דריטן אין דיר, אַהרן:
ס'איז ליכטיק דרויסן, מענטש, מ'דאַרף נאָר איינס — אַ ר ו י ס ג י י ן!"

1928

# ליד אין עברי־טייטש

דער דו דעם בוים אין בליטן קליידסט!
דערמאַי מיין זעל, די דערנער טראָגט,
און גורט מיין לייב מיט דיינער טרייסט.

די לעפצן טו איך אויף, דיין וואָרט
צו טרינקען שטעטיגליך באַרייט,
און זע דיין שאָטן אַלעראָרט.

אַ האָר, דיין אַנגעזיכט מיר נויג
און זעץ דיך נאַכטס ביי מיינעם בעט,
ווען איך דיך רוף מיט אַנגסט אין אויג.

דער דו הימלען האָסט געשפאַנט,
דיין קלייד די ערדן איבערשטראַלט —
מיין לאַגער היט און האַלט מיין האַנט.

דערוואָרטן, אַז איך זאָל נישט איך
מער זיין; דערוואָרטן, אַז איך זאָל
אין דיין געמאַרק זיין שטעטיגליך.

און זאָל מיין טייל נישט זיין מיט די,
די זוכן דיך דורך בוך און שפּרוך,
דורך אייטל פאַרשן און פיל מי.

איך מעכט, מיין לייב זאָל זיין דיין לויב,
צום הימל זאָל מיין בלוט דיר זיין;
מעכט זאָגן: „ב י ן עס״, נישט: „איך גלויב!״

1928

ב אַ מ ע ר ק ו נ ג ע ן:
דערמאַי — דערפריי; שטעטיגליך — שטענדיק; דערוואָרטן — כדי, אַז;
געמאַרק — גרענעץ.

## ד י כ ט ו נ ג

עס דאַרפֿן לידער ווי אליהו'ס
אַריין אין שטיבער פֿון בידנע ברידער.
איך וואַרט אויף לידער, וואָס ווערן דיכטער,
און וואַרט אויף דיכטער, וואָס ווערן לידער.

אָ, טאָג, וואָס וועט אַלע טעג באַליכטן,
ווען ס'ווערן דיכטער דאָס, וואָס זיי דיכטן,
ווען ס'קריגן לידער בלוט און געזיכטער,
גייען צו מענטשן — און ווערן דיכטער.

נייער אָטעם פֿאַר אַלטע הערצער!
גאַלוואַניזירן קאַלטע זשאַבעס!
מיט בליעכץ באַ'יומטוב'ן דאַרע העלצער!
אין אַלע וועלטן אויסרופֿן שבת!

1929.

# לבנה און הונט

שאָטנט אַ גרויסער הונט ביים פּלויט,
זעט מיט אַ גלעזערנעם אויג דעם טויט
און בילט אַ דערשראָקענעם גלאָקענעם ביל.
ער זעט: ס׳האָבן שדים אַ מלאך געהאָנגען
אויף שווארצע פליגלען פון אַ מיל.

ער בילט.

ניט שלעכטע לבנה דעם הונט אַ מעסער-אָפּ
פון אויבן ביז אראָפּ
און פּלאַצט ווי אַ וואונד.
דער הונט ציטערט-אויף און ווערט אנטשטילט,
און זי — זי בילט.
עט בילט די לבנה אויפן הונט.

ביז אויך זי ווערט שטיל.
ס׳האָט זי דערשראָקן טיף איר ביל,
איר אייגענער ביל.

אַ רויט-געפּלאַצטע לבנה,
אַ שאָטנדיקער הונט —
צוויי שטיל-געוואָרענע בילער —
קוקן זיך אָן
און ביידע ווערן אַלץ שטילער.

# אויטאָפּאָרטרעט

ווען ס'שטעלט זיך קילער, פאַרביקער, גויאישער זונטיק,
זיצן ביידע — וואַלענטי, דער וועכטער פון מיין הויף,
און זיין געפּאַקטע, רויטמויליק־הזירעוואַטע באַבע,
פּלייצע־צו־פּלייצע אויף אַ הילצערן בענקל.
ביידע קוקן־אָפּ אַ גאַנצן זונטיק נאָכמיטיק —
און ס'ווערט זיי נישט נמאס: זיי זענען רעאַליסטן.

וואָס זיי טוען? זיי גלאָצן. זיי שווייגן און רוען.
קוקן אויף הינט, אויף אַ קינד מיט אַ בייגל,
אויף רויך, אויף קבצנישע שטאָטישע פייגל,
אויף שטיקלעך וואָלקנס, וואָס שטעלן אוים
גלעזערנע הימלען, כאָטש וואַרף זיי מטבעות,
אויף קנעפּלעך אין זאַמד און אַ ראַבין מיט פּיאות.

און ווען איך, קבלה'ניק און ציימונגמאַן צוגלייך,
איך אַנגסטיקע און אַנונגדיקע סתירה,
(כ'בין דאָך מיין אומה'ס קינד, — די אומה, וואָס פאַרבינדט
אַש פון רעפאָרטאַזש מיט אָפּגלאַנץ פון אַ ספירה)
ווען כ'לויף זונטיק אַהיים, האַלב אָדלער, האַלב וואָרים,
מיט אַ פּעקל צייטונגען אונטערן אָרעם,
מיט שנאה צו מיין טאָג, מיט פאַרפּייניקטן בלוט
און מיט פאַרשטאַרטן וואַרטן אויף אַ קרישטאָלענער מינוט, —
טרעף איך פאַרן טויער דעם סטרוזש וואַלענטי מיטן ווייב,
ווי זיי זיצן און קוקן אין אַ האַלבן וואַכן
און האָבן הנאה פון ב אַ ש ט ע ט י ק ן זאַכן.
איך וואַרף אויף זיי אַ בליק פון ביטול און פון קנאה
און גיב אויף גיך אַ קלער, אַז איך וואָלט עס נישט געקאָנט,
אין קיין שום גילגול נישט געקאָנט,
איך, אהרן, וואָולגאַ: אָרליק, פאַראַדאָקס פון דער ליבער שכינה,
זינלעך אַבסטראַקטער, אידעאַ־פּלאַסטישער סעקטאַנט,
דער, וואָס שרייבט נישט פאַר קיינעם און פאַר קיינעם זיין פּערז,

נישט אַפילו לכבוד דער שמײליקער קונסט,
נאָר אין שטרענגער דינסט
פון א י י ג ע נ ע ם באַפעלערישן גאָט,
איך, אײניקל פון מקובלים.

און בײנאַכט —
בײנאַכט גײט מיר אויף אין חלום דער שײנענדיקער כתר,
ווי ער בויגט זיך אַ פּאַרטראַכטער צו די ליפּן פון מלכות,
און ר׳ משה קאָרדאָוועראָ קומט און זינגט צו הויכער מוטער,
אין רויטער טראַכט גײט פראַנק מיט אוואַטשאַן דער שײנער,
ביז מײנס אַן עלטערזײדע, דער חזן פון ליבאַוויטש,
צעזינגט זיך אין אַ כל־נדרי פון פאַר דורות צוריק,
און ס׳ענדיקט זיך אַלץ פאַר דער הײל פון בעל־שם,
צווישן טאַנצנדיקע אותיות צוויי־און־זיבעציק פון ש ם
און צווישן מלאכים, וואָס רײטן אויף הויכע ווענט,
האַלטן שופרות צום מויל און בלאָזן־אויס דעם קץ...

אין אַ וואָך אַרום איז ווידער זונטיק, זונטיק,
און ווידער זיצן זײ, מײן סטרוזש מיט זײן געפּאַקטן װײב,
פלײצע צו פלײצע אויף אַ הילצערן בענקל,
באַגלאָצן דאָס פּאַראַנענע מיט אויגעלעך גראָע —
און האָבן הנאה.

1929

# געשריי אין דער נאַכט

ער האָט אַ בריוו צו מיר געשריבן,
געוועזן דאָרט אָט אַזעלכע שורות:
„עס האָט מיין יעדע וואָך צו זיבן
פאַרפלוכטע נעכט, ווי שוואַרצע קבורות.
דורך בייזע וואָך־נעכט וויל איך שרייען:
ווער וועט פון פרייהייט מיך באַפרייען?
שקלאַף וויל איך זיין צו אַ הויכן ווילן!
שלעפּט מיך אין שול און בינדט אין תפילין!

און אויב צו אַלט איז די שול די אַלטע —
גיט מיר אַ נייע, מיר, מענטש אויף ווינט!
אויב צו אַלט שוין די אַלטע תפילין —
גיט מיר נייע און נעמט און בינדט!

ווי שרעקלעך מיין הפקר וויל זיין געבונדן
צו הויכן געבאָט, צו שטרענגן לאָו!
גאָט, אַנטפּלעק זיך צו מיר דורך וואונדן!
טרעט אין מיין קעלטער, פונסני באַשאַף!
ווער רויט פון מיין בלוט! אין בלוט געגורט
גיי אין מיר אויף — און ווער ג ע ב ו ר ט!"

## קאָסמישער ניין

כ'האָב געפרעגט זיך אַליין: זאָל איך זעלבסטמאָרד באַגיין?
און אַ קול איז געווען צו מיר: ניין!

און געווען איז דאָס קול אויסער מיר און צוגלייך
טיף אין מיר ווי אַ שטערן אין טייך.

און געווען איז דער נ י י ן אַזוי טיף ווי דער דנאָ
פון אַ טיפן און ליכטיקן י אָ.

און געווען איז דאָס קול—פרישער אָטעם פון שניי
און דער ריח פון טייך און פון היי,

און דער טעם פון אַן ערשטן דערשראָקענעם קוש,
און דער נאַקעטער נערוו פון אַ חוש,

און דער חסד פון הייליקע הענט, און די קלאָג
פון אַ זונה, וואָס פרירט ביי אַ ראָג,

און די טרערן דער תאווה'ס אין אָפּגרונט פון שטעט —
און די פליגלען פון ריינסטן געבעט.

ס'האָבן זונען געברענט... ס'האָט געציטערט קוים-קוים
ברוינע לופט ווי אַ וואַרעמע פלוים,

און אַ שטייגן פון צווייגן, אַ פליען, אַ גיין —
און דאָס אַלץ איז איין וואָרט געווען: נ י י ן...

## שיף און פּאַסאַזשיר

האָב זיך דערזען אין פורעם פון אַ שיף אָן מאַטראָסן,
אַ דורכזעעוודיקע שיף, פון גלאָז אינגאַנצן
און פון גלאַנצן,
מיט זון מיט גלעזערנער באַגאָסן,
אַ הויכער, אַ לייכטנדיק־גלעזערנער קאַסטן
מיט גלעזערנע מאַסטן,
גרייט זיך צו לאָזן אין ים,
וואָס גלאַנצט ווי דער אייביקייט'ס בלאָער פליך.
און דער ים איז אויך געווען איך.

ס'האָט מיך פאַרבליפט.
אין אייגענע אַקסלען אַריינגערוקט —
גליך צווישן בערג אַ שעמעוודיקער טאָל —
גענומען האָב איך גיין
אָן אַ זייט פון זיך אַליין,
ווי איינער גייט
אָן אַ זייט פון טראָטואַר.

טאָג און נאַכט און ווידער טאָג
האָט די שיף געהאַרט אַ געהאַר.
אַרום דער שיף און אונטער איר
האָט דער ים געהאַרט אַ געהאַר.
אויף מיר, דעם פּאַסאַזשיר,
האָט נבנע'דיק געהאַרט ווי אויף אַ האַר
די לייכטנדיקע פּאָר:
קום, זעץ זיך און פּאָר
צו זיך, מענטש, צו זיך!

האָב פאָרכט געהאַט אַלץ מער,
געווען ווי אַ שרעקיקער קלער,
וואָס ציטערט טאָמער ווערט ער טואונג אָדער וואָרט.

האָבן שיף און ים גערעדט אַלץ העלער:
טאָמער דאָך... טאָמער פאָרט...

שיף: שיק מיך!
ים: באַפאָר!
שיף: שיק מיך, שיק מיך!
ים: באַפאָר מיך, באַפאָר!

זיי שטייען נאָך ביידע, זיי וואַרטן אויף מיר —
און אַזוי יאָר נאָך יאָר...
עד, יאָרן, יאָרן!
איך שלעבטער פּאַסאַזשיר
וויל אַלץ צו זיך נישט פאָרן.

# צוועלף האַרבסט־שורות, אָדער: מאָרבידעצאָ

מיט בלוט פון בלעטער שפּייען רויטע ביימער.
אויף שויבן ברודיקע קראַפּירן פליגן.

רייף פאַלט מיין האַרץ פון וויסנ׳ס בוים אַרונטער.
עס איז מיט פוילער קלעפּיקייט באַשפּיגן.

קום, טרינק מיך אָן מיט שלאָפגעטראַנק פון קושן.
ווי פליגן טויטע וועל איך ליגן, ליגן...

און ביז אַ דונער וועט מיך קומען וועקן —
פאַרשפּינוועב מיט אַ האַרבסט־ניגון פון גריגן.

ביים שוואַרצן פּיאַנאָ שפּיל מיר, שוואַרצע שוועסטער.
שפּיל עטערדיקן קומער, קונסט און ליגן.

ביז שמעטערדיקער דונער עפנט קברים
און ס׳פאַלט גאָטס בליץ צו קינדער אין די וויגן.

1929

# פון פרי באַגינען ביז שפּעט ביינאַכט

מבקר לערב יכתו,
ימותו ולא בחכמה.
(איוב)

פון פרי באַגינען ביז שפּעט ביינאַכט
ווערן זיי געשניטן, געשניטן, געשניטן.

עס שניידט זיי די שטאָט און שניידט און קראַכט.
ס'באַפאַלן זיי גאַסן ווי די באַנדיטן.

גאָט'ס האַנט נישט געזען, זיין ווערק נישט באַדאַכט,
בלינד געקומען, אַוועק אינמיטן.

געוויינט, געלאַכט און גאָרנישט געמאַכט,
געוויינט, געלאַכט — און געוואָרן פאַרשניטן.

אומגליק ביי טאָג און זנות ביינאַכט.
געלט — אויף ווייב, ווייב אויף לועס געביטן.

פון פרי באַגינען ביז שפּעט ביינאַכט
ווערן זיי געשניטן, געשניטן, געשניטן.

## ליד פון טויט און קנאָספּן

אין גרינעם ראָוו ליגט אויפגעדעקט
די נבלה פון אַ פערד.
די נעסטן אויף די בוימער־קעפּ
זיי האָבן זיך פאַרקלערט.
וואָס טראַכטן נעסטן אויף בוימער־קעפּ?

דער פרילינג איז געבוירן ערשט,
עם שוואַרצט, און גרינט, און רינט,
און וואָלקן־צויטן ציטערן,
און צווייגן צערטלט ווינט.
וואָס טראַכט דער מענטש אויף דער גאָרטן־באַנק?

ער טראַכט: דער טויט איז האָפענונג
און שטאַרבן איז כדאַי
ביי פענצטער, פענצטער אָפענע
פאַרנאַכט אַמאָל — אין מאַי —
ביי פענצטער קילע, אָפענע...

אין גרינעם ראָוו ליגט אויפגעדעקט
די נבלה פון אַ פערד.
די נעסטן אויף די בוימער־קעפּ
זיי האָבן זיך פאַרקלערט.
אָ, טויט! געבורט! אָ, קנאָספּן־קנעפּ!

# טעג

### א

געקענט האָב איך טעג — אַזוי בלוי, אַזוי העל,
ווי אין אַקעאַן די פֿונאַנדערגעזונגענע וועל.
עס האָט זייער ווייטקייט מיט זוניקע בליקן
געוואונקען צו ערד און צו לייט,
זיי צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן.
נאָר אָט ווערט אַ וואָלקנדל, גרויס ווי אַ פּויסט,
אַ וואַלפֿיש — און ס'האָט זיך אַ שטורעם צעברויזט,
געיאָגט זיי מיט דונערס, מיט בייטשן פֿון בליץ
געגעבן זיי שמיץ,
אין חושך פֿאַרשלעפּט זיי, אין נאַכט אָן אַ פֿורעם.
עס האָט זיי געפֿאַנגען דער שטורעם!

### ב

געקענט האָב איך טעג — אַזוי בלייך, אַזוי מאַט,
ווי קינדער, וואָס ס'האָט זיי אַ מאַמע אַ קראַנקע געהאַט.
דאָס קול האָט געקרעכצט און דאָס אויג האָט גערעגנט.
זיי זיינען געגאַנגען צום טויט —
און האָבן דעם טויט נישט באַגעגנט.
אַ פֿלוצלינגע זון איז באַפֿאַלן מיט גאָלד
די טעג, וואָס סע האָט זיך זיי חושך געוואָלט,
מיט ליכט זיי באַלאַגערט, מיט פֿריידן באַשטראַלט
אויפֿסגעוואָלד.
אומזיסט איז צום טויט געווען זייער פֿאַרלאַנגען —
עס האָט זיי דאָס לעבן געפֿאַנגען.

1919

די שפּיל פון מאַן און פרוי, פון די געשלעכטער דאָס געיעג,
אויטאָס געכפּל׳ט אויף מיליאָנען פּיס,
נעכט, וואָס זעען אוים ווי יומטוב׳דיקע טעג,
און אַלץ וואָס איז — ווי ליבע — ביטער־זיס און נישט־געוויס :
פּאַריז.

אַ רעגן, וואָס גייט טאַנצן אויף בולוואַרן ווי אַ סטראָף
אַ גלאַנציק־עלעגאַנטע פון אַ מאָדישן פּאָעט,
אַ רעגן אַזוי גרינג ווי די פּיס פון מ י ס ט אַ נ ג ע ט *)
און פריילעך ווי אַן אָנהויב, וואָס טראַכט נישט פון קיין סוף ;
חיי־שעה, וואָס שמייכלען שטאַרבנדיק פון איטלעכן קאַרניז,
און קונסט, וואָס טראָגט די קעפּ פון אירע קינדער אויף אַ שפּיז :
פּאַריז.

און אויף אַ גאַס פון מאָנפּאַרנאַס — אַ שכורע לאַמטער,
אַ מעלאַנכאָלישע ווי די נשמה פון באָדלער,
געבויגן אין־דער־קרים צום פרעכן טראָטואַר
ווי אַ הור אַ פאַרשלאָפענע צום אַפּאַש, איר האַר ;
און טרוימען פון גיגאָלאָס, קאָקאָטעס און פּאָעטן
(אַלע חלומות האָבן ליב צו טרעפן זיך) ;
און מענטש און טייוול — ביידע אין אייביקע געוועטן,
און אַ געשריי צום הימל : עפן, עפן זיך ;
און דעם שלאַנקן אייפל־טורעמ׳ס שטומער דיאַלאָג
ביינאַכט מיט גאָט און וואָלקנס, און אויף יעדן ראָג —
קליפּות פאַרשטעלט אין פרוי, מאַסקירט אין חלום און קאַפּריז,
געלאַף צום נישט־פאַראַן, אַנטלויף פון דעם, וואָס איז :
פּ אַ ר י ז.

*) באַרימטע פראַנצויזישע טענצערין.

## גאָטגעפיל

איך האָב מיך סענטימענטאַל פאַרטראַכט
אין אָט דעם בלויען באַנאַלן פאַרנאַכט
און ווידער הויבט זיך מיר אָן צו דאַכטן,
ווי געוויינלעך אין אַזוינע פאַרנאַכטן,
אַז דאָס באַנאַלע איז אָפּגרונטמאָל טיפער
ווי אַלע אָריגינעלע שטותים
פון יענעם קאָסמישן בערנאַרד שאָו,
וואָס מאַכט נאָך גאָט און רופט זיך לוציפער.

דער פאַרנאַכט איז אַ מחשבה נישט צו באַגרייפן;
עס צייטיקן שטערן אין הימל דעם רייפן,
אַ באָרוועס פויערל פירט אַ פערד
(אַ פערדקאָפּ אין שאָטן איז ווי די ערד,
וואָס האָט זיך אין ספערן־מוזיק פאַרהערט),
עס פידלען אַרום אַ לאָמפּ צוויי פליגן,
אַ מיידל האָט שטיל צו אַ יינגל געלאַכט,
געלאַכט, געלאַכט און געוואָרן אַנטשוויגן —

אַ שטיק קבלה איז דער פאַרנאַכט.

## אַ נייער דף

פעלדגריל האַמערט. גיי׳מיר, גיי׳מיר.
מידע ביימער. זון דערברענט.
ס׳אויג דיינס פלעמלט. שלאַבריק דרעמלט
שוואַכער ווינט אויף דיינע הענט.
ס׳פאַלט אָט באַלד די נאַכט — און דעמלט — — — —

וויטע לאָנקע. טונקל גרינט זי,
יום־טוב׳ט דעמערדיקערהייט.
זעסט? דאָרט שטייט דער טויט. אַהינצו
לאָמיר צוגיין זאַלבעצווייט.
ס׳וויל דער טויט מיט קינד אונדז בענטשן.

קום. נישט ציטער. ער, דער דריטער,
בענטשט דיין טראַכט מיט ניי באַשאַף.
מיט אַ האַנט אַן אַלט־געניטער
מישט ער אויף אַ נייעם דף
אין דעם ספר פון די שאָטנס.

# דריי קאָרטן

זאָל דער האַר עפּעס נעמען אין זינען.
איצט זאָל ער אַרויסציען דריי קאָרטן.
די קאָרטן זענען גוט.
אַזעלכע דריי דאַרף מען קאָנען געפינען.
זיי זענען ווי רייפע פּירות אין גאָרטן.

די ערשטע קאָרט זאָגט: דער האַר קלערט,
אַז ער וועט שטאַרבן יונגערהייט.
מאָדנע איז דעם האַר צו לעבן אויף דער ערד.
ער האָט דאָ צו ווייניק פרייד.

די אַנדערע זאָגט: מ׳טאָר פון טויט נישט קלערן.
זאָל דער האַר נישט קלערן אַזוי אָפט.
דער טויט — ער קאָן נאָך דערהערן.
וואויל צו דעם, וואָס האָפט.

די דריטע זאָגט: דער האַר וועט זיין אַ זקנדל.
ער וועט זיין באַיאָרט.
גיין אַנגעלענט — אַזוי־אָ — אָן אַ שטעקנדל.
אַזוי זאָגט די דריטע קאָרט.

איצט נעמען די ערשטע קאָרט און די צווייטע
און זאָגן אַזוי צו דער דריטער:
„עס ווענדט זיך. אַז ער וועט קלערן ווייטער —
וועט זיין ביטער, וועט זיין ביטער.

אַז ער וועט נישט אויפהערן צו קלערן —
וועט דער טויט די געדאַנקען דערהערן,
און כאָטש דו זאָגסט אמת — וועט אַרויס אַ ליגן".

האַר, זייערע ווערטער זענען קלוג.
און איצט זאָל דער האַר טון אַ קוק:
די דריטע קאָרט ווערט אַנטשוויגן.

1931

# ק אָ ס מ י ש ע ר   צ ע נ ו י פ ט ר ע ף

ערגעץ מוז זיך אַלץ מיט אַלעם טרעפן.
ערגעץ מוז אַ צייט זיין און א לאַנד,
וואו עס טוען זיך די ווענט אַן עפן,
וואו עס גיבן וועלטן זיך די האַנט
און ס׳ווערט איין גורל מיט׳ן אַנדערן באַקאַנט.

ערגעץ מוז זיך ווידער אַלץ צוברענגען
וואָס דער ווינט דער אונטערשטער פאַרלעשט.
ערגעץ מוז זיך אַלץ מיט אַלעמען באַקענען.
ס׳מוז זיך דאָסטאָיעווסקי טרעפן מיט׳ן בע״שט.

כ׳וואָלט געוואָלט פאַרבלאָנדזשען דאָרט, אין דער אַכסניא
פון דעם גרויסן סוף-כל-סוף,
וואו טאָלסטאָי און וולאַדימיר סאָלאָוויאָוו
וועלן אָנטרעפן דעם בעל-התניא.

אויף זיין וועג צו זאַראַטוסטראַ׳ן וועט זיך ניטשע
פאַרהאַלטן פאַר אַ טלית׳דיקן ייד :
לוי-יצחק פון באַרדיטשעוו.
און דער ייד וועט זינגען אים אַ ליד
און וועט מעלה-זיין זיין ניצוץ.

ס׳קען אַפילו טרעפן,
אַז דער געשטופלטער ישיבה-בחור שמר׳ס
זאָל באַקומען הויט-און-פלייש
און לאָזן זיך שפּאַצירן מיט דער  ג ר ע פ י ן.

ערגעץ מוז זיך אַלץ מיט אַלעם טרעפן.

## געשפּרעך מיטן טויט

הינקט אַריין דער טויט, אַ לאָמער גוי
מיט אויגן וואַסער און וואָנסעס שטרוי,
גיט שוואַרץ אַ גלאַנץ ווי אַ נאַסע קראָ
און רעדט אָן לשון און זאָגט אַזוי:

— דו לעבסט? קיין לעבן איז נישטאָ.
בלויז איך בין וואָר. בלויז טויט איז וואָר.
אויב א י ך בין דאָ — ביסטו נישטאָ.
און איך בין דאָ — דאָס זעסטו קלאָר.

קוק איך מיך צו: זיין וואָנס איז דאַר,
צוויי טויטע נאַסע מייז — די הענט,
און ציטערדיק כוואַליעט פון אים דער צער,
ווי שאָטנס, וואָס רויך־קנוילן וואַרפן אויף ווענט,
און ער איינגאַנצן — כאָטש נעם, פאַרשאַר
אין זאַמד ווי אַ נבלה.

זאָג איך: מה־דאָך, אַז ד ו ביזט דאָ,
אַפילו דו, קאָשמאַר, קאָשמאַר,
אַפילו דו, צעקלאַפּטע כלי, —
מוז דאָך לעבן אוודאי זיין,
מוז דאָך לעבן זיין ממילא.

## פרוי נשמה

דורך אַ פֿענסטער אַ פֿינסטערלעך בלאָען,
אַ מיט בלינדלעכער בלאָקייט פֿאַרשטעלטן,
קוקט אַ שיינע משוגע׳נע פֿרוי
אויף אַ פּערל־געשלידער פֿון וועלטן,
וואָס דעמערן ריטמיש פֿאַרביי.

די דעמערונג ציט זיך און ציט,
דאָס פֿענסטער ווערט בלאָער און גרעסער
פֿון מינוט צו מינוט — און די פֿרוי זינגט אַ ליד,
וואָס בלאַנקט אין דער בלאָקייט אַריין ווי אַ מעסער,
די שיינע משוגע׳נע פֿרוי.

דאָס פֿענסטער איז גרויס, גוואַלדיק גרויס און פֿאַרמאַכט.
ס׳איז טאָג נישטאָ,
ס׳וויל נישט ווערן נאַכט.
די דעמערונג ציט זיך און ציט — —
און די דולע, די הערלעכע פֿרוי
זינגט אייביק איר ליד,
זינגט אייביק דאָסזעלביקע ליד פֿונדאַסניי
צו די וועלטן, וואָס ציען פֿאַרביי.

# מערדער פון געשפענסטער

צווישן צאַנקענדיקע שימערן,
שאָרך פון שאָטנס און פּייף פון מויז,
האָב איך געוואַנדערט איבער צימערן
פון אַ הויז.
איז אַ לויערדיק געשפּענסט
אַרויסגעשפּרונגען פון אַ ווינקל
און ביים האַלדז מיך אָנגעכאַפּט: דערקענסט?

האָב איך זיך צעשריגן: מערדער פון געשפּענסטער,
קום און הרג׳ע דאָס געשפּענסט!
מערדער פון גע —

און כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט. ביים ברעג פון בעט
בין איך געזעסן, איינגעהילט אין ליילעך,
ווי אין תכריכים, און צו זיך גערעדט:

ס׳וואָלט מיר צונוץ געקומען גריילעך
אַ געשפּענסטער־מערדער, אויב — ס׳איז דאָ אַזאַ ספּעציאַליטעט.
כ׳וואָלט אים געדונגען, ער זאָל הרג׳ענען די רוחות,
וואָס פּייניקן מיין מאָדנע עקזיסטענץ:
אַ לעבן נאָך אַ לעבן אַ פאַרברענטס,
אַ לעבן נאָך דעם אומקום פון אַ פאָלק און אַלע ליבסטע.
וואו קריג איך אַזאַ מערדער?

1946

# אַ קינה

פוסט און וויסט און הויפנס מיסט,
שטיינער, ביינער, ציגל.
ס׳קינד פאַרברענט — און אויפן מיסט
וואַלגערט זיך דאָס וויגל.

שערבלאַך גלאָז און הויפנס אַש,
זוילן שוואַרצע פוילן.
אַז די פּים זיינען פאַרברענט —
ווער באַדאַרף די זוילן?

ליגט אַ האַמער אָן אַ שמיד —
ווי זשע קאָן ער שמידן?
ווער דאַרף אַ היטל אָן אַ קאָפּ,
אַ טלית אָן אַ יידן?

# איוב

ליגט אָפן ספר איוב.
כ'הער איוב'ס חברים —
מליצה — פרומער זיוף.
זיי ענטפערן נישט.

פון שטורעם אַרויס גאָט'ס קול!
גאָט פרעגט — ער ענטפערט נישט.

פּלוצלונג — אַ פרעג:
און שערי מות, איוב,
די טויערן פון טויט האָסטו געזען?
וואָס הינטער זיי איז ווייסטו?

דער פרעג איז אָן ענטפער.
הינטער די שערי־מות
איז דער פארענטפער.
הינטער די שערי־מות
לעבן איוב'ס זין און טעכטער.

און גאָט דער שרעקליכער
בלייבט דער גערעכטער.

# ליד פון שבתי־צבי דעם משומד
# צו זיין חלום מעליסעלדאַ

דו מיט די רעגנבויגן־אויגן,
מעליסעלדאַ,
דו מיט דעם שימערדיקן לייב,
מעליסעלדאַ,
דו מיט דעם עפּל־ריח,
מעליסעלדאַ,
צו דיר האָב איך געזונגען,
אַ צוואַנציק־יעריקער דערלייזער.

ביסט קיינמאָל נישט אַראָפּ צו מיר
אַ מעליסעלדאַ.
אַ חלום ביסטו,
און איך —
אַ משיח אַ טערק בין איך.
אַז מיין גאָט פאַלט איין אַמאָל
אַ פרעג צו טאָן: וואָס הערט זיך, שבתי?
ווייז איך מיט׳ן פינגער
אויף מיין טורבאַן:
זע די שמאַטע אויף מיין קאָפּ —
און פרעג מיך נישט קיין קשיות.

און שרה מיין ווייב,
וואָס איר לייב איז געווען צו מיר
הייליקע טומאה,
איז דיק ווי איך —
אַן אָפּגעוועלקטע זונה.
די אויגן אירע —
ווי ביי אַ שלעפעריק פערד.
עס זיצט אַ שוואַרצע פליג
אויף אירע בריסט

און זשומעט: מיסט איז שרה,
מיסט.

אַ מעליסעלדאַ,
ביסט קיינמאָל נישט אַראָפּ צו מיר.
קוק נישט מיט פאַרוואורף מיך אָן,
דו מיט די רעגנבויגן־אויגן,
מעליסעלדאַ,
דו מיט דעם שימערדיקן לייב,
מעליסעלדאַ,
דו מיט דעם עפּל־ריח,
דו מיט דעם ים־גלאַנץ,
מעליסעלדאַ.

עס דעמערט איבער אַלע מיינע בערג.
חלום מיינער, האָב רחמנות
אויף אַ משיח אַ טערק.
האָב רחמנות, מעליסעלדאַ.

# צוג אין טונעל

דער טונעל איז
לאַנג, לאַנג, לאַנג. נאָר פריידיק־שנעל,
פריידיק־שנעל,
פליט דער צוג. אָ, העל איז, העל איז
דאָרט, אויף יענער זייט טונעל.

רוישיק, רוישיק
פליען רעדער, ראָד נאָך ראָד,
ראָד נאָך ראָד,
יאָגן, טראָגן זיך פון חושך
צו דעם דרויסן, צו דער גנאָד.

ס׳וואָלטן רעדער, ס׳וואָלט יאָרן
נישט געפלויגן אַזוי שנעל,
אַזוי שנעל,
ווען ס׳זאָל זון אויף זיי נישט האָרן
דאָרט, פון יענער זייט טונעל.

ווען ס׳וואָלט נישט גערונט דאָרט דרויסן —
וואָלט נישט זיין אַזאַ־מין פלי,
אַזאַ פלי,
אַזאַ רוישן!
(נאַכט־צייט פאָרן מיר אַרוים און —
קומען מאָרגן אין־דער־פרי).

## ד ע ר   נ י ש ט

די צאָל איז פריער ווי דאָס וואָרט.
איך בין געגאַנגען נאָך דער צאָל —
און האָב דערזען אַ וועג, וואָס איז
אָן־סופ׳יק ברייט, אָן־סופ׳יק שמאָל.

און האָב דערזען, אַז טאָל איז באַרג.
און האָב דערזען, אַז באַרג איז טאָל.
געגאַנגען בין איך ווי אַ קינד
נאָך איר, נאָך איר, נאָך מאַמע  צ אָ ל .

און ס׳האָט מיך מאַמע צאָל געפירט
צו קליינס, וואָס איז פון קליין־זיין גרויס,
און מיך געבראַכט צו זיך אין לאַנד,
און מיך געלייגט צו זיך אין שויס.

און מיך געבראַכט האָט זי צום נול,
און מיך דערפירט האָט זי צום גבול.
און כ׳וויים :  דער נישט, דער הוילער נישט,
קאָן יעדע רגע ווערן פול.

און כ׳האָב אַריינגעקוקט אין קוואַל,
און ס׳האָט מיך כוואַליע־שפּיל דערפרישט :
דער  נ י ש ט  ווערט יעדע רגע — אַלץ,
דער אַלץ ווערט יעדע רגע — נישט.

# ק י נ ד ע ר   ש ט אַ ר ב ן   ש ט ע נ ד י ק

קינדער זענען פֿאַרשווינדער.
ג ר ו י ס ע   זענען גלגולים
פֿון געשטאָרבענע קינדער.

קינדער שטאַרבן שטענדיק —
אויך די, וואָס בלייבן לעבן.
די שפּיל איז קורץ און בלענדיק.
באַפֿעל איז צו זיי געגעבן:
„שנעלער, שנעלער, ענדיק!"

קינדער זענען דערפֿינדער:
זיי האָבן אונדז דערפֿונדן.

קינדער זענען פֿאַרקינדער:
אָנגעזאָגט און פֿאַרשוואונדן.

קינדער זענען — פֿאַרשווינדער.

# מעדיטאַציע בײַם ים פון די קאַריבן

ס'איז יאַגד אין מערבֿ ברענענדיקן וואַלד.
איין געשטאַלט באַפאַלט, די צווייטע פאַלט.
קאַלירן קולי־קולותדיקע שאַלן.
בילד טויט בילד, געשטאַלט פאַרברענט געשטאַלט.

צום ווילדן בילדער־שטורעם קוקט אַריבער רואיק
דער קאַריבער ים. ער קנייטשט זיך וואו־נישט־וואואיק
און האָרכט צו זײַנע תהומות.
צײַט איז בײַט, פאַרשווינדיק און פאַרלענדיק,
רוים איז בײַט, פאַרפירעריש און בלענדיק —
ווי פאַלש די צײַט איז, ווי פאַלש דער רוים איז.

ים, איך האָרך, ווי דו, צום קאַלטן קול פון דנאָען,
און ווייס: ווי ס'טויטן זיך דעם מערבֿ בילדער —
וועלן אָפּפרעגן איינס ס'צווייטע די נײַנען און די יאָען.
ווי אָט די וואָלקנס אין קאָליר־יאַגד ווילדער
וועט לעשן זיך מײַן וועלט, צו אַש ווערן און אויסגיין.
און נאַכט וועט פון מײַן וועלט, ווי פון דעם מערבֿ אַש, אַרויסגיין,
און וועט — נאָך שפּיל פון אייביקן צעשטערן —
אָנצינדן אַ נײַע וועלט, וואָס האָט קיין סוף נישט,
די הויכע וועלט פון שטערן.

כ'וועל וואַרטן ביז עס וועט די שפּיל אַריבער,
וואָס איז זינדיק־פאַרשווינדיק, בלענדיק־פאַרלענדיק.
ווי דו וואַרטסט אויף נאַכט איצט, ים קאַריבער,
וועל איך וואַרטן אויף מײַן נאַכט מיט אירע שטערן,
וואָס לײַכטן שטענדיק.

# אַן אַלטער דיכטער

אין די מינוטן, ווען ער איז ניכטער,
קומט דער אַלטער דיכטער
אין דער שטאָט-ביבליאָטעק
און הייסט זיך געבן אַ באַנד פון זיינע אַמאָליקע לידער.
דער געל-פּנימדיקער גרייז
מיט אויגן-טאָרבעלעך, וואָס ווערן אַלץ מידער,
מיט וואָנסן ווי עקלעך פון טויטע מייז,
קוקט שטאַר אויף זיין אייגענער פאָטאָגראַפיע
(אַ יונגערמאַן, וואָס האָט ליב געהאַט
ווערטער, וויין און פּאָרנאָגראַפיע),
לייענט און ווערט בלייך, ווי פון אַ שלעכטער בשורה,
ווען ער טרעפט אַ שורה,
וואָס פייקלט אין אַ פייקל פון בלעך,
טאַפּט ס'פּאַפּיר מיט קנויליק צענויפגעדרייטע פינגער,
און זעט מיטאַמאָל, ווי ווערטער ווערן פרעך.
ווערטער — קאַטערינקע-דרייער, קונצנמאַכער, שפּרינגער.
שוואַרצע צינגער
שטעלן זיי אַרויס
און לאַכן שדעוואַטע: טאַטע-שמאַטע,
אַזוי זעט דיין אייביקייט אויס.

# אַ זיבעלע

אַ זיבעלע, וואָס האָט געלעבט סך־הכל אַ פּאָר טעג,
האָב איך געזען: אַ פּנימל — צעקנייטשטע פּאַפּיר,
אַזאַ מידס, אַזאַ אַלטס,
כאָטש ערשט געקומען פון דעם אַלץ.
דאָס גאַנצע גופל—ווי ס׳וואָלט זיך עמעצן פאַרגלוסט צו מאַכן
אין בלוט און פלייש
אַ מיניאַטור־צייכנונג פון אַ זקנדל אַ שוואַכן.

געוואָלט האָט מען, משמעות,
אַ מת אַ זקן פאַרוואַנדלען אין אַ קינד —
איז געשען אַ טעות.
האָט מען טאַקע ס׳זיבעלע צוריקגעכאַפּט,
איז מען מיטן זיבעלע אַנטלאָפן,
אַז מענטשן זאָלן נישט דערזען
די גלייכע ליניע, וואָס פאַרבינדט
אָנהויבן מיט סופן,
מת מיט קינד,
דאָס וויגל — מיטן שטאַרב־בעט.
מ׳קען דאָך זיי נישט ווייזן אַזוי אָפן,
ווי די אייביקייט אַרבעט.

## חדר־צייט

אַמאָל, פון חדר גייענדיק, האָב איך געשאַרט אין זאַמד,
געוואָלט אַרויסשאַרן אַ זון.
אין זאַמד איז זון פאַרנאַכטיקע געלעגן,
אַ טעלערל פון גליענדיקן גאָלד.
מיט קליינע פיס
האָב איך די זון אַרויסשאַרן געוואָלט.

אויפ׳ן וועג צום חדר
האָב איך אַמאָל
אַ רעגן מיט אַ גוי׳שער לויה
באַגעגנט אויפאַמאָל.
דער רעגן האָט געבליצט מיט פייערדיקע צלמים,
געדונערט מיט אַ גלח׳ס באַס.
כ׳בין מיט אַ שטילן שמע ישראל
געלאָפן דורך דער גאַס —
און דער רעגן איז מיר נאָכגעלאָפן ביז צום חדר.

אין חדר
האָט דעם רבי׳נס טעכטערל געלויכטן אין דער עברי.
ווי אַ ווינטל פסח־צייט
האָט געפאָכעט איר פאַטשיילקע
איבער הייזעריקע ווינטער־טעג.
איבער׳ן רבי׳נס טייטל איז דאָס טעכטערל געשוואומען,
דורך שוואַרצע אותיות האָט דאָס טעכטערל געשפּאַנט
העט ווייט
צו אַ שטראַלנדיק לאַנד.

1922

# אותיות

ס'האָט גאָט מיט די אותיות די צוויי און צוואַנציק
באַשאַפן די תורה, דערנאָך די וועלט.
די הימלען האָט ער מיט זיי געפורעמט,
דאָס הויז פון דער ערד מיט זיי געשטעלט.

און ער האָט די תיו באַהעפט מיט דער אַלף,
ער האָט זיי באַהעפט דורך דער מיט — דער מם,
און אַזוי איז געשאַפן געוואָרן א מ ת,
דער חותם דער גליאיקער פון זיין שם.

נאָר ס'דאַרפן צוויי אותיות נאָך ווערן נתגלה;
זיי פעלן, די צוויי, צו די צוואַנציק און צוויי.
דאָס אות נאָך דער תיו און דאָס אות פאַר דער אַלף —
נשמות און דורות ווארטן אויף זיי.

ס'באַגערן די מעשים — אויף זייער וואַנדער
הין און צוריק צווישן זינד און שטראָף —
צום נישט־אַנטפּלעקטן אות פאַר דער אלף,
צום נישט־אַנטפּלעקטן אות נאָך דער תיו.

עס ברומען צו זיי די באַגערן אַלע
ווי ס'ברומט צום קוואַלוואַסער דאָרשטיקע שאָף.
עס גלוסט צום אות, וואָס פ אַ ר איר, די אלף,
און ס'וויל צום אות, וואָס נ אָ ך איר, די תיו.

## נול, איינס, צען

דער טאָג האָט געשריגן לאַנג, לאַנג און דול,
געטראָטן, געדורס׳ט, דער רשע מרושע!
דער שטילקייט׳ס אויער איז אַלץ נאָך פול
מיט זיינע געשרייען — און זע: די ירושה,
וואָס ער לאָזט איבער דער נאַכט, זיין אַלמנה,
איז נול, איז נול —
דער קיילעכיקער נול פון אַ לבנה.

רייד איך צו דעם נול: ס׳איז דאָ אַן איינס —
וואויל איז צו דיר, אויב דו קענסט אים דערזען!
באַגער צו אים, נול, און ווער איינס מיט׳ן איינס,
ווערט דערפון צ ע ן,
די ספירות די צען — —
נול, דאַרפסט נאָר קענען דערזען!

דערזעסטו — ווערט ווידער געבוירן אַ טאָג,
שוין נישט קיין משוגענער שרייער,
אַ טאָג אַן אמת׳דיק נייער,
דער טאָג, וואָס וועט וועלטן באַנייען — —
נול, ווער אַן אין!

## ט אָ ל י ע

זי, אַ שטאָט־קינד, האָט געגאַפט,
ווען ס'איז גאָט'ס לאַכעדיקער בויגן
אַרויסגעפלויגן פּלוצלינג,
און, כאָטש אַ פאַרהאָנגענער, אַלץ נאָך געפלויגן.
דער בויגן האָט אַ שפּיל געטאָן אַ רגע
אין אירע אויגן —
פייכט, ברייט־אָפן.
בויגן און אויגן האָבן זיך געטראָפן,
זי און דער הימל האָבן זיך געטראָפן
אין יענער רגע נאָכ'ן רעגן.

די יאָרן מיינע זיינען זיך צעלאָפן,
צוואַנציק יאָר אַנטלאָפן,
נאָר אַז איך מאַך די אויגן צו —
זע איך יענע רגע זיך נאָך רגע'ן,
די רגע נאָכ'ן רעגן.

און עפן איך זיי ווידער,
ווייס איך: אירע אויגן
זיינען אויף שטענדיק שוין צוזאַמען
מיט דעם הויכן שטראַלנדיקן בויגן,
און איך, געבויגן,
גיי אַרום דאָ אונטן,
גיי נאָך אַלץ אַרום דאָ אונטן.

## די וואַשינגטאָן־בריק

לענג אוים דעם האָדסאָנ׳ס ברעג
אויטאָס — אונענדליכע סטאַיעס.
אויטאָס הין און צוריק.

אין האָדסאָן די כוואַליעס — הין און צוריק:
אונענדליכע סטאַיעס —
מאַנאַטאָנע מוזיק.

ביים ברעג — אַן אוראַלטער שטיין.
„איך ליג, איך ליג —
אַרום מיר
לויפט אַלץ הין און צוריק, הין און צוריק — —
כ׳בין מיט דורות צוריק
געווען אַן א י נ ד י אַ נ ע ר."

אַ לאַנגער גראָז:
„כ׳זע אויטאָס, וואַסער, בריק —
הימל, שטיין —
קען גאָרנישט פאַרשטיין —
וויג זיך אַ וויג נאָך אַ וויג,
הין און צוריק, הין און צוריק —"

די בריק
קוקט נישט אויף צוריק,
גייט אַהינצו, אַרויפצוצו.
אַ שמשון צווישן זיילן:
אָט צערייסט ער די שטריק —
און לאָזט זיך הימל־צו
מיט דער שטאָט ניו־יאָרק אויף די פּלייצעס.

1939

## אַריינפיר צום אַהין

בעטל־ווייבער פון גענשער בית־עולם
גייען ביי־דער־ערדיק, ווי געקראָכן,
שמעקן מיט טהרה־ברעט, וואָרעם און קנאָכן,
און אויף די צעקנוידערטע פנים׳ער
וואַקסן האָר ביי זיי — ווי מאָכן —
אין בינטלען.
די אויגן פינטלען
רויט־געצונדענע ווי גיהנמ׳ער.

אַ דאַמע, וואָס קומט אויף קבר־אָבות,
בענטשן זיי פאַר גראָשענע נדבות
מיט ברכות, וואָס קלינגען ווי קללות.
זיי לויפן איר נאָך,
ווילן נאָך און נאָך,
שרייען און ציען ביי די פאָלעס,
ווי זיי וואָלטן אַ נשמה אַ יתומה
געשלעפט צום מלאך דומה.

נישט ס׳בית־עולם־גראָז,
נישט דער ווינט, וואָס וויגט עס,
נישט די פאַרוואַקסענע מצבה די שטילע, —
אָט די געשפענסטער, די קרומע, די לאָמע,
זיי זיינען עם די הקדמה
צו יענעם אַהין,
וואוהין
דער טויט וועט פירן דיין נשמה.

דער אַריינפיר צו יענעם אַהין
איז נישט דער בוים, וואָס שפּראָצט אַזוי גלאַנציק־גרין
פון טויטן ביין אַרויס,
און נישט דער פויגל אויף אים,

וואָס דאַוונט פון אַ שטיל געוויין אַרוים
צום בורא־עולם, —
נאָר זיי,
די צעקנוידערטע, קנאָכיקע
ווייבער פון בית־עולם.

## פ אַ ר ב י י  אַ ן  אַ ל ט ן  ב ר ו נ ע ם  ג י י  נ י ש ט

פאַרנאַכט־צייט זאָלסטו נישט גיין פאַרביי
אַן אַלטן ברונעם,
טאָמער צעלאַכן זיך דאָרט אויפסניי
דערטרונקענע זונען.

וועסט אָפּגעשפּיגלט דאָרט זען די טעג
פון אַ זומער אַן אַלטן,
און קינדער, וואָס טאַנצן אַ קאַראַהאָד
אויף אַ פעלד אַ באַשטראַלטן.

און דו וועסט דערגיין, אַז ס'טוט גאָרנישט פאַרגיין,
און וועסטו אַוועקגיין —
וועלן מיט דיר אַ גרויסע פרייד
און אַ גרויסע שרעק גיין.

און שווער וועט דיר זיין צו לעבן דיין טאָג
און דיין נאַכט צו טרוימען:
די פרייד וועט דיך ברענען און ס'וועט וויינען די שרעק
ווי אַ ווינט אין קוימען.

1918

## לעבעדיקע און טויטע

עס ריידן סודות׳דיק און קלוג
אַלטע טיף־אויגיקע קאַנדוקטאָרן:
איר פֿאָרט מיט זיי אין דעם זעלבן צוג.
נאָר די מתים פֿאָרן
אין די ווייטע הינטערשטע וואַגאָנען.
מיר קענען זיי. מיר האָבן זיי געזען.
זיי זיינען גאָרנישט קיין פֿאַרשווינדער און פֿאַרפֿליער.
זיי זיינען פּונקט ווי איר, נישט מער:
זיי גייען אַראָפּ מיט אַ סטאַנציע פֿריער.

## שוין און נאָך

דער קלעזמער פרילינג שפּילט, עס טאַנצן זיינע זונען שוין.
אין בלאָטע פרייִלעך־שוואַרצער איז דער שניי צערונען שוין.
די וועלט האָט גאָט, גאָט האָט די וועלט געפונען שוין.

נאָר קיל זיינען נאָך אָוונטן, גערעקנקען נאָך
געוויין פון שטורעמס, זיינען בלייך און קרענקען נאָך.
זיי קענען גאָט די אַלטע פּיין נישט שענקען נאָך.

דער קלעזמער פרילינג שפּילט. עס טאַנצן זיינע זונען שוין.
אין בלאָטע פרייִלעך־שוואַרצער איז דער שניי צערונען שוין.
נאָר קיל זיינען נאָך אָוונטן. זיי זיינען בלייך און קרענקען נאָך.

די טעג פאַרגעסן שוין — די אָוונטן געדענקען נאָך.

# דער טויט דאַרף דאָס קישן

העי, שטיי אויף! איך דאַרף דאָס קישן! —<br>
רעדט ווער חוזק'דיק און האַרט. —<br>
ס'איז אַריבער שוין דיין שלאָף-צייט<br>
און אַ נייער בעלן וואַרט.

ס'ווערט דאָס קול אַלץ העכער, פּרעכער:<br>
קריך אַראָפּ! איך בין דער טויט!<br>
ווילסט, איך זאָל דעם קאָפּ דיר שניידן<br>
ווי מען שניידט אַ הייפּטל קרויט?

קרעכצט דער מענטש און קריכט אַרונטער,<br>
זעט: אַ לאַנד אַ נישט-באַקאַנטס<br>
קוקט אין שויב אַריין פֿאַרטאָגיק<br>
מיט אַן אָפּגרונט-גרינעם גלאַנץ.

ווינקט די טיר צו אים אַ בלייכע<br>
און דאָס לאַנד דאָס נייע גרינט.<br>
אויף זיין קישן — זעט ער — ליגט שוין<br>
ס'העלע קעפּל פון אַ קינד.

## דיין נשמה׳ס אויסזען

ווילסט וויסן ווי אַזוי דיין נשמה זעט אוים?
אויף זיך אַ קוק־טאָן דאַרפסטו בלויז.

זוך נישט אין וועלטן דריי הונדערט און צען:
גיי צו צום שפּיגל — וועסטו זען.

דער שורש אירער איז גאָט־ווייס־וואו;
אָבער איר אויסזען — דאָס ביסט דו.

## אומבאַקאַנטער בעטלער

געשטאַנען ביי דער וואַנט,
די האָר — ווי ביי אליהו׳ן בעת׳ן שטורעם,
נישט אויסגעשטרעקט די האַנט,
אַ תּפילה בלויז געוואויגן
אויף די שאָלן פון די ליפּן —
און טויבן זיינען אים געפלויגן
דורך די אויגן.

פאַר סדום אפשר געבעטן,
ווי אַמאָל אברהם.

צומאָרגנס — ווידער געגאַנגען אים זען.
כ׳האָב אים שוין מער ביי דער וואַנט נישט געטראָפן.
ווער איז ער געווען?
זיין שאָטן פאַלט ביז איצט אויף מיינע סטראָפן.

# דער בדחן דערזעט דעם מלאך־המות אויף דער חתונה

מלאך־המות׳ל, נישט וויין.
וואָס שטייסטו אין ווינקל איינער אַליין?
איך, דער בדחן, בין דאָ איינער,
וואָס הערט דיך וויינען, דו קליינער וויינער.
באַלד ווי מען האָט דעם כוס צעבראָכן —
ביסטו אין ווינקל דאָרט פאַרקראָכן
און מיט די פליגל פאַרשטעלט דאָס פנים,
געגומען באַוויינען די מחותנים
און די כלה, די שיינע גיטל,
און דעם חתן אין ווייסן קיטל,
און דאָס קלאַרנעטל, און דעם באַס,
און מיך, דעם בדחן, וואָס מאַכט דעם שפּאַס.

מלאכ׳ל, מלאכ׳ל, נישט וויין.
וואָס שטייסטו אין ווינקל איינער אַליין?
הבן יקיר לי אפרים —
גיי צום עולם און מאַך לחיים.
איך האָב געמיינט: ביסט אַ וואַזשנער מלאך,
גרויס און בייז ווי אַן אַלטער גלח.
ערשט דו ביסט אַזוי קליין און פראָסט
און זעסט אויס ווי אַ פייגעלע אויפ׳ן פראָסט.

הבל־הבלים, אייטל גאָרנישט,
קיין שום פּאָרל איז קיין פּאָר נישט,
אָבער פון צוויי וואַקסט אויס אַ דריטער,
און אַז די צוויי פאַרוויאַנען — בליט ער.
נפטר — פּיפּטער! דו כאַפּסט מיין מיין?
מלאך־המות׳ל, נישט וויין.

# סיגנאַלן

ווי ווייטע ביינאַכטיקע בליצן
בעת זומערדיקע היצן,
וואָס צינדן זיך אָן אויף אַ ווײַלע
(העלער ענטפער אויף אַ שוואַרצער שאלה)
און אַנטלויפן צוריק דורך דער שפּאַרע
פון אַ כמאַרע, —
אַזוי פאַלן
סיגנאַלן
איבער דעם ווייטן, נישט־קלאָרן
וועג פון די יאָרן,
איילן
אויף גיך צו באַשטראַלן
טונקעלע מײַלן,
פּנים׳ער שטרענגע פון שיקזאַלן,
דער פאַרגאַנגענהייט׳ס טויטע קאַנאַלן,
דער צוקונפט׳ס וואַקלדיקע שוועלן,
באַהעלן
דעם לויף פון שעה׳ן דעם פאַטאַלן,
זאָגן אָן,
זאָגן אויס —
און ווערן פאַרפאַלן.

דאָס גראָז איז פריש ווי הויט פון קינדער.
די זון פאַרגייט אין פרייד אין בלינדער.
אַ מת אַן אַלטער אין אַ צילינדער
גייט אויף אָוונט־שפּאַציר פּאַוואַליע
אין אַ געלייטערטער מעלאַנכאָליע,
מיד געלענט אָן אַ שטאָק אַ יוסטן.
צייטנווייז טוט ער אַביסל הוסטן —
ס׳אַ הוסט אַ גרינגער, אַ הוסט אַ גוטער.
צייטנווייז שטייט ער, באַטראַכט ער, רוט ער,
און ווידער גייט ער, און קוקען טוט ער
אַרויף צו אַ גאָלדענער פאַמיליע
פון וואָלקנדלעך (הייליקע אידיליע!)
און צו אַ רעדל פון פייגל העלע,
אַ בליציק־פאַרנאַכטיקע קאַרוזעלע,
וואָס דרייט זיך געשווינד און אַלץ געשווינדער —

**אַ מת אַן אַלטער אין אַ צילינדער.** — — —

# לערן פון אַ לאַמטערן

לערן פון אַ לאַמטערן,
ווי אַזוי צו ברענען אַ גאַנצע נאַכט.

געדולדיק זאָלסטו הערן:
ווי דער שכּור שעלט, ווי די זונה לאַכט,
ווי דער וועכטער שטעלט זיין טראָט דעם שווערן,
ווי דער גנב שלייכט, ווי עס פאַלן שטערן,
ווי עס פאַרטרויט דער גאַס זיין טרויער
אַ פענסטער וואָס וואַכט,
ווי אַ פאַרשפּעטיקטער קלאַפּט אין טויער,
ווי ס'ווערט דאָס טויער נאָך אים פאַרמאַכט,
ווי שאָטנס, וואָס ליגן אויף דער לויער,
מורמלען: גיב אַכט, גיב אַכט, גיב אַכט,
און ווי עס בויערט פאַרטאָג דער בלויער
אין שאַכט פון דער נאַכט, דער טיפער שאַכט —

אַזוי זאָלסטו האָרכן אַ גאַנצע נאַכט.

## בריגדיזי 1921

איןביידל מיט די שטראַלנדיקע אַפּעלסינען
שטראַלט אַ לעבעדיקער אַפּעלסין.
קאַראַ מיאַ,
כ׳בין דער פינסטערסטער פון אדמ׳ס זין.
אין די אַפּעלסינען און אין דיר
איז אַזויפיל זון פאַראַן, אַז איך פאַרליר
אַביסל פינסטערניש פון בלויזן קוקן.
וועסט נאָך מיין גאַנצע פינסטערניש פאַרצוקן.

אַז איך באַצאָל דיר — מאַכסטו אַזאַ זשעסט,
ווי דו וואָלסט דעם גאַנצן ים
געגעבן מיר אַ רעשט.
אַ בשר־ודם —
אין וועלכן בייטל זאָל ער עס, אַ שטייגער,
אַריינלייגן אַ ים?

ביים ליכט פון דיינע זונען, דיינע אַפּעלסינען,
וועט מיר אפשר קלאָר ווערן דער זין פון אַלע זינען.
ווער קאָן וויסן? אפשר איז־זי,
די אַנטפּלעקונג, צו געפינען
אויף דער אינזל, וואָס מע רופט ברינדיזי,
צווישן ים און אַפּעלסינען?
אפשר איז דער אמת אַזוי פשוט ווי דער שטיף
פון דעם פויגל אין דער בלויקייט אַרום מיר?

גיי, דערגיי, אַז כ׳מוז צוריקגיין אויף דער שיף.
כ׳בין דאָך נאָר אַ פּאַסאַזשיר,
וואָס איז אַרוים אויף אַ שפּאַציר.
אויף אַ שטיקל
צייט האָט מען אַראָפּגעלאָזט אַ בריקל.
וואַרט די שיף און ס׳רופט די בריק
צוריק.

# דער גלח שלאָגט זיין גאָט

אין טונקל פון דאָרפישן קלויסטער
קניט איינער אליין פאַר׳ן י ו י ז *)
אַ גלח אַן אַלטער, שווארץ און גרוים
ווי אַ גרויסער ראָב.
די אָקסלען ציטערן
אונטער דעם שווערן שטיינערנעם קאָפּ,
די ווערטער געוויטערן :
האַר און געביטער ! דאָמינע, דאָמינע !

נעמט זיך ביי יעזוס׳ן שאָקלען דאָס בערדל.
ער הויבט די פיס און לאָזט זיך גיין
צום אַרויסגאַנג. דער אַלטער גלח
לויפט אים נאָך מיט אַ געוויין.
קוואָ וואדיס, דאָמינע ? קוואָ וואדיס ?

ערשט ער זעט : ס׳איז אַ דאָרפישער ייד.
וואוהין ער גייט ? אויף אַ יאַריד.
ס׳איז — זאָגט ער — נישקשה פון אַ מהלך !
מען דאַרף פרנסה, אדני גלח,
פאַר ווייב און קינד... וואָס וועל איך שטיין
אַ פאַריוויזטער
ביי דיר אין קלויסטער ?

צעשרייט זיך דער גלח : צוריק אין שטיין !
צוריק אין שטיין !
אָט וועל איך דיר ווייזן ! דו גאָט, דו ייד !

ער שלאָגט זיין גאָט און שלעפּט אים צוריק.
אין טונקל זידט
אַ גרינע פליג.
דער יויז שטאַרט ווידער. דער גלח קניט.

*) יעזוס (פּויליש-יידיש).

## דערזעאונגען

איך האָב געזען אַ הונט: געהאַט האָט ער אַ פּנים
פון אַן אַלטן חשוב׳ן באַנקיר.
אים האָט אַ דאַמע אין מיטן גאַס
געפירט אויף אַ שפּאַציר —
און ס׳האָט נישט געזען נישט זי, נישט קיינער,
אַז ס׳איז אַ גלגול פון אַ באַנקיר.

געזען האָב איך אַ יידן מיט אַ גרינער באָרד —
און גראָד נישט אויף שאַגאַל׳ס אַ בילד.
דער אַלטער שניידער מיט דער גרינער באָרד
איז געגאַנגען פון קלויז און געשמייכלט מילד
אַ שמייכל פון טיפע זקנים.
אַ באָרד קען ווערן פון טאַבאַק באַגרינט —
נאָר איך האָב באַקומען דאָס אויג פון אַ קינד
און האָב מיך געוואונדערט,
הלמאַי עס וואונדערט נישט קיינעם:
דאָס שפּראָצט דאָך ביי אים אויפ׳ן פּנים —
איצט, ווען ער לעבט נאָך און וואַנדלט —
אַן אָנהויב פון יענעם געוויקס,
וואָס אין אים וועט ער ווערן
נאָכ׳ן טויט פאַרוואַנדלט.

אין אַ חולי-נופל׳דיקן אָוונט
האָב איך דורך בלאָטיקן וואַרשעווער שניי
געשלענדערט אַהיים,
אַ באַלאָדענער מיט וויי.
לויפט אַ בעטלער מיר פאַרביי — אַ שאָטן
אויף בושל-פים צוויי,
און, איידער כ׳באַוויז
דעם אָטעם צו כאַפּן, דערהער איך
אַ געשריי:

„אשרי תמימי דרך!
מיינט נישט, אַז ס'איז שוין עק וועלט, יונגערמאַן!
איר פרעגט, צי ע ר איז פאַראַן?
פאַראַן!"

און ער איז פאַרשוואונדן אין בלאָטיקן חושך,
דער הויכער אָרעמאַן.

## לאַנדשאַפט פון גנאָד און קינדהייט

קוק — און די אויגן לייטער!
ווי יאָרן פון קינדהייט ווייטער
פורפורט זיך אַ סאָד
אין אָוונט־הימל אויבן,
באַשאָטנט מיט גאָלד אַ שטאָט.

אַ מנין בליציקע טויבן
דרייט זיך אין אַ ראָד.

אַ הונט האָט פרום פאַרהויבן
דעם קאָפ צום מנין טויבן —
אַ זעל, וואָס וואַרט אויף גנאָד.

מערב־צו פאָרן שויבן
פון דער גאַנצער שטאָט.

עפּל פאָרן זיי קלויבן,
עפּל פון הויכן סאָד.

## זאַכן

וואָלטן מיר זון אין די אויגן געהאַט,
וואָלטן מיר געזען —
וואָס וואָלטן מיר געזען?
די גייסטער פון די,
וואָס האָבן געלעבט
אַמאָל — ווער ווייס ווען? —
ביי אונדז אין די הייזער.

וואָלטן מיר זון אין די אויגן געהאַט,
וואָלטן מיר געזען —
וואָס וואָלטן מיר געזען?
אַז ביי אונדז אין די צימערן
גייען זיי אַרום
מיט באָרוועס-שטילע טריט,
טיף-האָרכענדיקן אויער.

עס האַלט זיי דאָ געשמידט
די אייביקייט פון זאַכן,
זיי מוזן אַלץ נאָך לעבן
פון וועגן די זאַכן,
פון וועגן דער שווערער,
פון וועגן דער גאָלדענער
לאַסט פון די זאַכן.

# זון פון הארבסט

דאָס איז די זון פון הארבסט: אַט שפּילט זי אויף,
אַט טראָגן וואָלקנס וואָלקולאַקישע איר אַרון.
אַט ווערט זי — און אַט ווערט זי נישט. אַט פּילט זי
מיט וויין איר כוס — און גיט אונדז אַלע טרינקען.
און אַט פאַרזינקט זי — און מיר אַלע זינקען.

דאָס איז די זון פון הארבסט: דער אַ ל ץ אין פאָרם פון אַ קרייז.
דאָס נישט־זיין — אין דעם זיין, דאָס זיין — אין נישט־זיין.
מוזיק פון יאָ און ניין, פון איין־און־אויס.

דאָס איז די זון פון הארבסט: מוזיק, וואָס שטאַרבט
און טריאומפירט אויפסניי — און שטאַרבט צוריק —
דאָס איז די זון פון הארבסט: מוזיק, מוזיק — —

דאָס איז די זון פון הארבסט, די זון פון הארבסט.
עס פלאַטערט איר אַנטקעגן, ווי אַ האַרץ,
דאָס בלאַט, וואָס געלט —

עס איז די זון. ס'איז אַלץ. עס איז די וועלט.

# הינט און שטערן

שפּעט ביינאַכט אויפ׳ן לאַנד.
גאָרנישט זעסטו חוץ שטערן.
קענסט גאָרנישט הערן
אויסער הינט.

הינט מסר׳ן די ערד.
שטערן ענטפערן. וואָס ווערט
געפּלאָנט?
וואָס פאַרבינדט
הינט מיט שטערן,
שטערן מיט הינט?

אויבן און אונטן —
און וואו איז די מ י ט ?
דער מענטש וואו איז?
עס שווייגט זיין ליד.

אַוועק איז ער העט,
אין וועלדער פון שלאָף,
צו קאָשמאַרן
און זייער געזינט.

בלויז הינט און שטערן.
שטערן און הינט.

1935

# אַן ארץ־ישׂראל־נאַכט

ס'איז אין די הימלען שוין לאַנג פאַרפלויגן
דער דיינער רוף פונעם מועדזין,
און שטילקייט זיצט אויף די בערג פאַרשלייערט
און ס'ברומט אַ ווינט ווי אַ מידע בין.

עס גיסט די נאַכט איר בוימל דעם גרינעם,
גיסט אָן פאַמעלעך מיט אים די לופט.
דער פויגל דער אויבערשטער, די לבנה,
שוועבט אור־הגנוז'דיק צעכרוב'ט.

פון הימלען און היילן קומען כרוזים.
ווי אַ קאָפ פון אַ נביא הויבט זיך אַ שטיין.
צווישן פעלזן — ליכטיקע שאָטנס:
אַלטע נשמות פון בעלי־ח"ן.

געשרייען ווייטע פון יענער זייט צייטן.
כמאַרעלעך קושן אַן אייקאַליפּט.
ס'איז דאָ געפאַלן אַמאָל בר־כוכבא.
ס'האָט דאָ שולמית אַמאָל געליבט.

1922

# ארץ־ישראל לידער

## א.

### אויפ׳ן דאַך

אין הויכע עדה׳ס, פורפורנע געזעמלען
זאַמלען זיך שטערן און פלעמלען.
פון זאַמדן שטייען אויף און שפּאַנען
קאַראַוואַנען
קעמלען:
די האָרבן וויגן אַ שטיינערנעם תנ״ך.
אין שאָטן גריזשעט נאָך אַ הונט איזבל׳ס ביינער.
צווישן שטיינער
האָגלט נאָך דעם נביא׳ס האַרבע שפּראַך.

פון וועלכע וועלטן בין איך דאָ געפאַלן אויפ׳ן דאַך?
אויך איך בין איבערחזורונג פון גאָר אַן אַלטער זאַך.
עס קען מיך די לבנה.
ס׳פירן מיר די קעמלען אַ מתנה
דעם שטיינערנעם תנ״ך.

ב

# אַ גלגול

גאָט-לאַנד! נישט אַנדערש: איך בין אַ גלגול
פון דיינעם אַ פּאַרציטישן זינדיקן שר.
כ׳האָב ווייבער געקויפט און האָב געזויפט,
געלאַכט פון נביאים און זייער צער.

דערפאַר איז געגאַנגען מיר קאָפּ־אַראָפּ...
כ׳בין געוואָרן אַ נישט־פאַרגאָסענע טרער.
דורך הערצער פון קינדער בין איך געגאַנגען
ווי אַ בייזע מעשה וועגן אַ בער.

כ׳האָב זיך געוואַלגערט אין פרעמדע תפילות.
אין ווייטע לענדער געטאַנצט אויף אַ שטריק.
נאָך אַ גלאָבאַלן גלגול־מחילות
קום איך צוריק.

שאַקאַלן וויינען דאָ אָפּ גאַנצע נעכט,
דערנאָך קומען זונען אָן און לאַכן.
ווייטע קרובים זוך איך אין אויג
פון אַלטע פּעלאַכן.

טיף זיינען די נעכט דאָ, ווי די שפּיגלען טיף,
וואו מע דערזעט אַ מת ביים חצות־שיין פון אַ ליכט,
און ביי טאָג בין איך אַ גרייז אין דיין ספר־תורה, לאַנד:
ווער קומט און פאַררי כט?

## בית־לחם

אויף זאַמדן ווייסע פּאַלט אַ שאָטן אַ בלוי־דינער
פֿון קעמלען, שטאָלץ באַצירט מיט מעש־גלעקלעך, וואָס ציטערן.
די פּעלדער דאָ, די בערג — ס'איז שטילקייט זייער היטערין;
זי וויגט און שלעפּערט איין דעם ווינט דעם בעדואינער.

געטראָטן האָט דאָ רות, די שעמעוודיקע שניטערין:
שטיל קלינגט פֿון איר די זון, דער גאָלד־צוברענטער דינר
אין טעלער פֿון די הימלען; זיתים גרינען גרינער
און אויבן טוען וואָלקנס לוסטיקער זיך פּיטערן.

די שענסטע טאָכטער מואבֿ'ס איז אַמאָל געגאַנגען דאָ,
און ס'האָבן אויפֿ'ן וועג, פֿון אונטער די טליתים,
אָן ווערטער זייער ברכה איר געגעבן זיתים.

די גערשטן־פּעלדער לייכטן האָרכעדיק. אַזוי איז
פֿאַרהאָרכט געווען די וועלט, ווען צווישן זון און זאַנגען דאָ
האָבן זיך באַגעגנט רות און בועז.

# אומזיסט

אין חלום קוש איך פרום,
קוש פרום,
אַ מיידל, וואָס וועט בליען
אין הונדערט יאָר אַרום.

די מיידלעך פון מיין צייט —
שאַמפּאַניער שוימיקער אויף אייז.
יענע וועט אַ קאַרשנגאָרטן זיין,
אינגאַנצן ווייס.

אַרוים וועל איך צו איר פון צווישן אותיות —
געשטאַלט מיט שאָטנדיקע גלידער —
בעת זי וועט אויפמישן אַ לידער־בוך
(מע וועט דאַן ווידער לעזן לידער).

„לאָז מיר שטיין געפאַנגען אין דעם ווייסן עיגול
פון דיין געזיכט.
פאַרטרייב מיך נישט פון אָט די אותיות.
יאָג מיך נישט פון מיין געדיכט.

מיט הונדערט יאָר צוריק האָט עס מיין האַנט געשריבן.
וואָס איך וויל? אָט גאָרנישט. כ׳זע: דו בליסט. — —
געווען אַמאָל אַ מעשה מיט אַ מענטשן.
ער האָט געלעבט אומזיסט".

# הילולא אין מערב

אין מערב צינדט מען אַ הדלקה,
דאָרט פּראַווען שׂרפים אַ הילולא.
די פרייד, וואָס ברענט דאָרט, איז אַ פאָר־שפּיר
פון עולם־הבא און גאולה.

די שׂרפים לאָזן דאָרט זיך וואוילגיין
אין אָט דעם אָוונט פון סוף זומער,
דערפרייען הערצער פון צדיקים,
וואָס טרינקען יין־המשומר.

עס וואַרפט אַ שׂרף יעדע רגע
די שׂרפים צו אַ האַרבע שאלה,
און ס׳פּלאַצן פּורפּורנע געלעכטערס,
חידושים פליען יעדע ווײַלע.

אָט איז אַ פריילעכע מכילתא,
אַן אש־להבה׳דיקע ברייתא.
עס לאַכן רויטע בעלי־תוספות:
דו הער, דו הער אָקאָרשט אַ מעשה!

צדיקים טרינקען וויין און קוועלן,
עס וואַרטן תיקום, פאַקלען פינקלען.
עס וואַלגערן זיך די־לחכימא׳ס,
ודוק׳ן ווינקען פון די ווינקלען.

ביז סע דערטליען לעצטע סברות,
פאַרענטפערט ווערט אַן עולם־מלא,
און ס׳לעשט זיך אומעטיק דער מערב.
ווי יידנ׳ס הערצער נאָך הבדלה.

# ש ר פ י ם

(נאָך יעזשי זשולאַווסקין)

צעהיצט ווי יונגע בלוטן, אָנגעטאָן אין רייכן
לבוש פון זיינע נעפלען, שליידערט ער די וועלן
און שווענקט מיט פלאַם דעם הימל׳ס לאַכעדיקע שוועלן,
דער רויטער טייך־די־נור, דער בראַנדיקער פון טייכן.

ער שפּילט ווי דוד׳ס פידל בעת דעם נאַכט־ווינטס ווייען,
ווייל שרפים פיל געבוירט ער, זינגיקע, צעגליטע,
קאַפּעליע נאָך קאַפּעליע, כיתה נאָך אַ כיתה:
זיי הענגען איבער אים, גאָט לויבנדיק אין רייען.

גאָט הערט. נאָר שטאַרבט דער טאָג אָפּ, הויבט זיך אויף אַן אָרעם,
דערטרינקט אין טייך די כיתות זינגענדיקע שרפים
און — לעבן, לעבן שענק אונדז, — רופן די נשרפים, —
אַ טאָג, כאָטש נאָך איין טאָג באַווייליק אונדז צו באָרגן!
אַ שעה! — זיי פאַלן טיף אין פייערדיקע קברים.
פאַרפאַלן! נייע מחנות וועלן אויפשטיין מאָרגן...

1921

## אַ שיין מאָראַליש ליד
## פון חנה׳לע דער משומדת

(אין דיאַלעקט)

אוי, אַנימלט, אַנימלט,
אַז חנה׳לע די מעשימאַידעס
איז געוואָרן אַנדרימלט,
זענען די באָבעס מיט די זאַידעס
געקומען מיט אַ געשראַי:
אַז אָך און אַז וואַי!
חנה׳לע, וואו ביסטו?
חנה׳לע, וואָס טיסטו?
חנה׳לע, חנה׳לע!

און ווי חנה׳לע איז פון שלאָף אָפגעקימען,
אַזוי איז זי געלאָפן צום טאַך זיך טרענקען.
וואַסער, וואַסער, טו מיין זינד
אַרונטער פון מיר שווענקען.
וואַסער, וואַסער, צוואָג מיין לאַב,
דאָס שמד-וואַסער פאַרטראַב!
חנה׳לע, וואָס טיסטו?
חנה׳לע, וואו ביסטו?
חנה׳לע, חנה׳לע!

און ווי חנה׳לע איז דערשווימען און אויף יענערוועלט געקימען,
אַזוי איז דאָס וואַסער פון אירע צעפּ גערונען.
אַ גראָים געוואַין האָט זי געוואַינט
און איר לאַב האָט געלאָכטן ווי זיבן זונען.
חנה׳לע, ניש׳ וואַין!
אַצינד ביסטו ראַין,
חנה׳לע, חנה׳לע!

# אור-אַמאָליקע באַקאַנטשאַפט

יענער פאַרנאַכט ביי דער ווייסל'ס וואַסער
איז פאַר מיר געווען
אַ גלגולים-פאַרנאַכט אַ פאַרצייטישדיק-צפת'ער.
ביי איר אין די אויגן האָב איך געזען
זיך שפּיגלען אַ ווייטע לאַנדשאַפט.
אַ, אור-אַמאָליקע באַקאַנטשאַפט!

# ליד פון אַ מקובל

אונטן וויינען וואָכן־טעג,
ס'געוועלטיקט קליפּת פּרעה.
האָב איך מיך פאַרקליבן
אין אַ הויכער כמאַרע.

עפנט מיר אַ שפּאַרע,
אַ שפּאַרע אויף די כמאַרע
און אַנטפּלעקט אַ מראה מיר,
אַ פּלא'דיקע מראה.

בן־דוד דער געפאַנגענער
הויבט זיך פון דער נאַרע.
ברעכט די קייט, טוט אָן די קרוין
אין קדושה און אין טהרה.

זינגט לכו נרננה!
ציטער, קליפּת פּרעה!
וואָכנטעג, איר וואָכנטעג,
דעם שבת מאַכט אַ וואַרע!

## אַז דער אַהרן שלאָגט דעם אַהרן

פון קידער־ווידער וואַקסן לידער,
פון דיסאָנאַנסן — סטאַנצן.
אַז דער אַהרן שלאָגט דעם אַהרן,
גייען די שירים טאַנצן.

ווען קאָן ערן, וואָס איינער אַן אַהרן
וואַרפט זיך אין פּאַראָקסיזמען?
אַבי די גראַמען טוען גראַם־שטראַמען,
אַבי ס׳באַקומט זיך אַ פּזמון.

## איבער דיין קבר וועט הימלען

אויף אַ שווערן זילבערנעם שלאָס
פאַרשליסט לבנה די הימלען.
זיץ אויף דער ערד, פּראַווע חצות,
וואַרט נישט אויף וואונדער און אות.
אויף אַ שווערן שלאָס
זיינען פאַרשלאָסן די הימלען.

אויסגיין וועסטו ביינאַכט.
ס׳הענגט אַ שלאָס אויף די הימלען.
מאָרגן טוט רויט אַ שאָס
די זון, האַקט אַראָפּ דעם שלאָס —
און עפנט צוריק די הימלען.

איבער דיין קבר וועט הימלען.

האַוואַנע, 1940

## צו גאָט געהערט די נאַכט

גיי צייכן אויף, דו ווייסער,
גיי צייכן אויף צוויי שורות,
און זאָלן זיי אַ קלינג־טאָן
און אָנזאָגן גאָט׳ס בשורות:

צו גאָט געהערט די נאַכט,
צו גאָט געהערט דער שטן!

נישט בלויז די זיסע כרובים,
וואָס ברומען ליב ווי בינען,
נישט בלויז דער טאָג געהערט אים
און זונען ווי רובינען, —

צו גאָט געהערט די נאַכט,
צו גאָט געהערט דער שטן!

געשריבן שטייט אין הימל
מיט בוכשטאַבן פון פלאַמען,
געשריבן אויף דער כוואַליע
אין אָבגרונט פון די ים׳ען:

צו גאָט געהערט די נאַכט,
צו גאָט געהערט דער שטן!

אין אחרית־טעג, ווען ס׳פאַלן
דעם שטנ׳ס אַלע מאַסקן,
באַקומט דער מענטש פון שטן
זיין גליק צוריק, זיין משכון.

צו גאָט געהערט די נאַכט,
צו גאָט געהערט דער שטן!

1923

## בראשית

אזוי האָט געאַזוי׳ט,
אַז מענטש האָט אָפּגעמענטשט.
די ערד ליגט טויט.
דער הימל פּרירט. ווער דאַרף דעם בלייכן רך-הנולד —
דעם מולד?

איבער רויכיקע רואינען — צוויי:
אַ הויכער שטריימלדיקער ייִד, אַ גאַליציאַנער
פֿון ארום ריישע אָדער קאָלאָמיי,
און קעגנאיבער —
אַ מלאך מיט אַ צפֿון-ליכט-געזיכט,
פֿאַרשטאַרט אין מאַיעסטעט פֿון וויי,
עלעגיש-טעאַטראַליש.

דער מלאך — אָן אַ ציטער.
אין פּראָסט פֿון זיינע פֿליגעל שטייט ער
אַ געשמידטער.
נאָר דער צווייטער —
דער ייִד פֿון אַרום ריישע אָדער קאָלאָמיי —
גלייך צום מולד גייט ער
און זינגט זיך אונטער בשעת-מעשה.
מע דאַרף, זאָגט ער, איבעראַניים
אָנהויבן די מעשה.

1936

## פון אומבאַקאַנטקייט טיפער

איך האָב געלעבט ווייט אינזיך,
נישט דאָרט, וואו איך געפין זיך.
די זײַאונג, די פּאַראַנונג —
איז מיר געווען בלויז אַנונג.

מע האָט דעפּעשן מיר געשיקט
פון אומבאַקאַנטקייט טיפער.
איך האָב זיך יאָרנלאַנג געמיט,
אויפצודעקן דעם שיפער.
איך האָב זיך יאָרנלאַנג געמיט,
און בין שוין מיד, און בין שוין מיד
פון טייטשן און פון טרעפן.

אָ, ליבסטע מיין, איך האָב דיך ליב,
איך הענג אינגאַנצן אויף דיין ליפּ,
איך ציטער אויף דיין קליינער האנט!
נאָר אויך דו, אויך דו, אויך דו,
דו ווערסט פון מיר געאַנט,
ווערסט בלויז געאַנט.

1928

# צייכן מיט מענטשן־כתב . .

צייכן מיט מענטשן-כתב
ווערטער אַזוינע אויף:
אַלע פאַרקערטקייטן
זיינען פאַרשטעלטקייטן;
זאַך וויל דערפרעגן זיך
נאָר צו איר קעגנזאַך.

אַלע פאַרקערטקייטן
ווילן זיך אויפדעקן:
רייניקונג, אייניקונג,
אייביקונג ווילן זיי.

אַלץ, וואָס טוט פאַרקומען,
דינט דעם באַגער מיינעם:
ס'זאָל זיך באַגעגענען
זאַך מיט איר קעגנזאַך.

ס'נעמט פון די שוואַרצקייטן
פורפור זיך אויספּיקן,
ווען די פאַרקערטקייטן
טוען זיך אָנקוקן.

יאָג פון זיך טרויערס אָפּ,
דעק בלינדע שלייערס אָפּ!
הינטער די דוכטונגען
איינציקט מיין איינס.

1925

# אַרויס

פֿאַלט איין אַ מענטשן מיטאַמאָל:
ער איז אַ קרוב פֿון די מייז אין מויזלאָך.
אַלץ ווערט נידעריק, שוואַרץ און שמאָל —
נישטאָ זיך וואו אַ קער־צו־טאָן.
עס העלפֿט נישט קיין שום תּירוץ:
הענט ווילן פֿיס ווערן.
נישט פֿיס, נאָר פֿיסלעך פֿון אַ שרץ,
וואָס ווילן פֿאַרקריכן וואָס גיכער
אונטער אַ שאַנק מיט ביכער.

פֿייפֿערייַ אין שוואַרצן רים —
ביסט צווישן מייז אַ מויז.
און נאָך נידעריקער ציט,
צום שפּאַלט דעם ענגסטן,
שפּאַלט פֿון נישט.

דאָס שטערט דיר נישט למראית־עין
צו זיין אַ לייט מיט לייטן גלייך.
טאָמער פֿרעגט דיך מלאך־דומה —
וואָלסטו ענטפֿערן געוואוסט:
אַזוינער און אַזוינער,
באַוואוינער
פֿון דער און דער־אַ גאַס,
אַ שרייבער, אַ ייד — וכדומה.

נאָר אַז דו ליגסט שוין טיף פֿאַרקנוילט
אין עכּבר'דיקן לאָך,
און קיינער, קיינער אַרום דיר,
נישט ווייב, נישט קינד, נישט חבר,
קיינער ווייס נישט פֿון דיין טראַף —
גיט עפּעס אַ פּאָך.

ס׳קאַצל קומט — אַ גאַסט!
גאָרנישט דער לעצטער!

גאָרנישט זאָגט צו גאָרנישט: ניין.
ניין, געזאָגט צו ניין, ווערט יאָ.
דער שפּאַלט ווערט ברייט,
ער ווערט אַ טיר.
אוים
מויז.
קיינער ווייס נישט, אַז דו ביסט אַרוים.

## צוזאַמענזיין אין דער מינוט

מיין צימער קוקט מיך אָן: כ׳שטעל אַפּ אינמיטן
דאָס שפּאַנען, וואָס איך האָב נערוועז געשפּאַנט,
און שטיי געפּלעפט. עס בלענדט מיך די אַנטדעקונג
פון עפּעס, וואָס איז מיר אַזוי באַקאַנט,
אַז כ׳האָב עס פונדאַסניי געמוזט אַנטדעקן.

שאַ, — רוף איך אויס. — כ׳בין דאָ. איך בין פאַראַניק!
געכאַפּט האָב איך ס׳פאַראַן-זיין ביי דער האַנט!
מיין לעבן רגע׳ט, איינגעוועבט אין אַלעם,
וואָס רגע׳ט איצט — אַ צ י נ ד ע ר — און פאַראַנט
סיי אונטן, סיי אין אויבערשטע גלגלים.

מיר טרעפן זיך אין שוים פון אָט דער רגע,
מיר טרעפן זיך אין האַרץ פון אָט דעם „אָט״ —
און מיר צוזאַמענען אין איין פאַראַן-זיין:
איינשטיין אין פּרינסטאָן, אין וואַלקן — דער פּילאָט,
דאָס קינד אין פּאַרק — און גאָט.

1943

## גװוּעזנקייטן

מײַן חוב זײַט איר דער נאַכט — און איך באַצאָל אים,
אַ חלומות, בילדער פון פאַרגאַנגענע
לעבנס און גורלות,
מכשפים פלינקע, אַקראָבאַטן שלאַנגענע!

װען איר װײַזט מיר מיט דער לאַגיק פון אַ חלום
פײַערדיקע מײַז, װאָס עסן אויף גיגאַנטן —
װײס איך װאָס דאָס איז, דערקען איך װאָס דאָס איז:
ס'איז כראָניק טראַגישע פון אור־װעלטן.
כ'דערקען דעם טויט־געשרײַ פון יעדן ריז.

צום הימל אַרויף שמע־ישראל'ט אַ דאַך,
בלוט ברענט אויף אַ האַק:
אין צײַטן פון גזירת־ת"ח
האָט מיך צעהאַקט אַ האַידאַמאַק.

הײַזער הויבן פליגלען אויף און שרײַען —
פרויען מיט לאַנגע פלעכט
װאַרפן זיך װי שלײַען,
שטראָמען אַרויס פון זיך פורפורנע נעכט —
גײַסטער אין העמדער װאַרטן
דרויסן בײַם פענצטער אין נעפּל העל־צאַרטן,
רײַדן מיט הענט אויף אַ שפּראַך מאָדנע פריש,
אַ שפּראַך מאָדנע קלאָר —
(כ'האָב זײ געזען צו פופצן יאָר,
װען כ'בין כלאָראָפאָרמירט געלעגן אויף אַ טיש
און מ'האָט מיך געשניטן).

נאַכט, װען דײַנע אוראַלטע מיטן
הויבן אָן דערצײלן
אין דער אומרו פון דײַן רו

מעשיות פון הימלען און פון היילן,
ליגט מיין גוף און הערט זיך צו
צום חלום׳ס טיפן פלוידער.
אַ, שוידער
פון צוריקגעקומענע געוועזנקייטן.

כאָטש כ׳ווייס, אַז גנאָד איז דאָס העכסטע געזעץ
און אַז אַלע וועגן, אויך די שרעקלעכסטע,
וועלן ביים סוף זיין באַזוימט מיט מאַי־בלומען, —
פונדעסטוועגן קאָן איך מיין פּחד נישט בייקומען,
ווען ס׳קומט מיר אויפ׳ן רעיון, אַז אין קומענדיקן גלגול
וועלן די חלומות מיינע אָפּשפּיגלען אַ לעבן,
וואָס איז צענויפגעשטעלט געוועזן פון טויזנט שטיקער,
אַ לעבן פון איינעם, וואָס האָט פאַרזוכט גאָט׳ס וויין —
און נישט געוואָרן שכור.

יאַנואַר, 1933

# וועגן זיך

כ'בין מעטאַפּיזיקער און זשורנאַליסט:
איך זוך דעם גראַם
פון אייביקייט מיט מיסט.

איך בין די גאָטבאַדערפטיקייט פון אַ כופר,
די מעלאַנכאָליע פון אַ הומאָריסט.

איך בין אַ לץ:
די ווירקלעכקייטן מיינע
טרייבן חוזק פון די ווירקלעכקייטן אייערע.

אין מיר איז דאָ אַ טווּמער,
וואָס קוקט זיך צו
ווי איך, דער לעבעדיקער, לעב.

איך בין סעקטאַנט,
וואָס קאָן צו קיין שום סעקטע נישט געהערן.

עס וויל מיין אויג זיך צוקוקן צום קוקן.
מיין אויער וויל זיך צוהערן צום הערן.

ווייל דער המון איז חושד יעדן יאָ —
בין איך מיך נוקם אָן די קלוגע ניינען.

הויך איבער ווערטער און זייערע מיינען
וויל איך ווי אַ שטערן צינדן
אָן אויג אַ ניים, אָן אויג אַ דריטס:
דאָס דריטע אויג פון דעם בלינדן.

1931

# ג ע ב ע ט

די שטראַלנדיקע כתרים
טו, שכינה, ווידער אָן,
שטרעק אויס צו אונדז דיין אָרעם,
שטעל ווידער אויף דיין טראָן.
געשטאַרקט האָט זיך דער צ פ ו ן,
די דינים און די שטראָפן.
ווען ברעכסטו גזר און דין,
דערבאַרעמסט דיינע זין?

פלעגסט זאלבן די תתאין
פאַרצייטנס מיט דיין איל.
דו האָסט צו בר־יוחאי׳ן
גענידערט אין אַ הייל:
האָסט אָנגעטאָן דיין קרוין אים,
פאַרבונדן מיט עליונים,
מיט מוטערליכע הענט
צום חשמל אים דערנענט.

דערנאָך האָט דיך פאַרלוירן
די אומה אָן אַ דאַך,
ביז ס׳האָבן דיך געבוירן
די בלוט־ימ׳ען פון ת״ח.
גענאַרט האָט שבתי־צבי דיך,
אין קייטן שיר געשמידט דיך.
פאַרהאַלטסט זינט דאַן דיין גאָב
און שטראַלסט נישט מער אַראָפּ.

זאָג: וואוינסטו נאָך אין „זוהר״?
פאַרנעמסטו תיקון־חצות?
עס איז צו דיר דער טויער

שוין דורות אויפ׳ן שלאָס.
פון מלכות ביסטו, שכינה,
אַרויף צו מאַמע בינה,
און ווייזסט זיך נישט און האָסט
אונדז, שטן־קנעכט, פאַרלאָזט.

נאָר איז די ערד מגושם
און איז זי דיך נישט ווערט —
וואָס ביסטו אָן לבושים,
אָן כלים פון דער ערד?
אַ רויז אין הויז פון קונה,
שושנה העליונה,
דערלאַנג אויף איר אַ גאָס
מיט ריחות פון דיין כוס!

די קראַנקסטע פון עפּאָכן —
זי ווײנט צו דיר אַרויף:
„איך לויף פון בראָך צו בראָכן —
און ווער שטעלט אָפּ מיין לויף?
דעם שטן׳ס שטאָלצע תיפלה׳ס
צושטער — און גיב מיר שיפלות.
מאַך דינים רויטע ווייס,
דיין אָנגעזיכט באַווייז!״

1918־19

## י י ד ן
(זוהר־מאטיוו)

פאַרוואָס שאָקלען זיך יידן ביים לערנען?
פאַרוואָס וויגן נישט יידן וואָס רו איז?
די גויים טוט עס דערצערנען:
זיי שפּעטן פון אונזערע תנועות.

— תא חזי, מיין קינד, תא חזי:
די אומות דינען צום חומר.
זיי זיינען רואיקע בוימער:
טיף אין דער ערד טוט זיך פיטערן
דער פעסטער גויישער שורש.
אָבער יידן, ווען ס'איז אין גאָט'ס וואָרט זייער מי,
צינדן דעם הימל'ס מנורות,
און אז די פלאמען די אויבערשטע ציטערן —
שאָקלען זיך אונטן די קינדער דער תורה'ס.

# אני מאמין בביאת ישראל

אונטער די יידישע חורבות קוים-קוימט
דער גואל. ער מורמעלט: אף-על-פּי — כאָטש,
שיתמהמה — ישראל זוימט
אַזאַ גרויסן פּאַרזוים,
חכה אחכה לו — וואַרט איך בכל יום,
שיבוא — אז ס'קומט ישראל צדקנו
און ציט מיך פון אונטער די חורבות אַרויס.
במהרה בימינו, במהרה בימינו
קומט ער, ישראל, און לייזט מיך אויס,
קומט ער, ישראל, און גיט מיך אַ הויב.
אני מאמין, אני מאמין בביאת ישראל!
איך ליג און איך וואַרט אין שטויב.
איך ליג אין אַש און איך גלויב.
איך ליג אין טויט און איך ברום:
ישראל צדקנו,
קום!
ישראל גואלנו, קום!

### צו־גאַסט

א וואַרשעווער לידל
אַ סענטימענטאַלס,
ווי ערשט פון אַ פידל,
ערשט פון אַ זאַל׳ס
אָפענע פענצטער,
לאָזט זיך מיט האַסט
לויפן נאָך מיר
אין ניו־יאָרק אויף אַ גאַס.

— געדענקסט? ס׳פלעגט זי
אַמאָל מיך זינגען —
אין יאָרן יונגע,
אין יאָרן גרינגע.
איבער די יאָרן
בין איך געשפרונגען
און זינג אַזוי
ווי זי האָט מיך געזונגען,
איך, דיין גאַסט.

—וואָס זינגסטו, וואָס ווילסטו,
לידל, דו לידל?
אלץ איז פאַרביי שוין,
אַלץ איז פאַרגאַזט.
אויך זי איז ניט מיינע —
מיט בראַנדיק פייער
איז זי פאַרקנס׳ט.

— אין יאָרן יונגע
בין איך געבליבן,
צו יאָרן שפּעטע
האָט מיך געטריבן
קומען צו־גאַסט.

און ס'לידל זינגט ווייטער.

1945

# ווייל ס׳איז דאָ אַן ענטפער

אַלץ פרעגט אויף אָט דער ערד. עס פרעגן
וואַנדערער און וועגן.
— אויב ס׳טוט דיר ווי אַ האַנט, אַ פוס, אַ צאָן
הער דיך איין: זייער פיין איז אַ פרעגן.

פאַרטאָג נאָכן באַל
פרעגט דער זאַל
ביי פאַרוואונדערטע טירן.

— ס׳איז אַ גאָלדענער אינזעקט אַרוים שפאַצירן
האָט אים באַגאָסן די־די־טי.
ליגט און פרעגט
אַזוינס, וואָס איז געווען אינזעקט.

דעם קאָפּ צו די קני
— זיצט מידע מי
און פרעגט.

ס׳פרעגט ביי גרעזער אַ קו.
שויבן פרעגן ביי אַ רעגן.
— ווען ס׳זאָל ניט זיין קיין ענטפער ערגעץ־וואו
וואָלט ניט געווען קיין פרעגן.

אַלץ פרעגט דערפאַר,
ווייל אויף אינזעקט און פילאָזאָף
וואַרט ביים סוף
דער ענטפער.

## אַ זון אַ צווייטע

די אַרויפגעהויבענע ברעם
פון אַ וואַלקן, וואָס גליט אין־דער־קרים,
ציטערט איבער׳ן אויג פון דער אָוונטיקער זון.
אין אָנבליק פון דעם מערב׳ס גרים
האָט ס׳אויג זיך פאַרטראַכט. וואָס טראַכט עס ?
דעם מערב׳ס צאַרניקער שאול־תחתית
פּלאַצט מיט אַלע פייערן דער סיטרא־אחרא׳ס.
נאָר איבער׳ן וואַלד
שטראָמט אַ גרינער פאַס,
דעקט אויף דעם זוים
פון אַ יענע־זייטיקער גאַס,
וואו אַ זון אַ צווייטע דאַוונט שחרית.

# ערד, וואולקאַן און דממה-דקה

**וואולקאַנ׳ס קול:**

וועז ס׳הויבט זיך אָן דער ערד צו דאַכטן,
אַז גרונט-פעסט איז איר וואוין און יוסט
און ס׳הויבט זיך גאוה׳דיק איר ברוסט —
היים איך מיין צאָרן דעם צעקראַכטן
זי צו באַפאַלן און פאַרוויסטן.
כ׳פאַרטראָג איר שטאָלץ נישט, דעם אומזיסטן!
איך משפט זי, די פרעכע חוה,
מיט לאַווע.

**ערד׳ס קול:**

שנעל קום איך צו זיך —
און ווידער ב י ן איך!
ווידער גרין איך
און ס׳בליט מיין דיך.
וואָס קענסטו מאַכן?
ווידער לאַכן
מיינע ברוסטן
אין דער זון.
כ׳גורט אָן מיין לייב
מיט פרישן כח.

שטעט פאַשלינגסטו —
נייע בוי איך.
קינדער טויטסטו —
קאָנסט גאָרנישט מינערן:
נייע געווין איך,
איך, די געווינערן.

קינדער׳ס קול:

שלעכטע מאַמע,
ברענגסט קינדער נייע,
נייע און נייע —
דעם טויט צו שטייער!
פאַרוואָס האָט געקומט אונז
אַ טויט פון פייער?
פאַרוואָס אַזאַ טויט?

שטנ׳ם קול:

פאַרשעלט זיי ביידן:
ערד — פאַר געבוירן,
וואולקאַן — פאַר טויטן.
פאַרשעלט די געבורטן,
פאַרשעלט די טויטן!

דממה־דקה׳ס קול:

טויט איז נישטאָ —
ס׳איז בלויז אַ פאַרגלייך.
מיין אָרעם באַנייט,
ווען ס׳קומט די צייט,
יעדן איינעם פון אייך.
איך טו אייך שיקן,
קינדער, צוריק:
איך דאַרף די צוריקן
פון וועגן דעם תיקון.
אַזוי לאַנג פאַרריכט איך,
שמיד איך און גלי איך,
באַהעפט און פאַרבינד,
ביז כ׳בין מתקן
דאָס קינד משיח,
פון קינדער דאָס קינד.

## דעם מקובל׳ס שלאָף־געזאַנג

ווי רויִקע עמערס
אין אַ ברונעם
שלאָפֿן תּיקונים.

מיט אָפֿענע אויגן
חלומ׳ען אורות.
ס׳דרעמלען צינורות.

ווי קליינע קינדער
מיט׳ן קאָפּ אויפֿ׳ן אָרעם
שלאָפֿן איין כּתרים.

קליפּות רוען
און זעען אין חלום
מלאכי־ השלום.

עס האָבן דינים
אויפֿגעהערט שטראָפֿן:
ווי שטיל זיי שלאָפֿן.

ס׳פֿליט אַראָב און אַרויף
און באַוואַכט זיי אַלע
אַ העלער כּי־טוב.

# בלינדער און קינד

דער בלינדער פידלשפילער גייט אהיים.
די פידל הענגט אראָנטער ווי דער קאָפּ
פון אַ געשאָכטן עוף.
דער טאָג דערלויפט צום סוף.

פון מערב ווינקט צום קינד אַ וואָלקן אָנגעטון אין גאָלד,
אַ פריילעכער וואָלקן מיט אַ רויטן טראָלד.

וואָס אַזוינס מורמלט
אין דערבייאיקן ראָוו?
דאָס קינד זעט דעם פריילעכן וואָלקן,
דער בלינדער — דעם סוף.

# צו מיין פּאָטער — קעגנאיבער

אַזאַ מיליאָנען־קאָליריקע יידישע גאַס
פון יענער זייט וועלט,
פון יענער זייט פייער און גאַז,
פון יענער זייט טויט:
אַזאַ גרויסער ברוויזיקער עלמא־דקשוט!

אויף דער זייט — אַן אַנדער גאַס!
גאַס פון אומלעבעדיקע יידן,
גאַס פון בלע״ז,—
נאַכט איז זי און קלאַפּעריי פון טויטע ביינער.
וואָס העכער די ביינער הילכן,
אַלץ שווערער דאָס שטומע פאַרשטיינער.

פון דאַנען קוק איך אַריבער
אַהין, קעגנאיבער,
צו דער כ נ ס ת:
וואו יעדער מת איז
צאַפּל און אָטעם.
קעגענאיבער, צווישן די יידישע שבטים,
זע איך דיך, טאַטע, אין טלית און תפילין,
אַרומגערינגלט פון חבד׳ער ניגונים.
ביסט מתקן תקונים.

קוק זיך אום. גיב אַ קוק אויף מיר, טאַטע.
וואָס זאָל איך טון מיט מיין אומלעבן?
ווער גיט אתערותא דלתתא?
כ׳בין געגאַנגען צו קדושה —
האָט זי געזאָגט: ביזט צו קראַנק.
צו וויניק קראַנק, — האָט געפּסקנ׳ט שגעון.
זעלבסטמאָרד האָט געטאָן אויף מיר אַ צאַנק
מיט הייסע אויגן: איך טויט נישט קיין בר־מנן.

בלויז עצבות האָט זיך צוגעהערט צו מיר,
צוגעקוקט צו מיר,
ווי זי וואָלט זיך דערבאַרעמען.

פאַר דיין זון זיי מתפלל
און פאַר אַלע די, וואָס זיינען געבליבן,
פאַר דער שארית,
וואָס קדושה האָט געטאָן זי מיידן,
שגעון — נישט געלייטזעליקט אירע ליידן,
זעלבסטמאָרד נישט געוואָלט פאַרשניידן.

הבט, — קוק פון קעגנאיבער — וראה!
בעט פאַר מיר און פאַר זיי,
אַז די אותיות א מ ו נ ה וואָס צינדן זיך ווי שטערן
אויף דער אויבערשטער חיה׳ס שטערן
נאַכט ביי נאַכט — אַט די אותיות זאָל צינדן
איבער זייער נאַכט און מיינער
די אייביקע האַנט!
טו תפילה, אַז די סויוועס פון שארית־ישראל
זאָלן ווערן בליצנדיקע בגדים,
אַז פון דעם אומלעבן פון שארית־ישראל
זאָל אַפּערגיין נייער אדם,
דער אדם וואָס וועט אומוואַרפן יריחו —
מלכא־משיחא.

אָקטאָבער, 1947

# מדרש אהרן אויף קהלת

# ודרש אהרן אויף קהלת

א

גאָרנישט מיט נישט, — האָט געזאָגט קהלת.
גאָרנישט פון גאָרנישטן, אַלץ איז גאָרנישט.

אַלץ איז גאָרנישט — און גאָרנישט איז אַ ל ץ.
גאָרנישט איז אַלץ, האָט געזאָגט קהלת.

אַ ווינט קומט אָן און אַ ווינט פאַרוויִיט,
אַ דור קומט אָן און אַ דור פאַרגייט.
וואָס באַשטייט?
דער אַלץ באַשטייט, — האָט געזאָגט קהלת.

ב

אָטעם פון אָטעמס, האָט געזאָגט קהלת.
אָטעם פון אָטעמס, אַלץ איז אָטעם.

עס קרייזט, קרייזט, וואַנדערט דער ווינט.
אייביק קרייזט ער,
ווי זיין מייסטער,
זיין בורא, געבאָט אים:

ער אָטעמט איין, ער אָטעמט אויס —
און קערט זיך אום צום אָטעם.

ג

אַ זון גייט אויף, האָט געזאָגט קהלת.
אַ זון גייט אויף און אַ זון פֿאַרזינקט.
פֿון מזרח קומט די זון און זינגט.
צום מערב לויפֿט זי, אין מערב זינקט זי.
פֿון מזרח קומט זי אָן צוריק —
און ווידער זינגט זי.

ד

אַלע טייכן גייען צום ים,
גייען צום ים, האָט געזאָגט קהלת.

שנעל, ווי שנעל איז
זייער גאַנג!
אַלע טייכן פֿאַרגייען אין ים,
און צום פֿאַרגאַנג איז זייער פֿאַרלאַנג, —
ס'איז זייער פֿאַרלאַנג, האָט געזאָגט קהלת.

ה

נישטאָ דאָ אויף דער ערד קיין נײַעס.
אַלץ קומט צוריק, האָט געזאָגט קהלת.
און נאָכטיק איז דער טאָג — און העל איז
די נאַכט: עס שליסט זיי איין אײַן קרייז.

די זאַכן ווערן מיד און מידער,
קערן זיך אום צו גאָט אין הויז
און רוען זיך אויס —
און דערנאָכמאָל קומען זיי ווידער.

ו

איך, קהלת, בין מלך געווען!
פון אלעם געטאָן געניסן,
כדי צו דערגיין צום וויסן.

און ווען איך בין זיכער געווען, אַז כ׳ווייס,
איז אַרויס פון מיין כלומרשטן וויסן
דער וויִיטיק — און מיך צעביסן.

דער וויִיטיק האָט מיך צעביסן,
נאָר כ׳האָב זיך דערוואוסט, אַז מיין וויסן איז פוסט —
און ס׳האָט מיך געהייִלט מיין נישט־וויסן.

ס׳האָט מיך געהיילט מיין נישט־וויסן.
און נון — ווי גאַנץ מיין זעל איז!
האָט געזאָגט קהלת.

ז

מיך מאַכט דאָס נישט וויסן מיינס קלוג!
דער, וואָס איך קאָן אים נישט ווייסן,
ביי אים איז דאָס וויסן —
און דאָס איז גענוג.

## ח

די וועלט האָט ער אַריינגעטאָן אין זייער האַרץ,
אין זייער האַרץ אַריינגעטאָן די צייט.
אַ צייט האָט ער געשטעלט פאַר אַלץ.
זיי אָבער גייען קרום און זוכן ווייט,
פאַרפּלאָנטערן וועלט און צייט
און זיך מיט זיי,
און דור נאָך דור
טראָגט זיך אַ געוויין און אַ געשריי:
וואָס קומט דאָ פאָר?

געוויין — געוואַלד —
זיי ווייסן נישט, אויף וועלכער וועלט זיי זיינען
און וואו עס האַלט.
די וועלט האָט ער אַריינגעטאָן אין אייער האַרץ,
אין אייער האַרץ אַריינגעטאָן די צייט, —
וואָס שרייט איר, לייט?

ט

אז כ'האָב געזען די פּיין פון די באַרויבטע,
וואָס וויינען אָן אַ טרייסטער,
געזען דעם שטאָלצן רשע אויף זיין פערד, —
האָב איך געזאָגט, אַז וואוילער איז די טויטע:
זיי ליידן נישט פון איבערמאַכט צעבייזטער.
און בעסער נאָך איז די, וואָס זיינען קיינמאָל
נישט געקומען אויף דער ערד.

און לאַנג האָב איך געקלערט און זיך דערקלערט:
ס'הערשט אומרעכט אין די טיילן פון גאָט'ס לאַנד
די אונטערשטע, וואָס זיינען מיר באַקאַנט,
אָבער גבוה מעל גבוה —
העכער איבער העכערס — איז געשטעלט,
און ביז ס'קומט אָן פאַר'ן געזיכט פון דעם געריכט,
וואָס זיצט אין די היכלות,
איז אַלץ פאַרשטעלט.
איך זע נאָר — די התחלות.

י

ס'איז דער בורא אַזוי פּשוט,
אַז דעם מענטשן איבעראַשט עס:
ביכער מערט ער,
מבולט ווערטער —
צו פאַרפּלאָנטערן גאָט'ס פּשטות.

רק ער פּלאָנטערט,
רק ער קשיא'ט און ער קשה'ט.

אָבער גאָט איז פּשוט.

## יא

א שטאָט אַ קליינע — באַשיצער ווייניק.
קליין די שטאָט און גרויס די געפאַר.
פּחדים אַ סך און קנאַפּ באַשיצער:
ס׳באַלאַגערט די שטאָט אַ שטאַרקער האַר.

און אַ מאַן אַן אָרעמער קומט מיט שטילקייט
און איז מציל די שטאָט מיט זיין קלוגן פּלאַן.
נאָר באַלד דערנאָך, אַז די שטאָט ווערט ניצול,
געדענקט נישט קיינער דעם שטילן מאַן.

דער אָרעמער מאַן, דער גוטער יצר,
פאַרשעמט און פאַרגעסן איז זיין ראָט,
און דער גרויסער האַר וועט באַלאַגערן ווידער,
און וויי צו דער שטאָט, צו דער קליינער שטאָט.

## יב

דו זעסט נאָר טײַלן און לעבסט מינוטן —
און דו ווילסט דיין טואונג נישט טאָן דערפאַר,
וואָס דער גוטער קריגט דאָ דעם שלעכטנ׳ס שכר,
און דער שלעכטער — דעם שכר פון גוטן.

זאָג איך דיר: טו!
ס׳דאַרף נישט גאָט דיין פאַרשטייאונג.
זײַ אין דער פרי דיין זייאונג,
אויך דעמער־צייט וויים נישט פון רו.
דאָס ברויט פון דיין טואונג שיק
איבער די וואַסערן — קריגסט עס צוריק,
כאָטש כ׳קען דיר נישט זאָגן ווען און וואו.
איינס זאָג איך: טו!

יג

ס'איז אזוי געמאַכט — האָט קהלת געזאָגט —
אַז אונטן איז אונטן און אויבן איז אויבן.

אַזוי געמאַכט, זאָלסט נישט קענען פאַרשטיין;
אַזוי געמאַכט דו זאָלסט מוזן גלויבן.

איך ווייס דאָס נישט-וויסן און דאָרום
זאָג איך דיר, זון מיינער — ניין, כ'באַפעל עס:

זוך נישט קיין סך און בוי דיין זאַך.
געדענק דיין זאַך, — האָט געזאָגט קהלת.

1947

# באַמערקטע דרוק־פעלערס און אַ פּאָר הערות

אין ליד : „לבנה־שרעק", (זייט 66), ערשטע שורה פון צווייטער סטראָף, אַנשטאָט: וועלפיש שאָטנס זיך דאָס דערפל, דאַרף זיין: וועלפיש שאָטנט זיך דאָס הערפל.

***

אין ליד: „דעם יידנ'ס זייגער", (זייט 144), לעצטע שורה, אַנשטאָט: דער זייגער געמאַכט אויס שערלעד, דאַרף זיין: דעם זייגער געמאַכט אויס שערלעד.

***

אין ליד: „אוונטיקער האַפן", (זייט 257), אַנשטאָט: שטאָט מיט פרעמדע נאָמען, דאַרף זיין: שטאָט מיט פרעמדן נאָמען.

***

אויף זייט 468 דאַרף דער נאָמען פון ליד זיין נישט: „אַליין מיט גאַרנישט", נאָר „אַליין מיטן גאַרנישט".

***

אין ליד: „שוואַרצער קאַרנאַוואַל אין קובא", (זייט 222), לייענט זיך די לעצטע שורה, אין אַ קליינער צאָל עקזעמפּלאַרן, אַזוי: „און ברוינזנדיקער חוזק איבער דיינע ווייסע שלעגער". דאָס וואָרט „דיינע" איז דאָרט איבעריק.

***

אין ליד: „געזאַנג לכבוד ירושלים עיר־הקודש", (זייט 443), אין דער שורה: „דער אור, וואָס האָט אין אור־צייט אויפגעהעלט", — איז דער ערשטער „אור" מיט אַ חולם, דער צווייטער (אור־צייט) — מיט אַ מלאָפום (או).

***

אין: „יוגנט־ליד" (זייט 10), נאָך שורה 5 (גערעכנט פון אויבן), איז אַרויס־געפאַלן די פאָלגנדיקע שורה: „אַלץ איז נעגל, אייביק נעגל — "

***

אין ליד: „מנחם בן עמיאל" (זייט 192), צווייטע שורה פון אויבן, פעלט אַן „און" — עס דאַרף זיין: „און צו דער תורה איז ער עולה".

***

אונטער דעם ליד: „זומער 1937", (זייט 188), איז על־פּי־טעות אַריין די דאַטע 1934.

***

די דאַטע אונטער'ן ליד: „פון טאָג־בוך", (זייט 263), דאַרף זיין: מערץ 1939, נישט 1931.

***

די קאָרעקטע דאַטע אונטער דעם ליד „מיסטעריע", (זייט 163) איז 1940, נישט — ווי ס'איז געדרוקט על־פּי־טעות — 1944.

צו דער פּאָעמע: „זינגד און טויט פון דע־האָן, דעם קראַנקן ייד".

א) דאָרט, זייט 104, שורה 9: ביזט ברויט מיט ברויט. פאַרגלייך: נהמא בנהמא („הני בבלאי טפשאי דאכלי נהמא בנהמא").

ב) דאָרט, זייט 105, שורה 9: לועס (אַקצענט אויפן ערשטער זילב) — סיפילים. דאָסזעלבע וואָרט אויף זייט 542, אין ליד: „פון פרי באַגינען ביז שפּעט ביינאַכט".

⁂

אין דער פּאָעמע: „אַ מאַלאַריע־נאַכט", זייט 410, איז הוירע — אַ יידישי־זירטע פאָרם פון: הורה (האָרא).

⁂

אַסטראַל — מיינט דער אַסטראַל־לייב פון אַ טויטן; אַ גייסט־דערשיינונג.

⁂

צום ליד: „אליעזר בן־פּדת": דער סוף איז דאָ ניואַנסירט אַנדערש ווי אין דעם תּלמודישן מקור.

# אינהאלט פון ערשטן און צווייטן באנד

# ערשטער באַנד

באמערקונגען

אנשטאַט אַ ווידמונג

**שאָטנס אויפ'ן שניי** .................................. 71 — 9

געשריבן אין 1913; יוגנט-ליד; פון באָדלער'ן; אַ שטומפּ; אָדם-חוה ביים ים צוקאָפּנס; סטאַקאַטאָ; נאַכט פון טבת; דריי; סמאָל; דול-הויז; שעה'ן; גרייטקייט; די מרה-שחורה; קוואַדראַט אין אַ קוואַדראַט; נאַכט פון קליפּות; אַ פערד אויפ'ן רעגן; קוקו; אַסטראַל; נשמות; איך און עכאָ; די זון האָט געפּלאַצט; פרעש; מיר בלינדע; פעדים פון סוף זומער; וועלף; מתים; פאַר נישט-גלויבן.

אַ כרוב; בעטלער; ראַביאַ; אַלקאָראַניש; תיקון; אַ תפילה; אַפּאָטעאָז; קאָראַן-מאָטיוו; גלגולים-ליד; נישטאָ קיין סוף; דערבאַרעם זיך; אורחים; פאַרביי; עולם-הבא'דיקע גאַסן; ברונעם-שטאַנגן אָוונט-צייט; התגלות; אור-פרוי; תטהרו; עולימתא; דער רעאַליזם פון אַ ייד; פון סיני ביז ניסקע; אָן גאָט; זיין אַ ייד; איבערלעבונג; אחד. — רות; צוויי פאָר אויגן פאָרן פאַרביי; יידיש-פּויליש; אָן לבוש; זקן און פאַווע; יידישער ראָמאַנס; אַ טורעם; פאַר אַ ווייסער וואַרשע; פלאַטערדיקע ליפּן; אַ חתונה; אַ גאַסן-מיידל; טויט און תאוה; די ליבע און דאָס שטאַרבן.—וועלט-געפּיל; רעגנס; אַ צוג אַנטלויפט פאַר לילית'ן; אַ בשורה; שוואַרצע באַלאַדע; אַ לבנה אויפ'ן דערפל; אַ בעכער; לבנה-שרעק; פאַר'ן מלאך דומה; אַ געשטאַלט פון פאַרנאַכטליך; דער האַר שגעון; און שטאַרב איך; נייע שפּראַך; ביימער ערב פרילינג.

**לידער נאַציאָנאַל - סוביעקטיווע,**
**חורבן-לידער און משיח-לידער**........................ 208 — 75

הויך איבער די שלאַכטן; אַלאַרם; הרוגים; אַ חלום פון נאָך מאַידאַנעק (א'—ח'); מאָנאָלאָג אין פליענעם יידיש; אויף די חורבות; צווישן פלאָצק און וואַרשע; די לעצטע ווייטקייט; אַמאָל אין פּוילן; דאָס אויג פון דער טרער; דו ביסט דאָ; זינגד און טויט פון דע-האַן, דעם קראַנקן ייד (א'—כ"ח); וואַרשע אין 1912; דער באַפעל; ווען איך שטיי ביים העלן האָדסאָן; ס'פּנים פון דערלייזער; מיר יידן היינטיקע; סולטאַן אַל-יהוד; צו אַ יידישער טאָכטער

אין אַמעריקע; נאָכקלאַנג צו „ביינאַכט אויפ'ן אַלטן מאַרק"; דניאל (א'—ג'); ישראל'ס אַשן; נייער אברהם; שלאָף-ליד צו זיך אַליין; אחרית-הימים; דעם יידנ'ס זייגער (א'—ח'); אין דער פרי; בישטאָ קיין טרויערן; כ'האָב ניט געהאַט די זכיה; תפילה לאהרן; מיר יידן זיינען נישט פון אַט דער וועלט; תחית-המתים; ניו-יאָרקער עלעגיע; האַמליער פּאָגראָם; אַ הויף אין ווילנע 1905; דאָ לעבט נאָר מיין אַסטראַל; שוצקעלער ליד; אַ מקובל אין שוצקעלער; אַ כראָניק געווען אין ציַיטונגען; אויפ'ן וועג צווישן גרענד-רעפּידס און דעטראָיט; מיסטעריע; אַ שאָטן אין וואַרשע; ישראל צבאות; רחל; נצחיאל; אַרמילוס (א'—ה'); משיח-ליד 1933; שבתי צבי; אדם, שבת, משיח; בעסער, גאָרנישט אויסער ווערטער; אָן גאָט און אָן אַ ייד; זומער 1937; קבלה-ליד וועגן צווייטן וועלט-קריג; מנחם בן-עמיאל; דאָס ליד פון דוכרא און נוקבא; שטורעמליד; ליד פון לעצטן אינטערנאַציאָנאַל; ווידער; ליד פון דער נאַכט אויף די דעכער; עס רופט דער גאָט פון די יידן; שטאָם; ליד פון אַ משומדת; זונטיק אויף וואַשינגטאָן סקווער; מאָרגן; פּעטער סטאַיוועסאַנט; יידישע לאַנדשאַפט; אויפ'ן קבר פון שרה אהרנסאָן אין זכרון-יעקב.

## עזאַטערישע פּאָעמע ········· 217 — 211

עזאַטערישע פּאָעמע (א'—ד').

## לידער, געשריבן אין, אדער וועגן, קובאַ ········· 239 — 221

קאָנטעמפּלאַציע ביים קאַריבישן ים; שוואַרצער קאַרנאַוואַל אין קובאַ; פאַרנאַכט אויפן מאַלעקאָן; בלאַנקלאַנד; ניו-יאָרקער עלעגיע, געשריבן אין האַוואַנע; אַ דאָרף אַ שטילס און אַ הויכס; ס'אויסערמענטשליכע; האַוואַנער עלעגיע; אויפ'ן טויט פון אַן אַכצניעריק האַוואַנער מיידל; געשריבן אין האַוואַנע די ערשטע וואָכן פון קריג; צושריפט צום ליד פון האַוואַנע 1937; קאַרמענסיטאַ, אָדער די דורות-קייט; הספד אויף אַ סינסאַנטע; ליד וועגן קאָפּ פון אַ בוים; גראַן-סירקאַ; עלעגיע אויף אַ יידישן דיכטער; האַוואַנער פאַרנאַכט; פאַרנאַכט אין וועדאַדאָ ביי האַוואַנע; דער אַלטער העבר גינטער; שורות געשריבן אין קובאַ; די שרים פון די שטאַמען.

## פאַרמישטע בלעטער ········· 318 — 243

טויט און קינדהייט אין סינסינעטי; אַ גייסט; די מאַכט, וואָס איז מענטש; דער צווייטער — דער באַגלייטער; נאָענט; דער קאָפּ; געשריבן אויף דער שיף „אָריענטע"; הימלען; ווערטער אַ פּאָר; שלאָף; אויפ'ן טויט פון דער

שוועסטער; דעם זייגער׳ס שפּראַך; טייוול; געבעט-ליד פון אַ זינדיקן; טויט; פרוי; אָונטיקער האָפן; צוגן ביינאַכט; ליד צו די, וואָס באַווייגען טויטע; ליד צום פּאָעט; ווייטע הענער פאַרטאָג; אַ נסיעה; ליד צו זיך; וועלט-פרוי; פון טאָג-בוך; גילגולים; טויט-געפיל; הויך און איינזאַם און דער ערד פאַרדעכטיק; הינטערשטאָטישער פאַרנאַכט; הינטערשטאָטישע באַלאַדע; ווי אויף איר שטאַנג אַ מידע הון; זעקס שורות; ביידע אַליין; שאַפּענישע מעלאָדיע; רייד צו דער קראָ; קינדער־קאָפּ אין ליכט; דער פאָדעם פון שווייגן; מהר״ל-שול; אַ לאַנד-הויז אין שטאַט ניו-דזשוירזי; געשריבן אין העמפּטאָן-טאָונשיפּ; קאַפּויר; אַ יובילייַ; אַ מעשה; ביים לייענען אַ פילאָזאָף; פערזן וועגן נס און נסיון; אַ געזעגנס; אַ הויז אויף ריווערסייד דרייוו; אויף אַ סעמעטערי; די באָבע פאָרט פון אַ חתונה; אַ טויטע פעל; אַ נאַכט-ליד; דאָס פענסטער; דער טויט; האַמלעט; קעניג ליר; מע לאָזט נישט; אַ זמר; מאָרגנשטערן; אַ פרוי; גאָט, דו האָסט אויפגעהערט גלויבן אין מיר; שולד און אויסלייז; אַנונג; צום ערשטן שאָטן; דזשעסיקאַ; שלאָפן; אויסטערליש; עלעגיע ביים ים; לאַנדשאַפט; דאָס דריטע; פּאַסטאָראַל; אַ קאָפּ; פון קעגנאיבער קלינגט מען אַריבער; פאַרבײַ-פלי; אַ ליד פון טאָגבוך; אַ צווייט ליד פון טאָגבוך; אַ דריט ליד פון טאָג-בוך; ווייב, דורך איין פינצטערניש; פון דער ריגווערא; אין דולהויז, אָדער צווישן גאָט און גאָר נישט; מערדער און ווערטער; אַ מענש פאַרנאַכט (א׳—ט׳).

## צווייטער באנד

**יוסף דילה־ריינה** ........................................ 361 — 327

יוסף דילה-רינה (א׳—י״ג).

**נאָך פּאָעמעס, גרעסערע און קלענערע** .................... 427 — 365

חירם דער גאָט (א׳—ח׳); דער צאַר און דער „תניא" (א׳—ח׳); דער רבי ר׳ נחמן (א׳—ו׳); דער ויכוח אויפ׳ן בוידעם-שטיבל (א׳—ח׳); דאָס יאָר 1492; אַ מאַלאַריע-נאַכט (א׳—י״ב); טיף איז דער טאָג, אָדער ס׳ליד פון די פענסטער (א׳—ח׳); ווען אדם האָט פון עץ-הדעת געגעסן; אליעזר בן-פּדת.

**נאָך לידער נאַציאָנאַל־סוביעקטיווע,**
**חורבן־לידער און משיח־לידער** ........................ 483 — 431

צווישן שול און בית-עלמין; געזאַנג לכבוד ירושלים עיר הקודש; ליד צו מיין פאָטער הלל צייטלין; דאָס בלוט פון מיין זיידן; רייזע אין אַ פאַרקערטער ריכטונג; אַ ייד; נישט גע׳צדיק׳ט, נישט גע׳רשע׳ט; די תליה; צפת — היינט; יאַנואַר 1938; האר פון די קאַטאַסטראָפן; גאַלאָפּ פיר סטראָפן; דנאָען (א׳—י׳); די נעסט פאַרשווינדט; וויזע צום אָבגרונט; אַליין מיט׳ן גאָרנישט; קליינע פּאָעמע וועגן געטע און פראו הילדע, לערערין פון דייטש; נאָך אַ קליינע פּאָעמע, געשריבן 1946 וועגן פראו הילדע, און דער הער פאָן געטע; שטויב; הונט פון אָבגרונט; געשריבן 16-טן אויגוסט 1945; ליד אין צייטונג-שפּראַך; קליפּות, יסורים, גלאַבאַלער בעש״ט; אמונה; דאָס אני-מאמין-ליד; שקדשנו; בן־יוסף און בן-דוד; שטימען טראַנסרעאַלע; משיח בן-מאַידאַנעק.

**אַ בינטל לידער פון 1933** ............................ 497 — 481

סעקרעט פון אַ זקן; פאַראויסגעשיקטער גייסט; באַריכט; פאַרשפּיר; די אומענדליכע גאַס; הענט אין דער פינסטער; אור-פּונקט; טעאַטער; טעקסט; איבערלעבונג בעת זונפאַרגאַנג אין ירושלים; גאַנג דורך פאַרמען.

**לידער אַן אַ סדר** ........................ 460 — 501

שטום איז זייער צונג; ביי דער מאַמען אויבן; ווי אַזוי אַ מענטש איז געשטאָרבן אין שלאָף; פאַרטאָג איז זי געלעגן בלויז; דאָס ליד פון טויט אין פאַריזער קאַפּע-הויז; חופּה-נאַכט-ליד; ליד פון מת און קינד; טויטלאַנד, אָדער די לעצטע טיר; אַ באַנקעט; קאָנטראַסטן; נישט דיר און נישט דער ערד; און ס׳קינד משיח איז אַלץ נישט געבוירן; ליד פון דער מיל; די זון הינטערן רעגן; סך-הכּל׳דיקס; ווערטער; בייזער פרילינג; ים-סאָנעט; ליד צו די הונגעריקע; שפּאַט-ליד אויף די פעדער-לייט; באַשווערונג; העט, איבער שוואַרצע טייכן; פאַריזער נאַכט; וואונדער; ווי דער משוגענער און ווי די זונה; טראַנס; ליד אין עברי-טייטש; דיכטונג; לבנה און הונט; אויטא-פּאָרטרעט; געשריי אין דער נאַכט; קאָסמישער ניין; שיף און פּאַסאַזשיר; צוועלף האַרבסט-שורות; פון פרי באַגינען ביז שפּעט ביינאַכט; ליד פון טויט און קנאָספּן; טעג; גאָט-געפיל; אַ נייער דף; דריי קאָרטן; קאָסמישער צענויפטרעף; געשפּרעך מיטן טויט; פרוי נשמה; מערדער פון געשפּענסטער; אַ קינה; געבעט; ליד פון שבתי צבי דעם משומד צו זיין חלום מעליסעלדאַ; צוג אין טונעל; דער נישט; קינדער שטאַרבן שטענדיק; מעדיטאַציע ביים ים פון די קאַריבן; אַן אַלטער דיכטער; אַ זיבעלע; חדר-צייט; אותיות; נול, איינס, צען; טאַליע; די וואַשינגטאָן בריק; אַריינפיר צום אַהין; פאַרביי אַן אַלטן ברונעם גיי נישט; לעבעדיקע און טויטע; שוין און נאָך; דער טויט דאַרף דאָס קישן; דיין נשמה׳ס אויסזען; אומבאַקאַנטער בעטלער; דער בדחן דערזעט דעם מלאך-המות אויף דער התונה; סיגנאַלן; בית-עולם-אידיליע; לערן פון אַ לאַמטערן; ברינדיזי 1921; דער גלח שלאָגט זיין גאָט; דערזעאונגען; לאַנדשאַפט פון גנאָד און קינדהייט; זאַכן; זון פון האַרבסט; הינט און שטערן; אַן ארץ-ישראל-נאַכט; ארץ-ישראל-לידער (א׳—ב׳); בית-לחם; אומזיסט; הילולא אין מערב; שרפים; אַ שיין מאָראַליש ליד פון חנה׳לע דער משומדת; ליד פון אַ מקובל; אַז דער אהרן שלאָגט דעם אַהרן; איבער דיין קבר וועט הימלען; צו גאָט געהערט די נאַכט; בראשית; פון אומבאַקאַנטקייט טיפער; צייכן מיט מענטשן-כתב; אַרויס; צוזאַמענזיין אין דער מינוט; געוועזנקייט; וועגן זיך; אור-אַמאָליקע באַקאַנטשאַפט; יידן; אני מאמין בביאת ישראל; צו-גאַסט; ווייל ס׳איז דאָ אַן ענטפער; אַ זון אַ צווייטע; ערד, וואולקאַן און דממה דקה; דעם מקובל׳ס שלאָף-געזאַנג; צו מיין פאָטער — קעגנאיבער.

**מדרש-אהרן אויף קהלת** ........................ 619 — 626

מדרש-אהרן אויף קהלת.

געזעצט און געדרוקט ביי
מאַרסטין פרעס, אינק.,
228 איסט 45 סט., ניו-יאָרק
אייגנטימער: ישראל לאָנדאָן

438